NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02532

DER HEYLIGER SHABES

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעזרת השם יתברך

דער הייליגער שבת

שפאנענדע ערציילונגען, אינטרעסאנטע פאסירונגען, בילדער און שילדערונגען, פערל ווערטער און בליציגע געדאנקען פון די גאוני ישראל און גדולי הצדיקים איבער דעם הייליגן שבת

דריטער טייל

צוזאמענגעשטעלט און רעדאקטירט
פון

מנחם מנדל

ירושלים תשמ"ג

All rights reserved
Jerusalem, Israel

©

כל הזכויות שמורות לעורך ומו"ל
מנחם מנדל

נדפס בארץ ישראל

Printed in E. Israel

סדר צלום
"דפוס הנחל"

אינהאלט

ערשטער קאפיטל: **מזמור שיר ליום השבת** ז — סח

די ברכה פון שבת ט

דער טעם שבת יד

ער קען נישט שלאפן... כ

א טייערער דימאנט כב

א שבת און א שבת... כה

עס צאלט זיך אויס ל

ווער איז דער גאסט? לו

מיט צובראכענע ביינער מ

דער פארשטערטער שבת מג

איבריגע רייד נג

מיט פארטרערטע אויגן סה

צווייטער קאפיטל: **וקראת לשבת עונג** סט — צו

פראכטפולהלער שבת עא

מיר און זיי עז

שבת פארטאג פב

שבת נאכן שלאף פד

אין א זומערדיגן שבת פט

הערבסט שבתים צג

דריטער קאפיטל: עשה שבתך חול צז — קכ
נאר איין שבת צט
א פסק הלכה קה
דער חלום פון דאקטאר קיג
נהנה זיין פון מעשה שבת קטז
פינסטערע ליכט קיח
דער שבת — א רפואה קיט

פערטער קאפיטל: סועדים בו לברך קכא — קמח
צוריק א ברודער קכג
פארשעמען א אורח קל
קידוש אויף חלה קלט
וויין אויף קידוש קמב
נשמות אין די פיש קמד

פינפטער קאפיטל: רעוא דרעוין קמט — רו
מיטן כח פון תמימות קנא
מוצאי שבת אין שוהל קנו
א שלש סעודות תורה קנח
א מאמענט פון התעוררות קעב
דער כח פון נגינה קעו
דעם זיידנס שלש סעודות קפב
צו יציאת נשמה קפז
פארן אויסגאנג קפט
העלף, רבונו של עולם! קצב
תחתונים למעלה.... קצד
שבת פארנאכט ביים חפץ חיים קצח
שמעקן בשמים רג
שבת אויסגאנג ביי חסידים רו

זעקסטער קאפיטל: **סעודתא דדוד מלכא משיחא** רז — רפח

וועז מען קען זיך אויסבעטן רט
צוליב א ריינע כוונה ריב
א סגולה צו דערציילן ריח
דער אלטער ביי די סעודה רכב
די ביטע פון דוד המלך רלב
אנשטאט צו ברעכן אייז רלד
נישט צושטערן די שמחה רלו
ווער איז דער פריץ רלט
דערלאנגט א זכות אין הימל רמד
באשיצט פון אלע צרות רנב
נאר איין כזית רנז
נאך איין "מלוה מלכה" רס
באגנבעט די פיש רסו
בעקומען זיין תקון ערב

ערשטער קאפיטל: **מזמור שיר ליום השבת**

די ברכה פון שבת
דער טעם שבת
ער קען נישט שלאפן...
א טייערער דימאנט
א שבת און א שבת...
עס צאלט זיך אויס
ווער איז דער גאסט?
מיט צובראכענע ביינער
דער פארשטערטער שבת
איבריגע רייד
מיט פארטרערטע אויגן

ערשטער קאפיטל

מזמור שיר ליום השבת

די ברכה פון צדיק

לייביש איז געווען א אמת'ער טיפ ישוב'ניק פון יענע דורות מיט איבער הונדערט יאהר צוריק. אין א דארף ארום טשערנאוויץ איז ער געבארן געווארן, און ווען זיין פאטער איז געשטארבן, האט ער גע־ירשנט זיין פאטערס פאכט און קרעטשמע, און האט זיך אזוי געלעבט אין זעלבן דארף ווי א ישובניק.

ווען ר' יאסל, א נאהנטער מקורב צום הייליגן באר־מים־חיים זיע"א, איז אריינגעפארן צו לייביש'ן אין קרעטשמע, אין א געוויסן פרייטאג אין דער פריה, האט ער געטראפן לייביש'ן שטייענדיג אין דרויסן נעבן זיינע קיה, ער האט צוגעהאלטן מיטביידע הענט א צו־ווילדעוועטע קוה ביי איהרע הערנער, און די גוי'טע האט איהר געמאלקן.

לייביש איז דאמאלס געווען אנגעטאן אין א קליין שטארק אומריינעם טלית, א גרויסער אבגעריבענעם של־ראש איז געווען פאררוקט אביסל אין א זייט, און דער דאשעק זיינער האט זיך קוים געהאלטן אויפן אונטערשטן זייט קאפ. אין זיין געדיכטע הארט־האריגע בארד איז געווען פארטשעפעט דא און דארט שטיקלאך היי.

ווען לייביש האט דערזעהן ר' יאסלען, איז ער איהם אנטקעגן געלאפן און איהם דערלאנגט ביידע הענט זאגנדיג הויך וואו ער האט געהאלטן אין דאווענען "לבדו פועל גבורות עושה" נו! נו! — האט ער געוואונקען צו ר' יאסלען און איהם צוגעפירט צו א קאסטן וואס איז געשטאנען אויפן פעלד און איהם אוועקגעזעצט, אליין האט ער זיך אוועקגעשטעלט נעבן א בוים ענדיגן דעם דאווענען.

לייביש האט ענדליך אריינגעפירט ר' יאסלען צו זיך אין הויז.

— "מאשע! — האט לייביש געשריגן צו זיין פרוי וועלכע איז

געוועזן באשעפטיגט אין קיך — מיר האבן ב״ה א חשוב׳ן אורח אויף שבת״.

און ווען מאשע איז ארויס צו זיי, האט לייביש געזאגט צו ר׳ יאסלען.

— ״מיין מאשע איז א האלבע רעבעצין, זי איז געוועזן א היבש ביסל יאהרן א דינסט ביי א רב אין הויז, איהר מעגט אלעס רוהיג עסן״

— ״וואס הייסט א האלבע? — אינטרעסירט זיך ר׳ יאסל מיט א כוונה — זי פסקנט האלבע שאלות אליין...״

— דער רב זאל טראגן א גוטן זכות פאר אונז — האט מאשע מיט א אמת׳ע תמימות געענטפערט, נישט פארשטייענדיג דעם וויציגן שטאך — פלעגט זאגן, אז דער וואס ווייס ווי און ווען צו פרעגן א שאלה, איז שוין א האלבער רב.

— ״איך האב דא א מקוה אויך — האט לייביש געזאגט — ר׳ שמואל יוסף דער מורה הוראה פון די נאהנטע שטעטל האט איהר געפלאנעוועט און גע׳כשר׳ט״.

★

א גאנצן טאג האט לייביש געארבעט אויף זיין שטייגער אין פעלד און אין שטאל, ביי די עופות און קיה און ביי די מיסט, היימיש און אינטימיש פארברייננגט ער מיט די פויערן ביי די ארבעט און מיט די וואס זענען אריין אין קרעטשמע כאפן א ביס אדער א זופ, אזוי ווי ער וואלט געוועזן איינער פון זיי.

ווען ס׳איז שוין געוועזן גאנץ שפעט, איז נאך לייביש געזעסן אויף א קופע היי מיט נאך עטליכע פויערן און געשמועסט מיט זיי זייערע פוסטע רייד.

ר׳ יאסל וואס איז שוין געוועזן אנגעטאן שבת׳דיג, און האט שוין אפילו געענדיגט מעביר־סדרה זיין, ער האט זיך שוין געגרייט צו זאגן שיר־השירים, — איז ארויס אויף א ווײלע אין דרויסן, ער האט זיך פארוואונדערט צו זעהן ווי לייביש זיצט נאך אזוי שפעט רוהיג, און אט

אזוי ווי ער שטייט און ישוב׳ט זיך צו ער זאל איהם באמערקן דערויף צו נישט, זעהט ער ווי לייביש שפרינגט פלוצלונג אויף און נעמט לויפן אהיים. פארבייגייענדיג ר׳ יאסלען זאגט ער איהם:

— ״איך דארף שוין גאר נישט קוקן אויפן זייגער, איך דערשפיר שוין ווען דער הייליגער שבת קומט אן״...

אומגעפעהר אין א שעה ארום, איז ר׳ יאסל ערשטוינט געווארן צו זעהן לייביש׳ן אריין קומענדיג אין גרויסן צימער וואו די שבת־ליכט האבן שוין געברענט אויף דעם שיין געדעקטן טיש, ער איז געווען אנגעטאן א שיינע שווארץ זיידענע בעקישע ארומגעגארטלט מיט א זיידענעם גארטל, גלאנצענדע שטיוואלאך אויף זיינע פיס, א שיינעם סויבלענעם שטריימל אויפן קאפ, און די בארד גוט צוקעמט. ס׳האט זיך אויסגעדוכט אז די בארד איז זיך פלוצלונג צוואקסן אין דער ברייט, און שיין. עפעס א קדושה׳דיגער הערליכער שיין האט געשטראלט אויף זיין געזיכט.

ר׳ יאסל, וואס צווישן די טשערנאוויצער חסידים האט מען איהם גערופן ״דער שרף״, ס׳האט געפלאקערט ארום איהם ביי עבודת ה׳, אט דער ר׳ יאסל האט זיך איצט פשוט דערשראקן פאר דעם ישובניק, ווען ער האט זיך געשטעלט זאגן הודו פאר מנחה, ר׳ יאסל האט געפיהלט התבטלות פאר דעם ישובניק.

די זאך איז געווען פאר ר׳ יאסלען א וואונדער, מיט איינינגע יאהר צוריק האט ער דא פארבריינגט א שבת, דאמאלס האט לייביש געפראוועט א שבת נישט מעהר ווי א ישובניק, און היינט א גאנצע וואך דער זעלבער ישובניק ווי געווען, און שבת ממש ווי א צדיק הדור?

ביי דעם טיש צו די סעודה האט זיך ר׳ יאסל געשפירט ווי ער וואלט געזעסן ביי דעם הייליגן באר־מים־חיים. לייביש איז געזעסן צו דער סעודה מיט עפעס א אויסערגעוויינליכע דערהויבנקייט, געזונגען זמירות מיט א טיפע דבקות, און אפילו דער עסן איז געווען ווי די אויסגעארבעטע גרויסע צדיקים עסן שבת.

ר׳ יאסל איז אבער נאך מער ערשטוינט געווארן, און די זאך איז געווארן פאר איהם ממש א רעטעניש, ווען ער האט פארזוכט ארויפפיהרן א תורה׳דיגן שמועס אזוי זיצנדיג ביים טיש, דא האט ער זיך צוריק אנגעשטויסן אין לייביש דער פשוטער ישובניק, נישט נאר לייביש האט גארנישט געזאגט עפעס א תורה׳דיגן ווארט, נאר ר׳ יאסל האט דערשפירט אז אלעס וואס ער זאגט צו לייביש׳ן אין תורה איז גלייך ווי ער וואלט גערעדט צום וואנט...

ר׳ יאסל האט אריינגעקוקט אין לייביש׳ס אויגן, ווען ס׳האט זיך אויסגעדוכט אז ער איז אין העכסטן עקסטאז פון הייליגן התלהבות, האט ער באמערקט א מין טויטקייט אין די אויגן זיינע, ס׳האט זיך אנגעזעהן א געוואלדיגער קאנטראסט צווישן דער גאנצער הייליג צופלאקערטן וועזן פון לייביש׳ן און די פארגליווערטע פראסטקייט פון זיינע אויגן...

אזוי האט לייביש אנגעהאלטן די שבת׳דיגע וואונדערליכע שטימונג ביז מוצאי שבת נאך מלוה מלכה, ווען ער איז מיט א געוואלדיגע פלוצלונגקייט אראפגעפאלן צו זיין נארמאלן ישובניק שטימונג.

ר׳ יאסל האט געפרובט חוקר ודורש זיין לייביש׳ן פון וואס פאר א קוועלע שעפט ער דאס אזא שבת׳דיגע שטימונג, אבער לייביש האט נישט געוואלט ענטפערן, ענדליך ווען ר׳ יאסל האט איהם שטארק צוגעדריקט, האט ער געענטפערט:

— ״ס׳איז א ברכה פון באר־מים־חיים, פאר א טובה וואס איך האב איהם געטאן״...

— איך האב אמאל געהאט די זכיה — האט לייביש אנגעהויבן דערציילן — אז דער הייליגער באר־מים־חיים איז איינגעשטאנען ביי מיר אויף שבת. פרייטאג פארנאכט, באמערק איך ווי ער איז צורודערט און באזוכט גרונטליך זיינע קעשענעס. האב איך איהם געפרעגט: ״רבי, וואס זוכט איהר?״ ענטפערט ער מיר: ״ס׳שיינט מיר אז איך האב פארלארן 100 רובל״. האב איך פיהל נישט געקלערט און איהם געזאגט:

— זארגט נישט, רבי! איך האב דאס דא אין הויז געפונען. — און

אזוי רעדנדיג דערלאנג איך איהם 100 רובל פון מיינע געלד.

זונטאג ווען דער רבי האט זיך געגרייט צו פארן אהיים, האט ער זיך אנגעטאהן דעם רייזע חאלאט, און דארט האט ער געפונען אין קעשענע די 100 רובל.

ער האט מיר אנגעכאפט ביי די האנד און האט מיר געפרעגט:

— ״פארוואס האט איהר דאס געטאן, אויסלייגן פון אייער כשר אויסגעהארוועטע געלד פאר אומזיסט״.

האב איך איהם געענטפערט:

— ״איך האב געוואלט אז דער רבי זאל נישט האבן קיין פארשטערטן שבת״.

דער רבי האט דאמאלס א שמייכל געטאהן און זיך א ווײלע פארטראכט, דאן האט ער צו מיר געזאגט: דו האסט דאך אבער געמיינט ערליך, וואס איז דיין פארלאנג איצט פון מיר?

האב איך איהם געזאגט:

— ״איך וויל שפירן דעם טעם פון הייליגן שבת אזוי ווי דער רבי שפירט״

דער רבי האט מיר דאס דאמאלס פארשפראכן.

קומענדיג אין טשערנאוויץ האט ר׳ יאסל דאס דערציילט פאר דעם באר־מים־חיים זיע״א, האט דער צדיק א שמייכל געטאן און געזאגט:

— ״נו! ער האט געבעטן א שבת פון א צדיק האט ער זיך דאס אויסגעבעטן״...

★

אין יאהרן ארום ווען ר׳ יאסל האט דערציילט די מעשה פאר חסידים, האט ער דאס געגעבן צו פארשטיין מיט א משל: ווי ס׳פארט א דאמפ־שיף אין ים און נאך איהם שלעפט זיך נאך א קליין שיפל וואס איז צוגעבונדן צום דאמפפער...

דעם טעם שבת

אין דער שטעטל מאסיעוו האט געוואוינט א איד וואס מ'האט אים גערופן אין דעם גאנצן געגנט מיטן נאמען "הערש מאסיעווער".

אט דער הערש מאסיעווער איז געווען באקאנט איבעראל פאר א פראסטער מענטש און א גרויסער לץ, אוואו עס איז אים נאר אויסגעקומען האט ער פרובירט צו טרייבן ליצנות און אפצוחוזק'ן פון אלעס, סיי אינדערהיים, סיי אין בית המדרש און סיי ביי די געשעפטן.

זיין פרנסה האט ער געצויגן פון דעם וואס ער איז געווען א גרויסער בהמה סוחר. ער פלעגט פארן אויפן מארק קיין טשערנאוויטץ און דארט פלעגט ער איינקויפן בהמות און פערד, און ער האט עס ארומגעפירט צו פארקויפן אין אנדערע שטעט.

אין יענער צייט איז געווען רב אין די שטאט טשערנאוויטץ דער באוואוסטער גאון און קדוש רבי חיים טשערנאוויטצער זי"ע (דער מחבר פון די ספרים באר מים חיים און סדורו של שבת)

איינמאל האט זיך געמאכט אז פונקט ווען הערש מאסיעווער איז געשטאנען אויפן מארק, איז פלוצלונג אנגעקומען דער רב פון שטאט.

עס איז געווען אינדערפרי. די סוחרים האבן זיך שוין געריכט אנצוהויבן מיט די געשעפטן, זען וואו עס האלטן די פרייזן, וואס עס איז אלץ פארהאן צו באקומען אויפן מארק. די צייט איז קורץ און מ'דארף זען אויסצופירן דעם ציל צו וואס מ'איז אהער געקומען.

הערש מאסיעווער האלט אבער נאכנישט דארט, ער שטייט נאך אין מיטן פון א קופקע סוחרים און טרייבט ליצנות, הנאה האבנדיג ווי זיינע חשובע צוהערערס שטייען ארום אים און שעפן חכמה פון זיין מויל מיט גרויס הנאה.

און פלוצלונג... ווערט שטיל, דער רבי איז אנגעקומען אין מארק.

דער לץ וויל אבער נאך אלס נישט זיין שטיל, ער עפנט זיין מויל מיט א ליצנות׳דיגן טאן און פרעגט: — וואס וויל דא דער רבי?

דער הייליגער רבי חיים טשערנאוויצער האט זיך געגעבן א שטעל אפ און האט זיך אנגערופן מיט גרויס ערנסטקייט:

— ״איך בין עוסק אין א דבר מצוה, איך דארף זייער נויטיג האבן א גרויסע סומע געלד פאר פדיון שבוים״.

דעם ביז איצטיגער לץ, הערש מאסיעווער, האבן די ווערטער פון רבי׳ן — צו יעדנס וואונדער — זייער שטארק אדורכגענומען אז ער האט זיך אנגערופן, שוין מיט גרויס דרך ארץ און יראת הכבוד:

— ״וויפיל געלד דארף דער רבי האבן פאר דעם צוועק״?

— ״פופצן הונדערט גולדן״ — ענטפערט דער רבי.

הערש טראכט נישט קיין סאך, און וויסנדיג אז ער האט טאקע ביי זיך יעצט פונקט די פארלאנגטע סומע פון פופצן הונדערט גולדן וואס ער האט געברייגט אהער אין מארק צו האנדלען דערמיט, האט ער גלייך געכאפט די גאנצע פופצן הונדערט גולדן און עס דערלאנגט פארן רב, מקיים צו זיין דערמיט די גרויסע מצוה פון צדקה פאר פדיון שבוים.

ווען דער רב האט דערזען ווי דער פשוטער מענטש האט אוועקגעגעבן מיטאמאל אזא גרויסע סומע געלט, האט ער אים גלייך געבענטשט מיט א ברכה:

״דער באשעפער זאל העלפן אז דו זאלסט שפירן א טעם אין שבת״.

★ ★ ★

זעלבסטפארשטענדליך האט שוין הערש מאסיעווער דאס מאל גארנישט געקויפט אין מארק, נישט איבערלאזנדיג ביי זיך אפילו אויף שפייזן אהיימצופארן. קוים האט ער זיך צוזאמען געבארגט ביי גוטע פריינד די שפייזן צו פארן צוריק אהיים.

אנקומענדיג אהיים און זעהענדיג אז ר׳ הערש איז געקומען מיט
לײדיגע הענט, האט ער באקומען א קבלת פנים, באוויינענדיג מיט גרויס
טרויער די געוואלדיגע סומע וואס ער האט שוין ערגעץ אנגעזעצט ״ווער
ווייסט וואו״?

ר׳ הערש האט זיך אבער נישט געמאכט דערפון, ער האט אלעס
אנגענומען באהבה און בשמחה, און האט זיך געפירט אזוי ווי עס וואלט
דא גארנישט פארגעקומען.

דאנערשטאג מיטאג האט ר׳ הערש פלוצלונג דערפילט א טייל פון די
קדושה פון שבת, עס האט זיך אין אים אנגעצונדן א פלאם פון גרויס
בײנקעניש צום הייליגן שבת, א טעם וואס ער האט נאך אין זיין לעבן
נישט געפילט. ער זעט ווי די ווערטער פון דעם צדיק גייען מקוים ווערן
אויף אים (ווי עס איז באקאנט האט מען ביי דעם צדיק ר׳ חיים
טשערנאוויצער געזען וואונדערליכע מדרגות אין שבת, ער האט אויך
געמאכט דאס הייליגע ספר ״סדורו של שבת״ וואס באשרייבט אויף א
וואונדערבארן אופן די קדושה און דערהויבנקייט פונם גאנצן שבת).

אזוי ווי ר׳ הערש איז דאך אבער געווען ביז יעצט גאר א פשוטער
מענטש, האט ער נישט געקענט באווייזן דאס וואס צדיקים און ערליכע
אידן טהוען ווען זיי פיהלן עפעס א דערהויבנקייט, א התעוררות און
התרגשות פון חיות דקדושה, זיי באהאלטן עס אין זיך, און זיי טהוען עס
אינגאנצן פארדעקן פון מענטשן.

אנדערש איז אבער געווען ביי ר׳ הערש ווען ער האט דערפילט דאס
גרויסקייט און זיסקייט פונם הייליגן שבת וואס קומט צו גיין, ער האט זיך
נישט געקענט באהערשן ביז ער האט גענומען טאנצן מיט גרויס ברען.

אינמיטן טאנצן ווענדעט ער זיך צו זיין ווייב און רופט אויס:

— ווייסטו וואס מארגן וועט זיין? ערב שבת!

דאס ווייב נעמט זיך צובייזערן אויף אים:

— "יא, ערב שבת וועט מארגן זיין און איך האב נאך נישט מיט וואס צו מאכן דעם שבת".

ר' הערש האט זיך ווייטער גארנישט געמאכט צו טהון פון אירע ווערטער, ער איז אוועק אין בית המדרש דאווגען מנחה און מעריב. ער האט אוועק געלייגט א דאווגען אינגאנצן נישט צו דערקענען. געדאווגט מיט גרויס התלהבות און ברען, געטאנצט און געשפרונגען מיט אזא גרויסע שמחה, אז דאס גאנצע בית המדרש וואס האט אים געקענט ביז יעצט פאר א פשוטן לץ, האט נישט געקענט פארשטיין ווען ער איז פלוצלונג אויסגעוואקסן אלס אזא גרויסער צדיק?

גלייך נאכן דאווגען האט ער זיך געווענדעט צו די וואס זיינען געשטאנען נעבן אים און אויסגערופן:

— "וואס איז דאס מיט אייך, איר ווייסט וואס מארגן גייט זיין?

דער עולם קוקט אים אן מיט אפענע אויגן. און ער זעצט ווייטער פאר זיינע ווערטער: — "ערב שבת! איז דאך מארגן".

מיט גרויס רחמנות האט אים דער עולם באדויערט, מיינענדיג אז נישט אנדערש נאר עס האט אים זיכער עפעס אנגעכאפט א משוגעת ר"ל און ער ווייסט נישט וואס עס טהוט זיך מיט אים.

ר' הערש איז צוריק אהיימגעגאנגען פון בית המדרש, אבער שלאפן האט ער בשום אופן נישט געקענט. א גאנצן ליל ששי האט געברענט אין אים דאס בייגקעניש צו די קדושה און תענוג פון דעם שבת, וואס מארגן אין דער צייט וועט עס שוין זיין.

אזוי איז עס געגאנגען ווייטער. וואס נעגטער דער שבת איז געקומען האט זיין התלהבות און ברען מער געפלאמט אין אים. אזוי ערב שבת אין דער פרי ביים דאווגען, און אזוי ווייטער אלץ שטארקער און שטארקער ביז עס איז ענדליך אנגעקומען דער הייליגער שבת.

ווען עס איז אנגעקומען דער הייליגער שבת איז שוין אריבער געגאנגען אלע גרעניצן.

ר׳ הערש האט געברענט ווי א שטיק פייער, אזוי אז ער איז שיעור נישט אויסגעגאנגען פאר גרויס דביקות און קדושה אין די ליכטיגקייט פונם שבת.

זיין בני בית האבן עס פשוט נישט אויסגעהאלטן, שכנים און אנדערע גוטע פריינט האבן אויך געהאט גרויס מיטלייד וואס פון דעם מענטש איז געווארן. מיטאמאל אראפגעגאנגען פון זינען רח״ל.

דער צער פון די משפחה איז געווען זייער גרויס, עס האט נישט געהאלפן קיין שום עצה, מ׳האט מיט ר׳ הערש׳ן גארנישט געקענט טהון, ״עס איז שבת היינט״ האט ער געשריגן און עפעס אנדערש האט מען פון אים נישט געקענט ארויסבאקומען.

ווען דער שבת איז אדורכגעגאנגען איז ר׳ הערש געווארן צוריק א ״נארמאלער״ מענטש, א מענטש צווישן מענטשן גלייך, ער האט גערעדט און געהאנדלט פונקט ווי פריער.

דער עולם האט אויפגענומען די בשורה מיט גרויס פרייד, מ׳האט זיך פרובירט צו בארוהיגן אז עס איז גארנישט געווען, עס איז בלויז געווען א פאל, אבער היינט איז שוין ב״ה אלעס אין בעסטן ארדענונג.

ווען עס איז אבער געקומען נאכאמאל דאנערשטאג נאכמיטאג, האט זיך אנגעהויבן אויפדאסניי די זעלבע מעשה, פונקט אזוי ווי די פאריגע וואך. ער האט אנגעהויבן צו טאנצן און זינגען ״דער שבת קומט״ און וואס נענטער דער שבת איז געקומען, האט ער אלס מער געפלאמט און געשריגן, פילנדיג באמת די קדושה און זיסקייט פונם הייליגן שבת.

אזוי האט זיך געפירט יעדע וואך. פון זונטאג ביז דאנערשטאג האט מען אויף אים גארנישט געזען, און פון דאנערשטאג מיטאג ביז נאך שבת האט מען נישט געקענט מיט אים רעדן, ער איז געווען פארנומען בלויז מיט די הכנות און גרויס בייענקשאפט צום הייליגן שבת.

האט מען פארשטאנען אז דא מוז עפעס ליגן באהאלטן. עס איז נישט קיין פשוט׳ע זאך.

מ׳האט אנגעהויבן נאכפארשן וואס דא קען זיין, ביז מ׳איז געוואויר געווארן די מעשה וואס האט פאסירט מיט ר׳ הערשן אין טשערנאוויטץ, זייענדיג דארטן אויפן מארק, ווי ער האט אוועקגעגעבן זיין פארמעגן פארן טשערנאוויצער רב פאר צדקה אויף פדיון שבוים, און ער האט אים דערפאר געבענטשט צו פילן א טעם אין דעם שבת.

יעצט האט מען שוין גאר אנדערש אויפגענומען די גאנצע מעשה, מ׳האט אים אנגעהויבן נאכצוקוקן אויף זיין פירונג, האט מען ערשט דערזען אז אויך אין מיטן דער וואך איז ער גאר א אנדער מ׳ענטש.

ר׳ הערש איז געווארן מיט דער צייט א אמת׳ער ערליכער איד.

ער איז געווארן פון די חשוב׳סטע תלמידים פונם רבי׳ן ר׳ חיים טשערנאוויצער און ער האט זיך אויסגעארבעט מיט דער צייט פאר א גרויסער בעל מדרגה איד.

״איך האב געהערט פון זקנים אין סיגעט״ — פלעגט דער נאסוידער רב דערציילן — אז זיי האבן נאך געקענט עטליכע חשובע אידן פון די חשובסטע אידן אין סיגעט וואס פלעגן פארן צו דעם רבין רבי הערש זכרונו לברכה אויף שבתים, ער איז געווארן אויף דער עלטער א גרויסער תלמיד חכם און עובד השם, און ער פלעגט זאגן וואונדערליכע תורות. שפעטער איז ער אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל און דארט איז ער נסתלק געווארן.

עסן שבת — א סגולה צו יראת שמים

דער עסן שבת די סעודות זיינען בכח צו ברייגגען צו דער מדרגה פון יראת שמים. מיר געפינען דאס גלייכן אין דער תורה ביי מעשר שני, וואו דער פסוק זאגט: ״ואכלת וגו׳ למען תלמד ליראה את ה׳ אלקיך כל הימים״ און דערויף דרשנען די חז״ל (יבמות צג.) ״כל הימים — אלו שבתות וימים טובים״.

(ישמח ישראל, אלקסאנדער)

ער קען נישט שלאפן...

די אלטע אידן פון צפת פונ׳ם פריערדיגן דור געדיינקען נאך יענעם איד וואס האט געוואוינט אין צפת.

יענער איד איז געקומען קיין צפת פון רומעניע. א פשוט׳ער איד א גאנץ איינפאכער, אבער א תמים איז ער געווען מיט א שטארקע אמונה אין באשעפער.

דער איד האט געהאט א וואונדערליכע ערשיינונג וואס שטענדיג, יעדן שבת איז ער נישט געשלאפן, די גאנצע 24 שעה איז ער וואך געווען און נישט צוגעמאכט קיין אויג. ער האט עוסק געווען אין דאווענען, זאגן תהלים, זיך צוהערן צו גוטע ווערטער און זינגען לכבוד שבת. אזוי האט ער זיך געפירט יעדן שבת פון פרייטאג צו נאכט ביז מוצאי שבת.

האט מען איהם געפרעגט וואס איז די מעשה וואס ער שלאפט נישט שבת. האט ער דערציילט א גאנצע מעשה וואס מיט איהם האט פאסירט אין זיין יוגנט.

ווען ער איז געווען א יונגערמאן, האט ער געהאנדלט מיט פארשידענע מסחרים. ער פלעגן ארומפארן אויף די ירידים, געקויפט און פארקויפט.

מאכט זיך אמאל און ער איז איינגעשטאנען אין א געוויסע קרעטשמע אונטערוועגנס. ווען עס איז געקומען שבת, האט דער איד געזעהן אז אין קרעטשמע געפינען זיך פארשידענע פראסטע לייט, פויערן און נאך אזעלכע, מיט וועמען ער וויל נישט זיין צוזאמען, האט ער געדונגען א באזונדער צימער ביים קרעטשמער.

דערווייל קומט אריין צו איהם דער בעל הבית, דער קרעטשמער און דערציילט איהם, אזוי ווי עס איז געקומען א יונגערמאן, וועלכער זעהט

אויס צו זיין א תלמיד חכם און איידעלער איד, ער מוז אויך איינשטיין אין קרעטשמע ביז איבער שבת. און פונקט ווי ער, קען זיך יענער אויך נישט געפינען צווישן די פראסטע מענטשן, בעט ער איהם ער זאל דעם יונגערמאן אויך אריינעמען ביי זיך אין צימער. דער איד האט גערן באוויליגט דערצו.

דער יונגערמאן איז אריינגעקומען אין צימער בדעה צו האלטן דארטן שבת. דער יונגערמאן איז געווען דער נאכער באוואוסטער גאון און צדיק רבי חיים טשערנאוויצער זצ"ל דער מחבר פון ספר "באר מים חיים". אט דער צדיק איז באוואוסט מיט זיין פייערדיגער עבודת ה', באזונדער אום שבת. ער האט געמאכט א ספר "סידורו של שבת" פוהל מיט התלהבות און קדושה וועגן שבת.

פרייטיג צו נאכטס ביים טיש האבן זיי ביידע צוזאמען געגעסן די סעודת שבת. יענער יונגערמאן, דער סוחר, איז געווען ווייזט אויס זייער מיד און איז איינגעדרימלט געווארן אויפן טיש. וועקט איהם אויף רבי חיים און לאזט איהם נישט שלאפן.

עס גייט נישט אריבער קיין קורצע צייט און דער יונגערמאן איז ווידער איינגעשלאפן. זאגט צו איהם רבי חיים: נו, יונגערמאן, עס איז דאך עפעס שבת, פארוואס שלאפט איהר איין? דער יונגערמאן האט זיך אויפגעכאפט, אבער אין א קורצע צייט ארום איז ער ווידער איינגעשלאפן אויפן טיש. דאן איז רבי חיים טשערנאוויצער אריין אין א התלהבות און אויסגערופן! ווי קען עס א איד שלאפן אין אזא הייליגן שבת?! — — —

דער איד וואס איז נאכער אין א צייט ארום געפארן קיין צפת, האט דערציילט:

זינט דאמאלס, דערמאן איך זיך יעדן שבת אין די פייערדיגע הייליגע רייד פון דעם צדיק וואס האט אזוי התלהבות'דיג געשריגן "ווי קען א איד שלאפן אין אזא הייליגן שבת?" און איך קען בשום אופן נישט איינשלאפן אום שבת, איך שפיר א העכערקייט דעם שבת און די אויגן קלעפן זיך מיר נישט צו גיין שלאפן.

א טייערער דימאנט

דער צדיק רבי משה קוברינער זצ״ל איז געווען א גרויסער ארימאן, כמעט יעדן שבת האט מען געמוזט עפעס פון די חפצים און כלים פון שטוב פאר׳משכון׳נען כדי צו קויפן צרכי שבת.

מאכט זיך אמאל א ערב שבת און די רעבעצן קומט אריין צום מאן און באקלאגט זיך מיט טרערן אויפן שווערן מצב; עס איז פרייטאג, און ס׳איז נאך קיין זאך נישט צוגעגרייט לכבוד שבת. נישט קיין פיש, נישט קיין פלייש און נישט קיין חלות. עס איז אפילו נישטא וואס צו פאר׳משכן׳ען מ׳זאל עפעס קויפן דערפאר.

האט איהר דער מאן דער צדיק געטרייסט און געמוטיגט. דערווייל, זאגט ער זאל זי זיך נעמען גרייטן צום שבת, אויפראמען די שטוב און השי״ת וועט געוויס העלפן.

האט זי אזוי געטהון.

אויסקערנדיג די שטוב האט זי באמערקט עפעס א פינגערל וואס האט געבלאשקעט. האט זי עס גענומען אפרייבן און עס האט זיך ארויסגעוויזן אז ס׳איז א ווערטפוהלער דימאנט וואס מ׳קען דערפאר האבן נישט נאר אויף איין שבת, נאר אויף א גאנץ יאהר שבתים און נאך מער, האט עס די רעבעצן איינגעוויקלט און אריינגעלייגט אין א געוויסע שאפע, און דערווייל פארענדיגט איהר שטוב ארבעט.

אין צווישן קומט אריין א ארימאן אין צימער וואו דער קוברינער איז געזעסן און געלערנט, מיט א גרויס געוויין: רבי! איך האב נישט אויף שבת! דער גרויסער אוהב ישראל דער קוברינער האט זיך אומגעקוקט אויפן ארימאן און געווארן פוהל מיט צער און מיטלייד, האט ער איהם

געענטפערט: מיין קינד! יעצט איז די רעבעצן געווען דא אין צימער און אויך געזאגט די זעלבע, און איך קען דיר ליידער גארנישט העלפן.

טראכטנדיג א ווײלע האט זיך דער קובריינער אנגערופן צום ארימאן וואס האט נאכנישט אפגעטראטן פון שטוב:

— לאמיר ביידע פרובן זוכן, אפשר וועלן מיר עפעס געפינען פאר דיר.

האבן ביידע צוזאמען גענומען זוכן אין שטוב. די רעבעצן וואס איז געווען פארנומען אין א אנדער צימער האט גארנישט באמערקט.

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו יענע שאפע האבן זיי באמערקט עפעס איינגעוויקלט. האט מען עס אויפגעוויקלט און עס האט זיך ארויסגעוויזן יענער דימאנט. דער ארימאן האט פארשטאנען אז ס'איז א ווערטפוהלע זאך און ער האט עס פארלאנגט פונ'ם צדיק וועלכער האט עס איהם געגעבן ער זאל האבן אויף צרכי שבת. דער ארימאן האט געכאפט און גלייך אפגעצויגן מיטן דימאנט. דער קובריינער איז געווען מלא שמחה אויף די מצוה וואס האט זיך איהם געמאכט, מחיה צו זיין א אידן לכבוד שבת.

דערווייל איז די רעבעצן אריינגעקומען אין יענעם צימער און גלייך צוגעגאנגען צו יענע שאפע עפעס צו נעמען פון דארטן, מערקט זי אז יענע "איינגעוויקלטע זאך" איז נישטא, צו איהר גרויס ערשטוינונג. האט זי גלייך פארשטאנען אז מסתמא האט עס איהר מאן געגעבן דעם ארימאן וואס איז יעצט ארויס פון שטוב.

איז זי גלייך אריינגעלאפן צום מאן מיט א רעש; וואו איז דער דימאנט?!

האט ער געענטפערט מיט גרויס שמחה; האסט נישט וואס צו דאגה'ען, דער ארימאן האט עס שוין ברוך השם!...

— עס איז דאך א טייערער דימאנט! — האט זי זיך צושריגן — וואס האסטו געטהון?...

— אזוי? — רופט זיך אן דער קוברינער — איך האב גאר נישט געוואוסט אז ס׳איז אזא טייערער דימאנט, דער ארימאן קען דאך עס חלילה פארקויפן פאר ביליג, מ׳קען איהם דאך אפנארן!...

דער קוברינער האט נישט געווארט קיין סאך, ער האט זיך אויפגעהויבן פון ארט און גענומען נאכלויפן דעם ארימאן, איהם צו מעלדן אז דער דימאנט איז גאר א טייערער און מ׳דארף בעטן פאר איהם א הויכן פרייז.

ווען דער ארימאן, האט באמערקט אז דער בעל־הבית פון יענע שטוב לויפט איהם נאך, האט ער געמיינט אז ער יאגט אים נאך אפצונעמען דעם דימאנט, האט ער אויך גענומען לויפן. אזוי זיינעןביידע געלאפן.

האט איהם דער קוברינער נאכגעשריגן פון ווייטנס:

— ר׳ איד! איהר זאלט וויסן וואס איהר פארקויפט, איהר זאלט עס חלילה נישט פארקויפן פאר ביליג!...

★

די מעשה האט דערציילט דער צדיק רבי אברהם סלאנימער זצ״ל, דער אייניקל פון דעם קוברינער, און האט נאכער צוגעלייגט:

— די חז״ל זאגן אז הקב״ה האט געזאגט צו משה רבינו ״מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה — לך והודיעם!״ א שיינע מתנה האב איך אין מיינע אוצרות און ס׳רופט זיך שבת, געה מעלד עס די אידן!

עס איז אייגנטליך שווער צו פארשטיין. עס זיינען פארהאן 613 מצוות, און מ׳געפינט נישט ביי קיין מצווה אזא אויסדריק פון א ״מתנה״ און אז מ׳דארף עס פריער מעלדן די אידן?

נאר די כוונה איז. הקב״ה זאגט צו משה רבינו; געה מעלד די אידן וואס פאר א טייערע מתנה דער שבת איז, וואס פאר א דימאנט עס איז, מ׳זאל עס ח״ו נישט פארקויפן פאר ביליג, מ׳זאל נישט פארקויפן דעם שבת־קודש פאר עסן און שלאפן — — —

א שבת און א שבת...

פרייטאג פארנאכט, פאר ליכט צינדן, ווען דער סוחר ה׳ בעק שליסט דאס געשעפט און גייט אהיים, קויפט ער איין אויפן וועג א גאנצן פעקל צייטונגען, פריהמארגן און אוונד אויסגאבן, וואכן זשורנאלן און וויצן בלעטער, כדי צו האבן מיט וואס די צייט צו פארטרייבן, אין דער לאנגווייליגן, גרויסן שבת מעת לעת.

אומענדליך לאנג ציהט זיך פאר ה׳ בעק דער שבת טאג. זינט ער האט אוועק געווארפן די גמרא און בכלל יעדעס אידישער ספר, האט אויפגעהערט אפילו שבת מעביר סדרה צו זיין, און איז געווארן דאס וואס מען רופט א ״שנה ופירש״, ארייגעטאן אלע חושים בלויז אין מסחר און דאס ביסל ״אותיות מחכימות״ שעפט ער פון... צייטונג, זינט דאמאלס איז פון איהם געווארן אפגעטאן שטיקער לעבנס אינהאלט, שטיקער לעבנס פרייד.

ער געדיינקט אליין, ה׳ בעק, אז דאמאלס, ווען ער פלעגט זיך קענען אוועקזעצן אויף א דריי פיהר שעה, זינגענדיג, דורכלערנען א בלאט גמרא מיט תוספות, אדער א פרייטאג צו נאכטס אדורכלערנען די סדרה חומש מיט רש״י, מיט פירושים און גוטע ווערטער — דאמאלס האט ער זיך געפיהלט א סאך מונטערער און לעבנס רייכער, עס איז ביי איהם געווען אזא נאטירליכער בטחון און אפטימיזם. דאגעגן היינט איז ער שטענדיג נישט בעפרידיגט, ער פיהלט אזא פוסטקייט, עס פעהלט איהם עפעס, ער ווייס אבער אליין נישט וואס...

אבער ער שרייבט דאס נישט צו, צו זיין שלעכט געענדערטער פיהרונג, דערפאר וואס ער האט זיך ענטגייסט, דערווייטערט זיך פון יעדער רוחניות׳דיגקייט, וואס ער נעמט קיינמאל נישט קיין אידיש ספר

אין האנד און האט מעהר נישט קיין העכערער נשמה געגוס, ער שרייבט דאס צו צו זיינע טרדות, זיינע געשעפטן, קאפ דרייעני שן, שטייערן, וועקסלען, פראטעסטן, נישטא היינט יענער געדולד.

— נערוון!

א גאנצע וואך טראגט נאך דער הורא, דער אימפעט, נישטא קיין צייט זיך גופא אנצוקוקן, א צייטונג אין אונד אדורכצולייענען איז אויך צו פיהל, אבער אז עס קומט שבת, די געשעפטן זיינען אפגעשטעלט, קיינע געשעפטן נישט, איז דער טאג אזוי לאנג — אומצוקומען פון לאנגווייליקייט.

ה׳ בעק איז רעליגיעז און טראדיציאנעל, ער וועט זיך חלילה נישט ערלויבן קיין וואכעדיגע זאך צו טאן אום שבת, אבער צו פארברייינגען שבת, ווי זיין זיידע, ווי זיין טאטע, ווי ער אליין אין די יונגע יאהרן — מיט דאווגען, עסן און לערנען — פון דעם איז ער ווייט, ער האט זיך אליין דערווייטערט.

עס שטייט ביי איהם א שאנק מיט ספרים, אבער נאר אויף שיינקייט און נישט אויף צו נוצן, עפעס האט ער מיט א סאך, א סאך יאהרן צוריק, אנגעהויבן ווארפן אומחן אויפן לערנען און אלץ אפטער עס אדורכגעלאזט, היינט איז עס איהם שוין פארפרעמדט, אפילו דאס גירסא דינקותא ווערט שוין מטושטש ביי איהם אין מח.

דעם איינציגן טאג אין דער וואך וואס ער איז כמעט א גאנצן מעת לעת אין דער היים — שבת — גייט ער ארום א גאנצן טאג אין דער פיזשאמע און שטעק קאלאשן, ליגט אויסגעצויגן אויף דער סאפקע, אדער טיף ארייגגעזעצט אין דעם לעדערנעם פאטעל, ארום איהם איז אנגעווארפן א קופע מיט אוועקגעווארפענע צייטונגען, וואס ער לייענט פויל, דערלייענט נישט, נאר ווארפט אפ פון זיך מיט א גרויסן לאנגווייליגן געניץ —

— א־ה־ה, נישטא וואס צו לייענען!

נודז׳שעט ער זיך אפ דעם גאנצן שבת טאג, פון לית ברירה הויבט ער יעדעס מאל אויף א אוועקגעווארפענעם בלאט, לייענט וואס עס איז אן אינטערעס, מיט א מינע: ״מילא, אז עס איז נישטא קיין בעסערס״! בשעת מעשה פארוואלגערט זיך איהם אין געדאנק דער פסוק פון משלי וואס ער האט געלערנט אין דער יוגנד: ״ככלב שב על קיאו, כסיל שוגה באולתו״, און ער צושמייכלט זיך פון זיין אייגענער גייסט פוסטקייט:

— איך מעלה גרה, מעלה גרה שטרוי!

יעדע וויילע נעמט ער ארויס דעם זייגער, א קוק טאן ווי שפעט עס איז שוין, גלייך ווי די שבת שעה׳ן וואלטן זיין א אפקומעניש, א שטוב ארעסט, משוגע צו ווערן פון גארנישט טאן.

ער פיהלט זיך אין דעם שבת טאג עובר בטל, פארמיאוסט ביי זיך אליין. צוריק געגעהנען צו דער ספרים שראנק, לאזט עס איהם נישט. שוין צו ווייט אוועק! שוין פארגעסן דעם טעם. איז ווידער א געניץ, און ווידער א פאק מיט די לאנגווייליגע צייטונגען און דורכבלעטערן זיי צום וויפלטן מאל אויף אלע זייטן און צום סוף ווידער אראפלאזן זיי אויף דער ערד און צושארן זיך צו דער סאפקע, כדי ליבערשט צו חאפן א דרימל...

ה׳ בעק קען זיך דעם גאנצן שבת טאג קיין ארט נישט געפינען, ער האט נישט מיט וואס די רוהענדע שעה׳ן אויסצופיהלן, ער האט שוין געגעסן, ער האט שוין געשלאפן, ער האט שוין א סאך ארטיקלען אדורכגעלייענט און דער טאג איז נאך אזוי גרויס!

★

אין שכנות פון ה׳ בעק וואוינט אויך א איד א סוחר, וואס האט א געשעפט מיט טרדות א גאנצע וואך, קאפדרייענישן, שטייערן, וועקסלען, צאהלונגען, ר׳ זבולון הייסט ער, א איד, א בר אוריין, וואס דאס גאנצע חיות זיינס איז א בלאט גמרא מיט תוספות מיט מפרשים, מיט שכלדיגן פלפול.

א גאנצע וואך איז בשום אופן נישטא קיין צייט אפצורייסן א צוויי דריי שעה און אוועקזעצן זיך געשמאק לערנען, קונים ביז שפעט אין דער

נאכט אריין, מיט אפרעכענונגען און באשטעלונגען. קומט ער אהיים שפעט אין דער נאכט, ער קען דאמאלס העכסטנס א פרק משניות אויבערפלעכליך אדורכלערנען און ער מוז זיך גיין לעגן שלאפן.

לעכצט ער, ר׳ זבולון, נאך א טאג פון רוה. ער קוקט אויס א גאנצע וואך אויף דעם פרייטאג פארנאכט, ווען ער וועט דאס געשעפט שליסן און פון זיך אראפווארפן אלע דאגות און יגון ואנחה׳ס.

קוים דערוואַרט זיך אויף פרייטאג פארנאכט, איילט זיך ר׳ זבולון אהיים, א דעררויטלטער און שיינענדיגער פון מקוה. די דאזיגע טויאיג זענעפטיגקייט טרעט שוין נישט אפ פון ר׳ זבולונ׳ס פנים דעם גאנצן שבת טאג.

אין אוונד, אהיימקומענדיג פון שוהל פון דאוונען, איז זיין פנים שיינענדיגער און שטראליגער, ער זיצט ביי דער שבת סעודה מיט שמחה, ווייל באלד נאכן עסן, וועט ער זיך אוועקזעצן אויף שעה׳ן לאנג און לערנען געשמאק, מיט ברען, מיט התלהבות. דערווייל, ביים טיש זיצנדיג, זאגט ער זיינע זיהן גוטע ווערטער פון דער סדרה, א שכלדיגער שטיקל אור־החיים, בעל־הטורים אדער אבן־עזרא.

אפגעגעסן, געזונגען אלע זמירות און געבענטשט, ווערן אויפגעפראלט די טהירן פון דער ספרים שאנק און עס עפנט זיך א קוואל פון חכמה און וויסן.

קודם כל די סדרה פון דער וואך, חומש, רש״י, מדרשים, זוהר, יעדעס יאהר לערנט מען זיי איבער און יעדעס מאל ענטפלעקט מען נייע געדאנקען, אוצרות שארפזיניגע שכל׳דיגקייטן און קלוגע ווערטער. זיי צושמייכלען אזוי די נשמה יתירה — פארגעניגנס מעין עולם הבא! עס שאלט פריידיג־גליקלאך ר׳ זבולונ׳ס לערן קול, גלייך ווי דער דאזיגער איד וואלט קיינמאל אין זיין לעבן נישט געוואוסט וואס אזוינס עס זיינען דאגות, זארגן, טרדות פרנסה.

דאס דאזיגע לערנען איז ביי ר׳ זבולונ׳ען א שפילעוודיגס פון לויטער הנאה, אן דער מינדעסטער אנשטרענגונג.

ערשט דערנאך זעצט זיך ר׳ זבולון אוועק צו זיין שיעור קבוע, צו גמרא מיט תוספות, און דא שאלט שוין זיין קול גאנץ אנדערש.

ביז שפעט, שפעט אין דער נאכט שאקלט זיך מיט ברען ר׳ זבולון איבער דער גמרא, זיין מח ארבעט, שניידט זיך מיט מיה א וועג אין די אונענדליכקייטן און טיפענישן פון ים התלמוד. אבער די ארבעט זעהט אויס צו זיין א באגעהרטע, א פארגעניגנטע, ווי רודערנדיג צו א גליקליכן ברעג, צו א געבענטשטן אינזל, אלץ האפערדיגער און זיגערישער קלינגט וואס אמאל זיין שטים, ווי נעהנטער צום ציהל, דערגרונטעוועטער צום פערל־אוצר, ביז וואנען — שוין שפעט אין דער נאכט — ר׳ זבולון פאראנקערט זיין שיפל, די דערלערנטע סוגיא, צום ברעג. אנגעקומען גליקליך אין האפן און — ער פארמאכט מיט א קוש די גמרא.

דאס זעלבע חזרט זיך איבער שבת בעגינען. באלד ווי עס ווערט טאג, ביז צום גיין דאווענען, ווערט נישט אנטשוויגן ר׳ זבולונ׳ס לערן שטים, וועלכעס שאלט מיט באגעהר און גליק, איבער אלע נייע ספרים, זיין פנים און גאנצער וועזן איז אנגעשמעקט ווי מיט הימלישן ״שמן־אפרסמון״־קוואלן, ער קען זיך גארנישט זאט אנקוועלן מיט די גייסטיגע תענוגים וואס ער האט. א שאד וואס די שעה׳ן פארשווינדן אזוי שנעל, דוכט זיך, ערשט יעצט זיך אוועקגעזעצט לערנען און שוין זענען דריי פיהר שעה אדורכגעלאפן.

ר׳ זבולון האט נאך צייט מקיים צו זיין דעם ״שינה בשבת״ און נאכער צו לערנען און צו לערנען ביז שפעט, ביז צו מנחה ווען מען גייט עסן שלש סעודות.

א נחת דער שבת טאג, ער פרישט אפ דעם פאראומערטן גוף און נשמה, פון די גאנץ וואכיגע, פארהארעוועטע, הוהא׳דיגע ימי המעשה!

> ״מזמור שיר״ — מיר זינגען פארן אויבערשטן ״ליום השבת״ — ווייל ער האט אונז געגעבן דעם טאג שבת.
>
> (שערי חיים)

עס צאלט זיך אויס

נישט ווייט פון דער רוסיש־גאליצישער גרעניץ האט גראף דונדוקאוו געהאט אין פריהערדיגער עסטרייכיש גאליציען זיינע גרויסע גיטער. איינס פון זיי, דאס שענסטע און גרעסטע, איז געווען אונטער דער פארוואלטונג פון דעם אידן פייוול שיק. די גאליצישע פריצים האבן עס שוין לאנג געוואוסט פון דער ערפאהרונג אז קיין בעסערער פערוואלטער פאר א גוט איז נישטא ווי א איד. א אידישער פערוואלטער צייכנט זיך אויס דורך זיין פלייסיגקייט, אינטעליגענץ, ניכטערקייט און פראקטישן פערשטאנד, און ער פערדינט פולקאם דעם צוטרוי, וואס מען מוז האבן, ווען מען גיט איבער אין די הענט פון א פרעמדן מענטשן א גרויסן מאיאנטעק מיט פיהל פעלדער און וועלדער, בהמות און שאף און אלערליי גרויסע בנינים.

דאס איז געווען אין די זיבעציגער יאהרן פון פאריגן יאהרהונדערט, פייוול איז שוין געווען פערוואלטער א יאהר צעהן; ער האט געהאט פיין פרנסה, און גראף דונדוקאוו איז מיט איהם געווען פולקאם צופרידן. די באציהונגען צווישן דעם פריץ מיט זיין פערוואלטער זיינען געווען רעגולירט לויט א גענויעם קאנטראקט. צווישן די געוויינליכע פונקטן פון אט דעם קאנטראקט איז געווען א פונקט, לויט וועלכן ס׳איז פערבאטן געווען דעם פערוואלטער אנצודינגען זיך ארבייטער אין דער צייט פון תבואה־שניט אין דער גאנצער סביבה ארום אויף א שטח פון אכט מייל. דער גראף האט אט דעם פונקט אריינגעשטעלט דערפאר, וואס ער האט געברויכט צו האבן ארבייטער פאר די איבריגע גיטער זיינע; ער האט דעריבער פערפליכטעט דעם אידישן פערוואלטער זיינעם צו באקומען ארבייטער ערגעץ וואו. ווען ס׳פלעגט קומען די צייט פון שניט פלעגט פייוול שיק לאזן איינשפאנען עטליכע פוהרן און אריבערפאהרן די גרעניץ קיין רוסלאנד וואו ער האט שוין געהאט זיינע באקאנטע ארבייטער און

ארבייטארינס צווישן די דארטיגע רוסישע פויערן. ער פלעגט די ארבייטער מיט זייערע ווייבער און קינדער, א ערך פון הונדערט נפשות, אראפברייינגען אין גוט אריין צו זיך, וואו עס זיינען שוין געווען אויסגעשטעלט ספעציעלע געביידעס פון זייערט וועגן, וואו זיי פלעגן וואוינען פון דריי ביז פיהר וואכן, די גאנצע צייט פון שניט.

במשך פון פיהל יאהרן זיינען די באציהונגען צווישן דעם אידן פייוול שיק מיט זיינע דאזיגע ארבייטער געווארן זייער פריינדליכע,ביידע צדדים זיינען געווען צופרידן; דער פערוואלטער — דערמיט, וואס ער האט פערטיגע ארבייטער, ווען ס'קומט די שניט־צייט, און די פויערן — דערמיט, וואס זיי האבן שוין געוואוסט, אז זיי האבן א שטענדיגן יעהרליכן פערדינסט. נאכ'ן שניט פלעגט פייוול שיק בעצאהלן זיינע ארבייטער און אליין אבפיהרן זיי צוריק אין זייערע רוסישע דערפער אויף יענער זייט גרעניץ. פאר'ן אבפאהרן פלעגט ער, ווי דער מנהג איז געווען, לאזן איינארדנען פאר די ארבייטער א שניט־באל אויף זיינע הוצאות און מען פלעגט דערביי מכבד זיין די ארבייטער מיט א גוטן מאהלצייט, מיט שנאפס און וויין; ס'פלעגט איימיצער פון די פויערן שפילן דערביי אויף א פייפל און די איבעריגע פלעגן זיך לאזן מאכן א טענצל, ווי נאך א שווערער ארבייט ביי פויערן.

און אט האט זיך איינמאל געמאכט אזא מעשה: די שניט־ארבייט האט זיך געענדיגט דאנערשטאג אין אוונד; פרייטאג האט געדארפט פארקומען דער מאל־צייט, און פרייטאג אין אוונד וואלט פייוול געמוזט אבפיהרן די פויערן צוריק אין זייערע דערפער. וועגן אזא חלול שבת וואלט דער פרומער פייוול גארנישט געקענט טראכטן אפילו, און אט האט ער ערקלערט די פויערן, אז ער בעצאלט זיי אויך פאר פרייטאג, ווי פאר א ארבייטס־טאג, דאן וועלן זיי זיך שבת קענען פראווען זייער מאל־צייט, און שבת־צו־נאכט וועט ער זיך לאזן אין וועג אריין אבצופיהרן זיי אין די דערפער זייערע.

די ארבייטער זענען צופרידן געווען דערמיט; נישט צופרידן איז אבער געווען פייוולס אשת חיל. דינה. ערשטנס איז אויף איהר געלעגן די

לאסט צו בעזארגן די פויערן מיט עסן און טרינקען די גאנצע צייט, וואס זיי האבן אין דער עקאנאמיע געארבייט. דינה האט אבער געהאט, קיין עין הרע, אייגענע זעקס קינדערלאך, איז דאס פאר איהר געווען א ארבייט גאר נישט קיין לייכטע, ווארום דאס עלטסטע פון איהרע קינדערלאך איז געווען סך הכל עלף יאהר אלט און דאס יונגסטע האט זיך נאך געהאלטן אין וויגעלע. און צווייטנס די איבריגע הוצאות פון שפייזן אומזיסט א טאג הונדערט פויערן.

— צו וואס — האט פרוי דינה געטענה'ט צו איהר מאן — זאלן מיר האלטן דא די פויערן א טאג לייגגער און גאר נאך שבת דערצו?

— צו וואס? — האט פייוול געענטפערט — ס'איז דאך שבת קודש! פרייטאג פריה אבפאהרן מיט זיי קען איך נישט; אבפאהרן אבער מיט זיי שפעטער און האלטן שבת אויף יענער זייט גרעניץ, — נו, דאס וואלט אפילו געווען גאנץ גוט, ווארום דארט איז פאראן א אידיש שטעטל, וואו איך וואלט דערווייל אויך געקענט דאווענען שבת בציבור. אבער ווי אזוי לאזט מען זיך עס פרייטאג נאך האלבן טאג אין וועג אריין מיט אזוי פיהל פויערן? און, וואס טהוט מען ווען ס'צוברעכט זיך אינמיטן דערינען א אקס? אפשר האלטן שבת מיט אלע פויערן צוזאמען אויפ'ן מיטן וועג? ניין, ניין, וועגן דעם קען דאך גאר קיין רייד נישט זיין! שבת־צו־נאכט, אם ירצה השם, באלד נאך הבדלה שפאן איך איין פוהרן, פאהר אב מיט די פויערן און זונטאג א זייגער צוועלף, בין איך מיט'ן אויבערשטנס הילף צוריק.

— אבער איך ווייס נישט, צו וואס מוזטו בכלל אליין פאהרן? זאלן זיך די פויערן אבפאהרן דאס מאל אליין אהיים. פאר פיהר שבתים האסטו זיי דאך שוין בעצאהלט פאר אונזער רוה־טאג, כאטש זיי האבן ביי דיר נישט געארבעט. צו וואס זאלסטו נאך צאהלן פאר א פינפטן שבת? אט זעה, מענדל קלעפפיש, דער פערוואלטער פון באראן טשאק'ס גוט, וועלכער איז דאך אויך א פרומער איד, ער לאזט זיינע פויערן ארבייטן אויך אום שבת, ווייל ער האט געמאכט א שטר מכירה אויף דער ארבייט מיט א פויער. דו וואלסט דאך אויך געקענט מאכן אזוי און איינשפארן די

פיהר ארבייטס־טעג. און אט איז ביי דיר רעכט נאך א טאג שכירות צו פערלירן.

— הער נאר, מיין ווייב — האט פייוול געענטפערט — בנוגע די שכירות און דער רוה פאר ארבייטער דארפסטו מיך נישט לערנען, דען דאס איז מיין זאך; וועגן דעם אבפיהרן די פויערן אליין אהיים אבער מוזטו וויסן, אז דאס טהו איך נישט אזוי פון זייערטוועגן, ווי פון מיינעטוועגן. ווארום ווען איך זאל די ארבייטער אליין לאזן אבפאהרן, ריזיקיר איך דערמיט אט וואס: ראשית וועלן זיי אין שיינק פערשיכור׳ן דאס פערדינסט זייערס און שנית וועט מען זיי אין שיינק אויפ׳ן וועג אברעדן פון דער ארבייט ביי מיר. אויסלאזן וועט זיך, אז איבער א יאהר וועל איך שוין קיין ארבייטער נישט האבן. פרייטאג ווידער פאהרן טאר איך נישט, דען דאס קען מיך ברייגגען, חס ושלום, צו חלול שבת. איך צאל דעריבער בעסער פאר א טאג שכירות.

— און ביי דיר איז רעכט אומזיסט און אומנישט צאהלן מענטשן און געבן זיי עסן?

— אומזיסט, זאגסטו? — האט פייוול געענטפערט, שוין אביסל גערייצט — אומזיסט? איך האב דאך דיר שוין געזאגט, פארוואס כ׳מוז אזוי טהון! איבעריגס, כ׳קען דיר פערזיכערן, אז אונז וועט די זאך קיין איינציגער גראשן נישט קאסטן...

— גאר נישט? ווי אזוי? דער גראף צאהלט דען? דו צאהלסט דאך אליין?

— דער גראף? ניין! ער וועט מיר געוויס גאר נישט בעצאהלן, אבער אונזער בעל הבית איז בעסער און זיכערער פאר אלע גראפן און פירשטן פון דער וועלט צוזאמען. דער אויבערשטער בעצאהלט אונז! אונזערע חכמים האבן אונז דאך געלערנט, אז ראש השנה ווערט פאראויס בעשטימט פאר יעדן מענטשן אלץ, וואס ער דארף בעקומען במשך פון יאהר, אבער דאס, וואס איימיצער גיט אויס אויף שכר לימוד פאר זיינע קינדער, אויף שבת און יום טוב אדער ראש חודש, — דאס גיט איהם אפ

דער אויבערשטער בעזונדער, אויסער דעם חשבון: ווער ס'גיט אויס אויף אט די זאכן מעהר, דער בעקומט מעהר אויסגעצאהלט. די שכירות, וועלכע איך צאל אויס די פויערן פאר'ן שבת, וואס זיי האבן נישט געארבייט, ווי אויך אט דער לעצטער שבת, — קיין איינציגן פעניג וועט עס אונז נישט קאסטן פון אונזער פערמעגן. דער אויבערשטער וועט עס אונז אויסצאהלן מיט זיין רייכער האנד.

— יא, דו ביסט גערעכט — האט זיין פרוי דינה געזאגט — דער אויבערשטער איז א זיכערער צאהלער. האב נישט קיין פאראיבל, וואס איך האב דיך געוואלט אראבפיהרן פון דיין וועג: כ'האב דערביי חלילה, נישט געהאט קיין שלעכטע כוונה.

אין שטוב איז אריינגעקומען דער מלמד, וועלכער פלעגט טעגליך לערנען א בלאט גמרא צוזאמען מיט פייוול שיק. יעצט האט מע̇ן אבער אט דעם שיעור נישט געקענט לערנען, ווייל פייוול שיק האט נישט געקענט אבטרעטן פון די ארבייטער. ערשט מיט'ן שבת איז ביי פייוול שיק אין שטוב ווידער געווארן רוהיג.

מען קען זיך נישט פארשטעלן קיין גרעסערן קאנטראסט, ווי די מנוחת השבת ביי פייוול שיק אין שטוב און דער שיכרות־טומל צווישן די פויערן אויפ'ן הויף. דא איז זיך געזעסן דער בעל הבית אין זיין לאנגער זיידענער זופיצע און האט געזאגט מיט א ניגון "שיר השירים", וואס האט איהם אראבגעבראכט פון די ווייטע וועלטן די שבת'דיגע נשמה יתרה. נעבן איהם איז געזעסן דער מלמד און האט מיט פייוולס עלף־יעהריגן יעקב'ל מעביר סדרה געווען, שנים מקרא ואחד תרגום. די מוטער האט נור וואס ליכט געבענטשט און איז נאך געשטאנען פאר די שבת־ליכט מיט א הארציגער תחינה פאר'ן רבונו של עולם, פאר איהר מאן און קינדער, וועלכע זיינען יעצט אלע געהאנגען ארום איהר.

— ווי די ליכט לייכטן, אזוי זאלן ביי מיינע קינדערלאך די אויגן אין דיין תורה לייכטן, רבונו של עולם, — האט די פרוי שטיל געשעפטשעט.

און א הייליגע שטילקייט האט זיך איבער'ן אידישן הויז אראפגעלאזן און דאס האט זיך אזוי געצויגן העכער א מעת לעת.

און געענדיגט האט זיך דער שבת קודש אויך אין אזא הייליגער שטימונג, ווי ער האט זיך אנגעהויבן — אין תורה לערנען און אין תפלות. די פויערן אבער אויפ׳ן גאס האבן א גאנצן שבת געהוליעט און געשיכורט, געטאנצט און געטומלט און געשטערט די אידישע רוה, נור צו שלש סעודות, ווען פייוול מיט זיינע לייט האבן אנגעהויבן תהלים זאגן אויפ׳ן קול, און די שטימען זייערע האבן דורכ׳ן אפענעם פענסטער זיך פונאנדערגעטראגן ווייט אין פעלד און וואלד, זיינען עפעס אויך די פויערן אביסל נבהל געווארן: זייערע מוזיקאנטן האבן אויפגעהערט שפילן, די טענצער זיינען געבליבן שטיין, פערוואונדערט אין מיטן טאנץ, און די אידישע שטימע האט זיך געטראגן הילכיג:

לדוד, ברוך ד׳ צורי...

און ווען אויפ׳ן הימל האבן זיך בעוויזן די ערשטע דריי שטערנדלאך, מעלדנדיג דער וועלט, אז דער שבת קודש האט זיך געענדיגט, איז געווארן שטיל, שטיל ארום, און אין אידישן הויז האט מען ווידער ליכט אנגעצונדן. אין א שטילער תפלה איז זיך פייוול געשטאנען אין מזרח־ווינקעלע, אויך די פרוי זיינע האט א פאר ליכט אנגעצונדן און איהר תחינה שטיל געזאגט דערביי. פייוול׳ס פוהרמאן האט זיך געלאזן גיין שפאנען די פערד. פייוול האט געמאכט הבדלה און געוואונטשן אלעמען ״גוט וואך!״ — און ווידער האבן זיך דערהערט די אידישע ״זמירות״. דאס האט פייוול מיט זיינע קינדער און מיט׳ן מלמד געזונגען וועגן אלי׳ הנביא, וועלכער קען קומען יעדן טאג, נור נישט אום שבת קודש, און דעריבער מוז מען בעגריסן די ערווארטונג אויף איהם; און דאן האט פייוול געזונגען וועגן דעם ארימען פרומען אידן, וועלכער האט געהאט א חשוב׳ע פרוי מיט פינף קינדערלאך, אבער נישט קיין ברויט און נישט קיין מלבוש פאר זיי, און אט האט אלי׳ הנביא אויסגעבויט דורך א נאכט א פאלאץ פון אכט מאל הונדערט טויזנט גאלד גולדן אויף זיין חשבון, און דער פרומער איד האט שוין מעהר נישט געוואוסט פון זארג און צער.

ווער איז דער גאסט

דער אלטער, הונדערט יעהריגער חסיד רבי משה בוים זצ״ל פלעגט שטענדיג דערציילן ווי אזוי ער האט זיך אמאל געטראפן מיטן חפץ חיים זצ״ל.

— נישט ער האט זיך געטראפן מיט איהם — פלעגט רבי משה פארריכטן זיינע ווערטער — נאר ער האט געהאט די זכיה דאס דער צדיק זאל זיך ביי איהם אויפהאלטן אייניגע טעג אלס אורח.

לאמיר איבערגעבן דעם דאזיגן סיפור אזוי ווי ר׳ משה פלעגט עס דערציילן:

— געוועזן בין איך נאך דאן א יונגערמאן און געגעסן קעסט ביי מיין שווער אין ראדאם. איך האב אויסגענומען מיט מיין שווער, דאס איך האב דעם פוהלן רעכט ארייצונעמען אין שטוב א אורח אויף זיין קעסט, ער זאל קענען דא עסן, טרינקען און נעכטיגן.

איינמאל, קומענדיג אין ארטיגן חסידישן קלויז, באמערק איך א ליטווישן אידן, אנגעטהון זייער פשוט און ארעם, טראגנדיג אין האנד א פעקל מיט ספרים.

איך האב דעם אורח דערלאנגט שלום און איהם געפרעגט פון וואנען ער איז.

— איך בין א ראדינער איד — איז געקומען דער ענטפער.

דער אורח האט מיר געפרעגט צו ער האט ערלויבעניש איבערצולאזן זיין פעקל ספרים אין חסידישן קלויז.

איך האב מיר גוט איינגעקוקט אויפן אורח און באלד באמערקט דאס

ער איז נישט פון די פשוטע וואנדערער און ארומפאהרער. עפעס האט פון איהם זיך געפיהלט העכערס און מעהר עהרעפורכט.

— איך קען אייך נישט געבן די פעראנטווארטליכקייט — האב איך דאן געזאגט דעם אורח — אז מען זאל אייער פעקל נישט צונעמען. טאמער ווילט איהר מיר בעסער פאלגן, קומט צו מיר אין הויז, וועל איך אייך אויפנעמען ווי א טייערער גאסט, דארטן וועט איהר קענען רוהיג איבערלאזן אייערע פעקלאך מיט די ספרים, ווי אויך זיך אויסרוהען פון וועג און אויך איבערבייסן.

דער אורח האט מסכים געווען צו מיין פארשלאג און מיטגעקומען מיט מיר צו מיין שווער אין הויז. ווען איך האב איהם דערלאנגט א סעודה צו עסן, האט ער זיך ענטשולדיגט פאר מיר און געזאגט, דאס זיין שטייגער איז צו עסן נאר א שטיקל שווארצע ברויט מיט שווארצע קאווע. איך האב איהם נאכגעגעבן זיין פארלאנג און ער איז געבליבן ביי אונז אלס אורח איינגע טעג.

אין משך פון די טעג וואס דער אורח איז געווען אין שטאדט, פלעגט ער זיך א געוויסע צייט אין טאג ארומדרייען איבער די בתי מדרשים און קלויזן פון שטאדט כדי צו פארקויפן די ספרים.

ערב שבת האב איך געבעטן דעם אורח ער זאל פארבלייבן ביי אונז אויך אויף שבת.

— איך בעט אייך, זאגט מיר נאר ווער איז אייער שוחט, ביי וועמען לאזט איהר שחט׳ן די עופות אויף שבת? — האט דער אורח מיר געפרעגט.

איך האב איהם געזאגט און באלד איז ער אוועק כדי צו אויסגעפינען ווער דער שוחט איז, צו ער איז א עהרליכער און צו זיין חלף איז א כשרער, ערשט דאן איז ער צוריק געקומען און מיר פארשפראכן צו עסן ביי מיר די סעודות פון שבת.

איך בין ערשטוינט געווארן צוקוקנדיג זיך ווי אזוי דער אורח איז

אפגעהיט אין יעדע מצוה. מיט וואס פאר א ליבשאפט ער טהוט און פיהרט אויס א מצוה. איך בין מיט יעדן מינוט מעהר איבערצייגט געווארן אין די גרויסקייט פון דעם דאזיגן ליטווישן אידן, אבער איך האב זיך נישט ערלויבט איהם אויסצופרעגן און דערגיין ווער ער איז.

פרייטאג צו נאכטס בין איך גאר ארויס פון די כלים. מיר האבן אפגעגעבן פארן אורח א זייטיגן צימער׳ל, אין וועלכן מען האט נישט אנגעצונדן קיין ליכט, כדי ער זאל זיך קענען אויסרוהען אין דער נאכט. באלד נאכן עסן, האט דער גאסט אונז געוואונטשן א גוטן שבת און אריין אין דעם צימער׳ל.

אין אנהויב האב איך זיך זייער געוואונדערט, וואס ער איילט זיך אזוי צו גיין שלאפן, עס איז נאך געווען גאנץ פריה און מיר האבן געוואלט אביסל שמועסן. איך האב זיך אבער פארגעשטעלט, דאס געוויס איז ער זייער פארמאטערט פון זיין שווערע פרנסה, ארומגיין א גאנצע וואך מיט פעקלאך ספרים צו פארקויפן.

ווי ערשטווינט בין איך געווארן ווען איך האב געהערט פון אונטער די טהיר, ווי דער גאסט דרייט זיך ארום אין צימער אהין און צוריק און מורמלט עפעס מיטן מויל. איך האב צוגעלייגט דעם אויער צו דער קליאמקע און געהערט קלאר ווי ער חזרט איבער אויסנווייניג פרקים פון משניות. אלס נייגעריגקייט, האב איך ארויסגענומען פון דער שאפע א משניות, און אויפגעמישט פונקט א וואו ער האט געחזר׳ט. איך שטיי און וואונדער זיך ווי אזוי ער זאגט די אלע משניות אויף אויסנווייניג, ווארט ביי ווארט, נישט פארפעלנדיג אפילו קיין גירסא. נאך מעהר האט מיין וואונדער געשטיגן, ווען איך האב זיך צוגעהערט ווי ער חזר׳ט אויך די מפרשים אויף דער משנה. אויך זיי האט ער געזאגט מיטן מויל ווארט ביי ווארט, נישט מאכנדיג קיין איין פעלער.

דאס איז גראדע געווען די משניות פון קנים, און ער האט אזוי ארומגעשפאנט ביי זיך אין צימער, און כסדר געלערנט אן אויפהער. איך בין אזוי געזעסןביים טיר מיטן משניות אין האנד און זיך צוגעהערט, ביז

איך בין ענדליך אנטשלאפן געווארן. איך האב אליין נישט געוואוסט ווי לאנג דער אורח איז אזוי ארומגעגאנגען און געלערנט.

באלד נאך שבת איז דער אורח אוועקגעפאהרן פון אונז און מעהר האב איך איהם שוין נישט געזעהן.

ערשט אין א צייט ארום האב איך זיך דערוואוסט, אז דער אורח איז געווען נישט קיין אנדערער, ווי דער "חפץ חיים" בכבודו ובעצמו, וועלכער איז נאך דאן נישט געווען בעקאנט אויף דער וועלט, און ער איז אליין ארומגעפאהרן צו פארקויפן זיינע ספרים וואס ער האט פערפאסט.

איהר קענט זיך נישט פארשטעלן מיין שמחה, וויסנדיג אז איך האב געהאט די זכיה צו האבן ביי מיר אין שטוב אזא חשובן גאסט, וואס דאס גאנצע אידנטום ציטערט פאר זיינס א ווארט, שוין דאן האט מען אין זיינע הנהגות איינגעזעהן דעם צדיק און קדוש, דעם שולחן ערוך איד, וואס איז געווארנט אויף יעדן תג און קוץ פון א דין.

א אנדער געזיכט

עס שטעהט אין דער תורה "ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו" — דער אויבערשטער האט געבענטשט דעם זיבעטן טאג און איהם געהייליגט. זאגן דערויף די חז"ל, מיט וואס האט דער אויבערשטער געבענטשט און געהייליגט דעם שבת, מיט זיין אויסזעהן פון פנים, דעם מענטש'נס פנים איז שבת אנדערש ווי אין מיטן דער וואך.

(מד"ר בראשית)

★

און דעריבער איז טאקע דער טעם וואס חאטש אין מיטן דער וואך, ווען מען דארף זאגן שבע ברכות אין די שבעת ימי המשתה, זאגט מען נישט נאר דאן ווען עס איז דא א פנים חדשות אויסער שבת, ווייל אום שבת איז דאך יעדער איינער א פנים חדשות, ווארום דער פנים זיינער וואס ער האט געהאט אין מיטן וואך האט ער נישט שבת, דאן קוקט ער אנדערש אויס.

(שפת אמת)

מיט צובראכענע ביינער

אין דער שטאט קעשענאוו (בעסאראביע) האבן זיך געפונען א סך סקווערער חסידים און דער רבי, דער צדיק רבי דוד זצ״ל, פלעגט אהין קומען פון מאל צו מאל און דארטן האלטן שבת מיט די חסידים.

אין א געוויסן שבת פארטאג, נאכדעם ווי אלע חסידים און מקורבים האבן נאכן ביינאכטיקן ״פראווען טיש״ זיך געהאט צוגעלייגט, איז דער רבי אוועק ביחידות זיך טובל זיין לכבוד שבת. ס׳האט נאך דאן געהערשט א טיפע פינצטערניש, און אין אט דער שפעטער שעה אין דער נאכט האבן זיך שוין געהאט אויסגעלאשן די ברענענדיקע ליכט אין דער מקוה.

די מקוה האט זיך געפונען זייער טיף ארונטער און דער אראפגאנג צו איר האט געפירט דורך א סך צענדליקער טרעפ. צוליב די טונקלקייט ביים אראפגיין צו דער מקוה האט פאסירט א אומגליקס־פאל: נישט באמערקנדיק אז ער שטייט נעבן דער טרעפ־עפענונג פון דער מקוה, איז דער רבי ארייגעפאלן אין וואסער פון דער מקוה.

נישט ווייט פון מקוה־בנין האט געוואוינט דער גוי וואס האט אויפגעפאסט אויף דער מקוה, און ער האט טאקע אין דער שטילקייט פון יענעם שבת פארטאג דערהערט דעם פלוצלונגדיקן געפליסק־גערודער אין דער מקוה־וואסער. איז ער תיכף אנגעקומען און איז גיך צוגעלאפן צו דער מקוה. ווארשיינליך דערפאר וואס ס׳איז געווען אין סאמע פארטאג, ווען דער גוי האט נאר וואס זיך אויפגעכאפט פון שלאף, פאר׳חלומ׳ט און דערשראקן, דערצו איז נאך ארום געווען א געדיכטע טונקלקייט — אזוי אז דער צוטומלטער גוי האט געמיינט אז אין וואסער איז ארייגעשפרונגען עפעס מי יודע וואס... האט ער געכאפט דעם עמער, מיט וועלכן מ׳האט געשעפט דאס וואסער פון מקוה, און דערמיט

געגומען קלאפן מיטן גאנצן כח איבערן וואסער... אויף דעם הייליגן קערפער פון רבי׳ן.

אין א ווײלע ארום האט דער גוי באמערקט אז ער שלאגט דא מיטן עמער איבער א מענטשליכן רוקן און ער איז, פארשטײט זיך, דערציטערט געווארן. ער איז טאקע באלד ארײנגעלאפן אין מקוה, ארויסגעצויגן דעם רבי׳ן זצ״ל פון וואסער און ארויפגעפירט אינדערהויך. נישט וויסנדיג וועמען ער האט געהאט די זכי׳ צו ברעכן די ביינער און צו ראטעווען, האט דער גוי ״אפגעטאן זײנס״ און איז דערנאך אוועק צו זיך אהיים. ״א גוי — בלײבט א גוי״.

נאך דעם אלעם איז דער רבי אראפגעגאנגען אליין אלע צענדליקער שטיגן, זיך געטובל׳ט און איז דערנאך צוריק ארויף די אלע טרעפ. צוריקקומענדיק האט דער רבי זצ״ל זיך געפירט מיט זײן געוויינליכן סדר העבודה, אן קיין שום ענדערונג: ״געפראוועט טיש״ ביי יעדער סעודה און זיך נוהג געווען אין דער גאנצער שבת־עבודה כדרכו בקודש. אויף זײן ליכטיגן פנים האט מען אפילו קיין שפור נישט געמערקט פון דער אומגעוויינליכער געשעהעניש, און ער האט וועגן דעם ניט געזאגט קיין ווארט און ניט אנגעוואונקען מיט קיין רמז.

אזוי האט דער רבי זצ״ל דעם גאנצן שבת סובל געווען יסורים באהבה און נישט געוואלט פארשטערן דעם שבת, נישט פאר זיך און נישט פאר די חסידים.

ערשט נאכן דאוונען מעריב און מאכן הבדלה האט דער רבי זיך צוגעלייגט אין בעט און א זאג געטאן, אז ס׳וואלט געווען א גלייכע זאך א רוף צו טאן א דאקטאר אים אונטערצוזוכן... און אויך דאן ניט אנגעגעבן די סיבה פארוואס ס׳איז נויטיג א דאקטאר. פארשטייט זיך, אז די חסידים האבן באלד געלאזט רופן א גרויסן פראפעסאר, וואס האט באלד גרונטליך געגומען אונטערזוכן, אויסהערן. ער האט געטאפט, געדריקט די ביינער דא און דארט, און דער רבי האט אפילו ניט געגעבן קיין קרעכץ, ביז... דער פראפעסאר האט א דריק געטאן אויף געוויסע צטליכע ריפן — און דער רבי האט גלייך גע׳חלש׳ט.

דער פראפעסאר האט פעסטגעשטעלט, אז עטליכע ריפן־ביינער זיינען צובראכן, און ער איז געווארן דערשטוינט פון באוואונדערונג ווי אזוי ס׳איז מעגליך אויסצוהאלטן מיט אזא רוהיקייט און געלאסנקייט אזעלכע אומדערטרעגליכע ווייטאגן, וועלכע גרייכן ביז צום חוט־השדרה — אזוינס קען געמאלט זיין נאר ביי א מלאך פון הימל...

ווען דער פראפעסאר האט געפרעגט דעם רבי׳ן זצ״ל, ווי קען עס א מענטש אזוי ליידן און איבערטראגן אזעלכע אומדערטרעגליכע ווייטאגן — האט דער רבי זצ״ל אים געענטפערט:

— גלויבט מיר, אז דאס וואס מען נעמט אוועק אידישע קינדער פארשאפט מיר פיל גרעסערע ווייטאגן... (געמיינט דאס מאביליזירן פון אידישע קינדער אין מיליטער־דינסט פון דער צארישער ארמיי).

דער רבי איז דערנאך געלעגן צום בעט עטליכע חדשים ביז השי״ת האט איהם צוגעשיקט די פולקאמע רפואה.

נישט אויף צער

דעריבער דאווענט מען ביי די שבת׳דיגע תפלות נאר זיבן ברכות און נישט די גאנצע שמונה עשרה וואס מען דאווענט אין די וואכן טעג, ווייל טאמער א מענטש וועט האבן א קראנקן ביי זיך אין הויז, און ווען ער וועט האלטן ביי די ברכה רופא חולי עמו ישראל, וועט ער זיך דערמאנען און עס וועט איהם מצער זיין, און דער הייליגער טאג שבת איז געגעבן געווארן פאר אידן אויף רוה און נישט אויף קיין צער.

(תנחומא פ׳ וירא)

צוליב דעם אויבערשטן

ווען א מענטש רוהט אום שבת, רוהט אויך זיין קערפער און ער ווערט אפגעפרישט, זאגן מיר דעריבער אין בענטשן... לשבת בו ולנוח בו באהבה כמצות רצונך״ — מיר רוהען נישט צוליב קערפערליכן געניס. נאר צוליב דיין באפעל, רבונו של עולם.

(מהריק״ש)

דער פארשטערטער שבת

אין א געוויסן טאג פון די וואכנטעג, נאך מנחה, האט דער הייליגער בעל שם טוב זצ״ל, געהייסן שפאנען די פערד, און אין דער באגלייטונג פון עטליכע געטרייע תלמידים, האט ער זיך ארויס געלאזט אין וועג. ווי דער שטייגער ביי אזעלכע נסיעות, האט ער געהייסן דעם טרייבער נישט צו ציהען די פערד אויף א באשטימטער ריכטונג, נאר זיי לאזן פון זיך אליין גיין צו וועלכן ריכטונג זייערע פיס וועלן זיי טראגן. דער וואגן און פערד פאהרן שנעל אין גאלאפ איבער וועגן און שטעגן. וועלדער און פעלדער פליהען דורך ווי אין אויגנבליק. די פערד, כמעט ווי זיי באריהרן נישט די ערד, נאר זיי שוועבן ווי אין דער לופטן.

די רייזענדע פון וואגן, דער הייליגער בעש״ט און זיינע באגלייטער זיינען פארנומען מיט זייערע געדאנקען. א גאנצן טאג געפינען זיי זיך אויפן וועג און ווייסן נישט וואו איז דער ציל און אוואו מען וועט זיך אפשטעלן, די תלמידים זיינען זייער באזארגט און זייער הארץ ציטערט און פלאטערט, זיי קוקן אויף זייער גרויסן רבין און ווילן געפינען א ענטשיידונג. אבער דער רבי זיצט פארזונקען אין זיינע געדאנקען און זיין געזיכט רופט אויס טיפער זארג, ווי ער אליין ווייס אויך נישט קלאר דעם צוועק פון דער דאזיגע רייזע. דאס האט נאך מעהר איבערגעשראקן די תלמידים, ווען זיי האבן געפיהלט אז דער רבי געפינט זיך יעצט אין דער בחינה פון ״הסתלקות המוחין״, ער ווייסט נישט יעצט מעהר ווי א אנדערער, פשוטער מענטש.

נאך מיטאג האט זיך דער שנעלקייט פון וואגן אביסל אפגעשטעלט, מען האט שוין געקענט זעהן אוואו מען געפינט זיך. מען האט געפיהלט אז אט באלד וועט זיך דער וואגן אפשטעלן און מען וועט ענדליך דערגרייכן דעם ציל.

און ווירקליך נאך א קורצע צייט האבן זיך די פערד אפגעשטעלט נעבן א לײדיגן ארט וואס האט זיך געפונען אין די טיפענישן פון דעם וואלד.

דער בעל־שם־טוב האט אויפגעעפנט די אויגן און האט זיך ארומגעקוקט. ס'האט אים שטארק געוואונדערט וואס די פערד האבן זיך אפגעשטעלט אין מיטן וואלד. ארום און ארום איז געווען א געדיכטער וואלד, און קיין סימן פון א מענטשליכן ישוב איז נישט געווען צו זען: ניט קיין רויך, ניט קיין פייערל, אפילו א הונד האט נישט געבילט.

— "ווי עס ווייזט אויס" — האט דער בעל־שם־טוב געזאגט, — "ווערלן מיר מוזן נעכטיקן אין וואלד, און טאקע דא אויפן ארט".

אזוי זאגנדיק, איז דער בעל־שם־טוב ארויסגעקראכן פון וואגן, און האט גענומען צוגרייטן זיך צו דאווענען מעריב.

די תלמידים האט עס זייער געוואונדערט. ס'איז געווען קלאר פון אנהויב, אז דער בעל־שם־טוב האט ניט געהאט אין זינען צו נעכטיקן אין וואלד. זיי זיינען געווען זיכער, אז עפעס אויסערגעוויינליכעס האט פאסירט.

מען האט שוין ווי עס איז דורכגעמאכט די נאכט אין וואלד. די ערשטע זונען־שטראלן האבן גענומען דורכ'גנב'ענען זיך צווישן די צווייגן און בלעטער פון די געדיכטע ביימער.

ווען די תלמידים האבן געעפנט זייערע מידע אויגן, איז דער בעל־שם־טוב ניט געווען מיט זיי. באלד האט ער זיך אבער באוויזן צווישן די ביימער. זיין בארד איז געווען פייכט. ער איז שוין געווען אין וואסער. די תלמידים האבן זיך געלאזט גיין אין דער ריכטונג פון וואנען דער בעל־שם־טוב איז געקומען, און זיי האבן טאקע באלד אנטדעקט א קליין טייכל וואו עס האט געפלאסן קלארע און ריינע קוואל־וואסער.

די תלמידים האבן זיך אויך טובל געווען לכבוד שבת, און האבן זיך אומגעקערט צום וואגן.

אפגעדאווענט שחרית, האבן זיי זיך אלע ארייגעזעצט אין וואגן און האבן גענומען פארן ווייטער.

די שעה'ן האבן זיך לאנגזאם געצויגן, און צום וואלד איז קיין ברעג ניט געווען. ס'איז געווען קלאר, אז זיי בלאנדזשען.

אויפן געזיכט פון בעל־שם־טוב האט זיך באוויזן א טיפע אומרואיקייט. ס'איז דאך ערב שבת, און דא איז מען פארבלאנדזשעט אין וואלד!

די זון האט זיך שוין גענומען באהאלטן הינטער די הויכע בוימער, ווען זיי האבן פון וויטן באמערקט א פייערל.

געלויבט דער אויבערשטער! כאטש געקומען צו א מענטשליכן ישוב!

די ערשטע מינוט זיינען די תלמידים געווען איבערגעשראקן: ווער וויסט אויב דא געפינט זיך נישט קיין נעסט פון וואלד רויבער און מערדער. אבער באלד האבן זיי באמערקט א מזוזה אנגעקלאפט אויף דער טהיר און זיי האבן פרייער אפגעאטעמט. אנגעטראפן טאקע אין א אידישע שטוב, וועלכע געפינט זיך פארווארפן אין טיפן וואלד. זיי האבן געדאנקט דעם אויבערשטן פאר דעם חסד וואס ער האט מיט זיי געטהון, זיי זאלן קענען האלטן שבת צווישן אידן.

באלד האט זיך דער וואגן אפגעשטעלט נעבן דאס הויז. זיי האבן אנגעקלאפט אין טהיר און ביי דער שוועל איז ערשיינען א הויך געוויקסיגער ברייט ביינערדיגער איד, וועלכער האט זיי אנגעקוקט מיט א בייזן בליק. זיין מגושמ'דיגער אויסזעהן, זיין באוואקסענע קאפ מיט האר און צופלאזשעטע בארד האט זיי אין ערשטן אויגנבליק צוריקגעהאלטן און אפגעשראקן. ער האט זיי אפילו קיין שלום נישט געגעבן, נאר געפרעגט מיט כעס אוןווידער ווילן:

— וואס ווילט איהר דא?

— מיר האבן דא פארבלאנדזשעט אויפן וועג — האבן זיי איהם געענטפערט — און אט פאלט שוין צו דער שבת און מיר האבן נישט וואו זיך צו פארהאלטן ביז איבער שבת. וואלטן מיר וועלן דא האלטן שבת...

דאס אומפריינטליכער געזיכט פון דעם אידן האט זיך נישט געביטן, פארקערט, ער איז נאך געווארן מעהר ברוגז.

— איהר זאלט זיך שוין אפטראגן פון דאנען — האט ער גענומען לארעמען אויף זיי — ביי מיר אין שטוב וועל איך אייך נישט ארייגלאזן! איך זעה דאך אז איהר זיינט חסידאקעס און אזעלכע האב איך פיינד מיט מיין גאנצן הארץ. קריכט ארויף צוריק אויפן וואגן און פאהרט אפ!

— אבער געוואלד, עס איז דאך ערב שבת! — האבן די תלמידים זיך געבעטן ביי איהם — די זון גייט דאך שוין באלד אונטער! ווילסטו טאקע מיר זאלן בלייבן אויף דעם פרייען פעלד איבער שבת?!

— דאס גייט מיר זייער ווייניג אן — האט דער איד געענטפערט — מיט אייך צוזאמען אונטער איין דאך וועל איך נישט זיין! גייט זוכט זיך א אנדער ארט וואו צו פארברייגגען דעם שבת!

— געפינט זיך דא אין דעם געגנד נאך ערגעץ א אידישע הויז, וואו מיר וועלן זיך קענען פערהאלטן ביז איבער שבת?

— ניין, דא אין דעם געגנד איז אלס פוסט — האט דער מגושמדיגער איד געענטפערט — ערשט ביי א זעקס זיבן שעה רייזע פון דאנען, איז דא א שטיקל ישוב.

די תלמידים האבן איהם אנגעקוקט מיט שטוינונג, עס איז א קורצע צייט פאר ליכט בענטשן, און ער לאזט זיי נישט אריין ביי זיך! וואס פאר א מין ברי' איז דאס אז עס איז ביי איהם רעכט אוועקצושיקן אידן אין וואלד אריין ערב שבת פאר דער שקיעה?!

האבן זיי גענומען בעטן ביי איהם ער זאל נישט זיין אזוי שלעכט, זאל ער רחמנות האבן אויף זיי און נישט צוברייגגען צו קיין חילול שבת, זיי האבן איהם פארשפראכן צו באלוינען פאר דער הכנסת אורחים און פאר דעם עסן וואס זיי וועלן דארטן באקומען דורכן שבת. ענדליך האט דער איד זיך געלאזט איינרעדן און אויסגערופן מיט כעס:

— איך זעה דאך אז איך קען פון אייך נישט פטור ווערן, וועל איך אייך אריינגעמען צו מיר ביז איבער שבת. אבער אזוי ווי איך פארטראג

נישט קיין חסידאקעס, מוזט איהר מיר פארשפרעכן אז איהר זאלט דאוונען שטילערהייט און נישט מאכן קיין קולותביים דאוונען — זיי זאלן נישט דאוונען לאנגזאם, ווייל ער וועט נישטווארטן אויף זיי מיט דער סעודה און טאמער זיי וועלן זיך פארדאוונען וועלן זיי בלייבן אן עסן. זיי זאלן נישט צופיהל פרעגן קיין פראגעס, אפילו ווען ס׳געפעלט זיי נישט, און זיי זאלן זיין געווארנט איהם נישט ארייצוברייינגען אין כעס. — און דערביי האט ער זיי אנגעקוקט מיט אזא בייזקייט און שטרייינגע מינע, אז די האר האט זיך זיי קאפויער געשטעלט פון גרויס שרעק.

א ברירה האבן זיי דען געהאט? האבן זיי געמוזט צושטימען צו זיינע באדינגונגען, זיי האבן אריינגעפיהרט זייערע זאכן אין שטוב און זיך א ביסל אפגערוהט. דערנאך ווענדעט זיך דער בעל שם טוב צו דעם גאסט געבער און פרעגט אויב עס געפינט זיך דא נאהנט א וואסער, א טייך אדער א בירקע, וואו מען קען זיך טובלען. ווען דער איד האט געהערט די דאזיגע פראגע, האט זיך אנגעצונדן ביי איהם דער כעס און ער האט גענומען שרייען מיט מאוימדיגע קולות:

— איך האב גלייך געוואוסט מיט וועמען איך האב דא צו טהון! אט הויבן זיי שוין אן צו פראווען זייערע חסידישע שטיק. גיב זיי א מקוה מיט וואסער! נאר דאס פעלט מיר אויס! ניין. איך קען אייך ביי מיר אין שטוב נישט האלטן, נעמט אייך אייערע פעקלאך און טראגט זיך אפ!

און אזוי רעדנדיג האט ער אנגעכאפט די זאכן און עס געוואלט ארויסווארפן אין דרויסן, די תלמידים זיינען דערציטערט געווארן און גענומען בעטן ביי איהם מיט תחנונים ער זאל זיי מוחל זיין פאר די פראגע, ביז עס איז זיי ענדליך געלונגען איהם צו בארוהיגן און זיי זיינען געבליבן ביי איהם אין שטוב.

דאן האט זיי דער איד אריינגעפיהרט אין א קליין צימערל און זיי דארטן איבערגעלאזט. עס איז געווען א אלטער איינגעפאלענער צימערל, די ווענט רויה אן קאלך, אנשטאט א טיש איז געלעגן א ברעט אויף פיהר קלעצער וועלכע זיינען געווען אריינגעשטעקט אין דער ערד. דורך די אפענע טהיר האט זיך געזעהן נאך טהירן וואס האבן געפיהרט צו אייניגע צימערן וועמענס אויסזעהן איז נישט געווען שענער. קיינער איז אין הויז

נישט געווען אויסער דער מגושמ׳דיגער איד, וועלכער האט ארומגעשפאנט אין שטוב און געגעסן פרוכט וואָרפנדיג די שאלאכץ אויף דער ערד, און אפוּוישנדיג זיך די שמוץ מיט זיין שמוציגן ארבל.

דערווייל האט די זון שוין געהאלטן ביים אונטערגיין און קיין צייכן פון שבת אדער צוגרייטן זיך צום שבת זעהט מען נישט דא. דער בעל שם טוב מיט זיינע תלמידים זיינען דערציטערט געווארן. אפשר ווייס גארנישט דער איד וואס מיינט שבת און ער היט נישט אפ שבת, וואס זאלן זיי טהון? זיי זיינען געווען אין גרויס פערלעגנהייט און נאך מעהר, אין גרויס שרעק, ציטערנדיג עפענען דעם מויל.

די תלמידים קוקן אויפן רבין. אבער אויך דער רבי איז פארלוירן און ווייסט זיך נישט קיין עצה צו געבן.

מיטאמאל קומט אריין דער איד, ער ברענגט אריין א רויהען זאק און שפרייט עס אויס אויפן טיש אנשטאט א טישטאך, דערנאך האט ער אריינגעברענגט א שטיק ליים, עס אוועקגעלייגט אויפן טיש, אריינגעשטעקט דערין זיין פינגער און אין דעם לאך וואס איז געווארן האט ער אריינגעטהון א ליכט און עס אנגעצונדן, דאס מאטע ליכט האט עטוואס באלויכטן די טונקלקייט וואס האט געהערשט אין צימער.

נאך איידער די געסט האבן זיך רעכט אריענטירט וואס דא טהוט זיך, האט דער מגושמדיגער איד באלד אנגעהויבן צו דאוונען, ער האט אפגעכאפט דעם דאוונען און איינגעשלונגען ווערטער.

אויך די געסט האבן גענומען מיטדאוונען, אזוי ווי זיי האבן איהם פארשפראכן, זיי האבן געמוזט היפערן אויף איניגע קאפיטלאך און ענדליך קוים אנגעיאגט צו דאוונען און ענדיגן צוזאמען מיטן בעל הבית.

נאכן דאוונען, ווען זיי האבן איהם געבענטשט מיט א "גוטן שבת", האט ער זיי געענטפערט מיט קללות און זידלווערטער אז זיי האבן זיך קיין ארט נישט געפונען. זיי זיינען געווען שרעקליך צובראכן, אזא משונה׳דיגן איד האבן זיי נאך אויף זייער לעבן נישט באגעגנט, דער טעם פון שבת איז ביי זיי אוועקגענומען געווארן, טרערן זיינען זיי געשטאנען אין די אויגן.

זיי האבן זיך ענדליך געשטארקט און גענומען זאגן שטילערהייט שלום עליכם, אבער א ווילדער אויסגעשריי פון דעם מגושמדיגן אידן האט זיי די ווערטער דערשטיקט אין מויל.

אזוי שרייענדיג האט ער אנגעגאסן א בעכער וויין, און גענומען מאכן שנעל קידוש. פאר זיינע געסט האט ער געגעבן א פאר טראפנס וויין צו לעקן.

— איהר קענט זיך נאך אנשיכורן — האט ער גענזאגט — און מיר פארשטערן דעם שבת. וועט איהר דעריבער זיך בעגנוגענען און יוצא זיין מיט מיין קידוש.

דערנאך האט מען זיך געוואשן איבער שווארצע ברויט, קיין לחם משנה האט ער פאר קיינעם נישט געגעבן, זיי האבן פארשפארט צו בעטן ביים איהם, ווייל זיין מערדערישער בליק האט זיי כמעט ווי שטום געמאכט.

די סעודה האט נישט ענטהאלטן קיין פיש און קיין פלייש, ער האט אריינגעטראגן א גרויסע שיסל מיט ווארימע קארטאפל וועלכע האבן געשוואומען אין וואסער, דערלאנגט פאר יעדן איינעם א גרויסע הילצערנע לעפל און זיך אנגערופן מיט א באפעלערישן טאן:

— עסט מיט אפעטיט! אבער מאכט נישט ליידיג די שיסל, אויך איך מוז עפעס עסן.

ער האט באלד גענומען דעם גרויסן לעפל און געגעסן פון דער שיסל מיט גרויס אפעטיט, ווען א טייל זופ רינט ארויס פון זיין מויל צוריק אין שיסל אריין. זיי האבן קוים זיך געשטארקט אויף זייער עקל און פארזוכט פון דעם ווארימען "זופ" וועלכער האט נישט געהאט קיין בעסערן טעם ווי דער ברויט. אויך קיין זמירות האט ער זיי נישט ערלויבט צו זינגען. באלד נאכן עסן האט ער זיי באפוילן צו בענטשן, און זיי אריינגעשיקט אין אנדערן צימער וואו ער האט פאר זיי צוגעגרייט אויף דער ערד א געלעגער, אויסשפרייטנדיג פשוטע זעק.

דער בעש"ט מיט זיינע תלמידים האבן נישט געקענט קיין אויג

צומאכן די גאנצע נאכט. דאס שטארקע כראפען פון דעם בעל הבית האט געמאכט טרייסלען די ווענט, און זיי אליין האבן מורא געהאט צו רעדן צווישן זיך, טאמער כאפט זיך אויף דער בעל אכסניא און דאן — אך און ווי וועט זיי זיין, ער קען זיך נאך ארויפווארפן אויף זיי און מכבד זיין מיט די פויסטן.

די הארץ איז זיי געווען פארקלעמט פון צער און שאנדע, טרערן זיינען זיי געשטאנען אין די אויגן. זיי האבן נישט געקענט פארשטיין פארוואס עס קומט זיי צו האבן אזא שרעקליכן און פארשטערטן שבת. נאך גרעסער איז געווען דער צער פון דעם בעל שם טוב, נישט וויסנדיג וואו ער האלט, און דאס מיספארשטענדעניש, ווען זיינע אלע מדרגות זיינען פון איהם צוגענומען געווארן.

גאר שפעט אין דער נאכט, באלד פארטאג, זיינען זיי ערשט אנדרימלט געווארן. אבער נאך איידער זיי זיינען עפעס געשלאפן, האבן זיי זיך אויפגעוועקט הערנדיג א געברום איבערן צימער. ווען זיי האבן געעפנט די אויגן, האבן זיי געזעהן ווי דער בעל אכסניא לויפט ארום איבער די צימערן, אנגעטהון א פארשמאלצעוועטן טלית און שלינגט דעם דאווענען. זיי זיינען שנעל אויפגעשטאנען, געוואשן די הענד און זיך אויך געשטעלט דאווענען, וועלנדיג דעריאגן דעם בעל הבית.

אויך די סעודה פון בייטאג איז נישט געווען מיט קיין סאך בעסער ווי אין אוונד, ווידער האט ער זיי דערלאנגט שווארצע ברויט, און א שלעכטן געקעכטץ מיט א ביטערן טעם, וואס זיי האבן עס מיט גרויס שוועריגקייט אראפגעשלונגען.

אזוי איז דער גאנצער שבת אריבער אין אומעט און דערשלאגנקייט. טאמער האבן זיי געוואלט עפעס שמועסן צווישן זיך, האט זיי דער איד אנגעשריגן און שטיל געמאכט, טענה'נדיג אז זיי שטערן איהם זיין שבת רוה. די קאפ האט ביי זיי נישט געארבעט און אפילו טראכטן אין דברי תורה האבן זיי נישט געקענט.

עס איז זיך נישט פארצושטעלן וואס פאר א פארשטערטן שבת דער בעש"ט האט געהאט.

ענדליך איז שוין דער שבת אריבער, און דער בעש"ט מיט זיינע תלמידים האבן זיך גענומען גרייטן צו פארלאזן דאס הויז. דאס אליין האט זיי אנגעפיהלט מיט מוט וואס זיי וועלן פטור ווערן פון אזא גאסט הויז.

ווען זיי זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט זייער גאסטווירט, זיינען זיי ערשטוינט געווארן צו זעהן אז ער איז אינגאנצן אנדערש געווארן. זיין מגושמ׳דיגקייט איז אינגאנצן פארשוואונדן געווארן און ער האט זיי באגעגנט מיט א שמייכל אויף זיין געזיכט. זיי האבן איהם ממש נישט דערקענט.

שטייענדיג אזוי און טראכטן, האט זיך געעפנט א זייטיגע טהיר וועלכע זיי האבן ביז איצט נישט באמערקט און אויפן שוועל איז ערשיינען א פרוי. זי איז צוגעקומען נענטער צו זיי און זיך געווענדעט צום בעל שם טוב מיט גרויס עהרע פורכט זאגנדיג:

— שלום עליכם, רבי!

דער בעש"ט איז געווען זייער פארוואונדערט און ער האט געפרעגט:

— ערשטנס, פון וואנען קענסטו מיר. און אויב דו קענסט מיר, פארוואס האסטו צוגעלאזן מיר זאלן דא האבן אזא פארשטערטער שבת.

— דער רבי דערקענט מיר נישט? — האט די פרוי ווייטער געפרעגט.

— ניין.

— איך בין דאך די שטוב מיידל, וואס האב ביי אייך געדינט פיהל יאהרן?!

ערשט יעצט האט זיך דער בעש"ט דערמאנט ווער זי איז, אבער די פרוי האט ווייטער געזאגט:

— איך האב געדינט ביי די רביצין אלס שטוב דינסט. געוועזן בין איך א אומגליקליכע יתומה. אן קיין נאהנטע פאמיליע. איך האב זייער געליטן

פון א אומריינעם קאפ. די רביצין האט מיר באהאנדלט ווי א מוטער א קינד. יעדן-ערב שבת האט מיר די רביצין אויסגעצוואגן און אויסגעקעמט די האר, איינמאל ווען זי האט מיר אזוי באהאנדלט האב איך גענומען שרייען פון ווייטאג. די רביצין איז בייז געווארן און מיר אראפגעלאזן א פאטש. דער רבי איז דאן געוועזן אין צימער, ער האט אלס צוגעזעהן און געשוויגן, דאס איז געווען ערב שבת. עס האט מיר זייער פארדראסן פארוואס קיינער נעמט זיך נישט אן פאר א יתומה. אויך אין הימל איז דער קטרוג געווען זייער גרויס, עס איז דאך א מפורשער פסוק: כל אלמנה ויתום לא תענון? אז מען טאר נישט פייניגן קיין אלמנה און יתומים.

שפעטער, נאכדעם וואס איך האב חתונה געהאט, און מיין מאן, וועלכער איז איינער פון די באהאלטענע צדיקים, וויסנדיג פון דעם קטרוג, האט מתפלל געווען צו ממתיק זיין דעם גזר דין און ער האט אויסגעפועלט, אזוי ווי שבת איז דאך מעין עולם הבא, זאל מען דעם רבין פארשטערן איין שבת און דערמיט וועט ער אפקומען אויף דער וועלט. אבער קיינער האט זיך נישט אונטערגענומען צו פארשטערן א שבת פאר דעם בעל שם טוב, האט עס מיין מאן אונטערגענומען און ער האט עס טאקע אויסגעפיהרט.

"יעצט אבער, אז איר זייט די שטראף שוין אפגעקומען, בעט איך אייך צוריק אומצוקערן זיך צו אונז אין הויז אלס די חשוב'ע געסט וואס איר זייט..."

דער בעל שם טוב און די תלמידים האבן זיך אומגעקערט. יעצט איז שוין פאר זיי געווען צוגעגרייט א שיינער טיש, אין א שיינעם ליכטיקן צימער. באלד איז אויך אריינגעקומען דער נסתר און דער בעל שם טוב מיט די תלמידים האבן מיט אים פארבראכט אין תורה אין א פריילכער און געהויבענער שטימונג.

איבריגע רייד

ר׳ לייב איז געווען א אנגעזעענער בעל הבית אין זיין שטעטל; א איד א ירא־שמים, וועלכער איז געווען אפגעהיט מקיים צו זיין די הייליקע מצוות; א בעל־צדקה, א חבר אין חברה משניות און חברה תהלים, און בכלל א גוט־הארציקער און פריינטליכער מענטש. באזונדער האט ער זיך אפגעגעבן מיט דער מצוה פון הכנסת־אורחים. ס׳איז ביי אים געווען א אפענע הויז פאר יעדן דורכפארער אדער דורכגייער. אין זיין גאנץ פיינער הויז האט ער געהאט א באזונדער שטיבל פאר אורחים, וואו א משולח, אדער אזוי א דורכפארער, אדער אפילו א ארימאן, האט שטענדיק געקענט באקומען א מאלצייט און נאכטלעגער מיט גרויס כבוד.

פארשטייט זיך, אז די אפטע געסט וועלכע פלעגן אריינקומען צו ר׳ לייב׳ן האבן אים הערצליך געדאנקט פאר זיין הכנסת אורחים. און כאטש אין דער ערשטער צייט פלעגט ער ניט וועלן לידן, ווען מען האט אים געלויבט אין די אויגן, האט ער זיך אבער צוביסלאך צוגעוואוינט צו הערן לויב־ווערטער פון זיינע אורחים.

פאסירט אמאל, אז א משולח איז געקומען צו אים אויף שבת, און ר׳ לייב האט אים, ווי זיין שטייגער, פריינטליך אויפגענומען, באדינט און אפילו געגעבן א שיינע נדבה פאר דער ישיבה. פאר זיין אוועקפארן, האט אים דער משולח נישט געדאנקט און געלויבט ווי אנדערע, ניט־וועלנדיג דערמיט פארקלענערן דעם זכות פון דער מצוה וואס דער מכניס אורח האט פארדינט. ער האט ר׳ לייב׳ן געוואונטשן, אז ער זאל שטענדיג האבן דעם זכות פון הכנסת־אורחים און החזקת התורה, און איז אוועקגעגאנגען.

ר׳ לייב׳ן האט עס אביסל פארדראסן. ער האט געזאגט צו זיין ווייב, אז עס איז דאס ערשטע מאל אז א איד זאל פארגעסן אים צו דאנקען.

— "צווישן אונז גערעדט" — האט ער ווייטער געזאגט — "איז דען נאך ערגעץ דא נאך אזא מכניס־אורח ווי איך?"

— "זינדיג ניט מיט אזעלכע רייד" — האט זיך אפגערופן זיין פרומע ווייב. ס'איז אבער געווען צו שפעט. אויף ווערטער וואס מען רעדט ארויס מיט'ן מויל איז מען שוין מער קיין בעל־הבית ניט. פון די זינדיגע רייד זיינען געווארן שווארצע מלאכים, וועלכע דער שטן האט אונטערגעכאפט און זיי געבראכט צום בית־דין של מעלה. דער שטן האט פארקלאגט ר' לייב'ן, און געפאדערט פאר אים א שטראף.

איז אין הימל באשלאסן געווארן, אז אזוי ווי דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס ר' לייב איז דורכגעפאלן מיט רייד פון בארימעריי, און אויב ער וועט ניט באשטראפט ווערן וועט ער דאך מסתם ניט תשובה־טאן און חלילה דורכפאלן נאכאמאל און נאכאמאל, און אלץ שווערער און שווערער, מוז מען אים געבן א שטראף, אבער ניט א צו הארבע שטראף. איז געבליבן מען זאל אים שטעלן פאר א נסיון: וועט ער בייקומען דעם נסיון, וועט ער דארפן ליידן ארימקייט בלויז איין יאר, און דאן וועט ער ריינגעוואשן ווערן. אויב ער וועט דעם נסיון נישט בייקומען, וועט ער מוזן בלייבן א ארימאן א גאנץ לעבן.

דעם קומענדיגן פרייטאג, שוין גאר נאהנט צו ליכט־בענטשן, פאלט אריין צו ר' לייב'ן אין הויז א ארימאן, א בעטלער.

— "איך בין הונגעריק! גיב מיר עסן!" — האט ער געפאדערט.

כאטש עס איז געווען נאהנט צו ליכט־בענטשן, און ר' לייב האט געהאלטן אין מיטן צוגרייטן זיך לכבוד שבת, דאך האט ער גאר נישט געזאגט, ער איז אוועק געגאנגען און האט דעם פרעמדן געבראכט עפעס איבערצובייסן. דער בעטלער האט אלץ אראפגעשלונגען.

— "איך גיי אין בית־המדרש צו קבלת־שבת. אויב איר ווילט מיטגיין, וועלן מיר גיין צוזאמען" — האט ר' לייב געזאגט. ער האט געהאפט, אז דער אורח וועט זיך וועלן ארומוואשן און זיך צוגרייטן

אביסל לכבוד שבת. אבער יענער האט גאר געהאט אין זינען אנדערע זאכן.

— ״וואס הייסט, איר וועט גיין אין בית־המדרש און איבערלאזן דא א אידן ביי אייך אין שטוב שטארבן פון הונגער? איך האב דריי טעג נישט געגעסן; איך בין הונגעריג. איך בין אייך מוחל די לעקאכלאך און די צוקערלאך; גיט מיר עפעס צו עסן! איר האט דאך זיכער אנגעגרייט אויף שבת פיש, פלייש, צימעס. טא ברענגט א שטיקל פיש, א שטיקל הון, און פאראיינס אויף א חלה און דאן גייט אייך געזונטערהייט אין בית המדרש!״

אזעלכע דיבורים האט ר׳ לייב גאר ניט דערוואַרט צו הערן; אזא חוצפה! א אנדערער וואלט דעם בעטלער ארויסגעווארפן פון הויז, אבער ניט ר׳ לייב. ער האט זיך איינגעהאלטן און האט אפילו ניט ארויסגעוויזן קיין פאראיבל. ער איז געגאנגען אין קיך, און האט געבראכט א היבשע שטיק פיש, א פיינעם חלק עוף און פלייש, א חלה און וויין. ער האט אלעס אוועקגעשטעלט פאר דעם ארימאן, און מיט א פריינטליכן שמייכל האט ער געזאגט: ״עסט געזונטערהייט!״

די אויגן ביים בעטלער האבן ממש אויפגעשיינט, ווען ער האט דערזען און דערשמעקט די געשמאקע מאכלים. ער האט געשלונגען די חלה מיט די פיש, ארפאגעשווינקט מיט וויין, געשלונגען די פלייש און צימעס מיט א געוואלדיקן פארגעניגן. ר׳ לייב האט אויף אים געקוקט מיט רחמנות.

עס האט לאנג ניט געדויערט, און די טעלער זיינען אפגערייניגט געווארן. דער בעטלער האט ניט איבערגעלאזן א ברעקל חלה אדער א טראפן וויין.

— ״אויב איר האט זיך אנגעזעטיקט, וועלן מיר אפשר גיין צו קבלת שבת?״ — האט ר׳ לייב צו אים פריינטליך געזאגט.

— ״אנגעזעטיקט? איר לאכט מסתמא. דאס איז דאך בלויז אויף איין

צאַן. מענטש איינער! וואָס ווייסט איר וואָס הונגער איז! דריי טעג נישט געגעסן!"

נישט וואַרטנדיק מער אַז ר' לייב זאָל אים ברענגען נאָך עפּעס צו עסן, האָט זיך דער בעטלער אויפגעהויבן און איז אַריין אין קיך. ער האָט אויפגעריסן דעם צודעק פון אויוון, וואו דער שבת־טשאָלנט איז געווען באַהאַלטן אויף מאָרגן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט דעם טשאָלנט טאָפּ. פאַרבייגייענדיג האָט ער באַמערקט אַ טעלער פיש און נאָך אַ טעפּל מיט פלייש און ער האָט עס אַלעס אַריינגעבראַכט און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.

ר' לייב האָט זיך געכאַפּט, אַז דער פרעמדער וועט באַלד אַראָפּשלינגען דעם גאַנצן שבת און ער וועט גאָר ניט איבערלאָזן פאַר אים מיט זיין ווייב און קינדער. אָבער ער האָט גאָר ניט געזאָגט. ער האָט געוואַרט געדולדיג ביז דער בעטלער וועט זיך אָנעסן צו זאַט. לאַנג האָט עס ניט געדויערט. מיט די ברודיקע הענט האָט ער געריסן שטיקער און געשטאָפּט אין מויל און אַלס אַראָפּגעשלונגען. אַזאַ פרעסער האָט ר' לייב אין זיין לעבן ניט געזען.

— "אפשר וועלן מיר איצט גיין צו קבלת שבת?" — האָט ר' לייב אים געפרעגט.

— "ניין! איך בין מיד. איצט וויל איך גיין שלאָפן. ווייזט מיר מיין בעט!"

ר' לייב האָט אים אַריינגעפירט אין שלאָף־צימער וואָס איז געווען אָנגעגרייט פאַר געסט.

— "דאָ געפעלט מיר ניט!" — האָט דער בעטלער אויסגערופן. — "פאַר זיך האָט איר מסתם אַ בעסערן געלעגער!"

— "מיר קענען זיך בייטן, אויב איר ווילט, כאָטש איך פאַרזיכער אייך, אַז דער גאַסט־צימער איז דער שענסטער אין מיין הויז!"

ר' לייב האָט דעם פרעמדן אַריינגעפירט צו זיך אין שלאָף־צימער.

— ״אט דא געפעלט מיר!״ — האט דער בעטלער אויסגערופן און האט זיך אריינגעווארפן אין בעט, מיט די ברודיקע בגדים און שטיוול...

ר׳ לייב האט אים איבערגעלאזן און האט זיך געאיילט צו גיין אין בית המדרש. ער פלעגט אלעמאל קומען דער ערשטער, אבער היינט האט ער זיך שטארק פארשפעטיקט. ער האט אבער קיינעם ניט דערציילט די סיבה דערפון. ער האט זיך באמיט צו פארגעסן דעם משונה׳דיגן בעטלער, און זיך געשטעלט דאווענען מיט כוונה.

קומענדיק אהיים, איז כמעט גאר ניט געווען וואס צו עסן. קיין וויין אויף קידוש איז שוין ניט געווען, האט ער געמאכט קידוש איבער חלה. מען האט זיך אבער ניט פארגונען צו עסן ווי אלע מאל שבת, כדי עס זאל ניט אויספעלן פארן פארהונגערטן אורח מיט דעם גרויסן אפעטיט.

אויף מארגן אינדערפרי האט דער אורח געשמאק געשלאפן ווען מען האט געדארפט גיין אין בית־המדרש צום דאווענען. ר׳ לייב האט אים ניט געוואלט שטערן און האט אים איבערגעלאזט אין בעט כראפען.

קומענדיג פון בית־המדרש, האט ר׳ לייב געפונען דעם אורח ווי ער זיצט ביים טיש און פרעסט און זשליאקעט. ער האט אויסגעטרונקען די משקה וואס ער האט געפונען, ביזן לעצטן טראפן. ער האט זיך אזוי אנגעפרעסן און אנגעזויפן, ביז ער האט גענומען אויסברעכן... די לופט איז געווארן ניט צו פארטראגן.

עס איז געווען א פארשטערטער שבת פאר ר׳ לייב׳ן און זיין משפחה; זיי האבן אבער אלעס אנגענומען פאר גוטן און האבן געדולדיג איבערגעווארט דעם שבת.

מוצאי־שבת, קומענדיג פון שול, האט ר׳ לייב געפונען א פלעשל ביר און געמאכט הבדלה. נאך הבדלה האט ער געבעטן דעם אורח צו בלייבן צו דער סעודה פון מלוה־מלכה. מיט אמאל האט זיך דעם אורח׳ס פנים אינגאנצן געענדערט.

— ״ר׳ לייב״ — האט ער אנגעהויבן — ״איצט קען איך אייך

דערציילן, אז מען האט מיר געשיקט אהער צו שטעלן אייך פאר א נסיון. איך האב זיך געדארפט באמיען מיט אלע כוחות צו פארשטערן אייך דעם שבת און ארייננברייננגען אייך אין כעס, ביז איר וועט שוין פון מיר ניט אויסהאלטן. אבער איר און אייער פרומע בעל־הבית׳טע און קינדער זיינען בייגעשטאנען דעם נסיון אויפן בעסטן אופן...

„דאס אלעס איז געווען א טייל פון דער שטראף פאר די זינדיגע רייד וואס איר האט אויסגערעדט און זיך בארימט מיט אייער הכנסת־אורחים. איצט בלייבט אייך בלויז אנצונעמען די צווייטע טייל פון דער שטראף — גיין אין גלות אויף א יאר צייט. וואו איר וועט טאגן, טארט איר ניט נעכטיקן, און וואו איר וועט נעכטיקן טארט איר ניט טאגן; אזוי וועט איר מוזן ארומוואנדערן א גאנצן יאר. בלויז שבת און יום־טוב וועט איר מאכן א אויסנאם. דאן וועט איר ריינגעוואשן ווערן פון אייער זינד און איר וועט זיך אומקערן צו אייער פריערדיגן שטייגער לעבן".

ווי נאר דער פרעמדער האט געענדיגט ריידן, איז ער פלוצלונג פארשוואונדן געווארן.

ר׳ לייב האט זיך גלייך גענומען צוגרייטן אין וועג, אויף מארגן אינדערפרי האט ער זיך געזעגנט מיט זיין פרוי און קינדער אויף א גאנץ יאר, ער האט גענומען זיין טלית און תפלין, א טארבע און א שטעקן און האט זיך געלאזט אין וועג. ר׳ לייב, דער שיינער בעל־הבית, דער גרויסער מכניס־אורח און בעל־צדקה, איז געווארן א בעטלער און א וואנדערער. ערשט איצט האט ער גענומען פארשטיין וואס פאר א ביטער לעבן עס איז צו זיין א ארימאן און א בעטלער. ער האט אבער אלע ליידן און יסורים מקבל געווען באהבה, ער האט זיך קיינמאל ניט באקלאגט, ניט פאר ג־ט און נישט פאר לייטן. עס איז פארביי א טאג נאך א טאג; פון די טעג זיינען געווארן וואכן און פון די וואכן זיינען געווארן חדשים. ר׳ לייב האט געוואנדערט און געוואנדערט פון שטאט אין דארף און פון דארף אין שטאט; וואו ער האט געטאגט, האט ער ניט גענעכטיקט, און וואו ער האט גענעכטיקט האט ער ניט געטאגט; טרוקן ברויט האט ער געגעסן און מיט א ביסל וואסער פארטרונקען, און געשלאפן האט ער אויף א הארטע

באנק אין בית־המדרש, אדער אין א הכנסת־אורחים שטיבל (הקדש). בלויז שבת און יום־טוב האט ער אויסגערוט זיינע מידע פיס און ביינער. אויף שבת פלעגט אים דער שמש באזארגן מיט דריי סעודות, ביי איינעם פון די בעלי־בתים.

שבת און יום־טוב פלעגט זיך ר׳ לייב ספעציעל דערמאנען וועגן זיין היים, וועגן זיין ווייב און קינדער, און עס פלעגט אים נעמען שטארק בייינקען אהיים. אבער ר׳ לייב פלעגט באלד פארטרייבן די אומעטיגע געדאנקען, כדי ניט צו פארשטערן דעם הייליגן שבת. און באלד נאך שבת פלעגט זיך ווידער אנהויבן א וואך פון וואנדערונגען, פון הונגער און קעלט...

אט אזוי האט ער זיך אין א געוויסן פרײטיג דערשלעפט ביז א קליין שטעטל און האט זיך געזעצט זאגן תהלים אין בית־המדרש. דערזעהענדיג פאר זיך א ארימען בעטלער, האט דער שמש גענומען טראכטן צו וועמען ער זאל אים שיקן אויף שבת. די עטליכע בעלי־בתים וואס קענען אויפנעמען אורחים אויף שבת, זיינען שוין געווען באזארגט מיט אורחים, און די איבעריגע זיינען אליין גרויסע ארימעלייט. האט אים דער שמש צוגעשיקט צו איינעם פון די דארטיקע חברה־קדישא, א פראסטער איד, וואס זיין ארבעט איז געווען צו גראבן קברים פאר די געשטארבענע און זיי מקבר צו זיין. דער שמש האט ר׳ לייב׳ן געזאגט, אז ער וועט געפינען די שטיבל פון דעם קברן ניט ווייט פון בית־החיים. ר׳ לייב האט זיך געלאזט גיין אהין.

ר׳ לייב האט גאנץ לייכט געפונען דעם קברנ׳ס שטיבל און האט אנגעקלאפט אין טיר. אויפן שוועל האט זיך באוויזן א עלטערע פרוי מיט א פארוויכערט און פארשוויצט פנים. ר׳ לייב האט איר מיט א שוואכן קול געזאגט, אז דער שמש האט אים געשיקט אויף שבת.

— ״געפונען א צייט צו קומען אויף שבת!״ — האט די אידענע אויסגערופן מיט א בייזן קול. — ״וואו זייט איר געווען נעכטן?״

— "נעכטן בין איך געווען אין וועג" — האט ר׳ לייב געענטפערט מיט א נאך שטילערן קול.

— "מיין מאן איז נאך נישטא. ווארט אויף איהם אויפן גאס" — האט די אידענע שטריינג געזאגט. דערנאך האט זי צוגעגעבן: "אפשר וועט איר דערווייל אנהאקן א פאר שייטלאך האלץ אויף שבת? דער האק איז אין שייער!"

ר׳ לייב איז געווען צופרידן, אז ער וועט קענען עפעס טאן לכבוד שבת און דערביי כאטש טיילוויז פארדינען זיין ברויט. ער האט געפונען דעם האק, און צוזעגטע האלץ איז געווען אויסגעלייגט אין דרויסן אונטערן פענסטער. האט ער גענומען האקן האלץ. קיין געבארענער האלץ־האקער איז ער ניט געווען, זיינען די פלעקער געפאלן אין אלע זייטן. מיט אמאל האט זיך דערהערט א טראסק! א שטיק האלץ האט געטראפן אין פענסטער און צובראכן די גלאז אין שויב. די בעל־הבית׳טע איז ארויסגעלאפן א איבערגעשראקענע. דערזען דעם היזק, האט זי דעם אומגעבעטענעם אורח געגעבן א "חלק".

— "איר מאכט דאך אונז אומגליקלאך, שלימזל איינער! ווארט ביז מיין מאן וועט קומען..."

— "עס פארדריסט מיר זייער" — האט ר׳ לייב זיך אנטשולדיקט
— "איך האב א פאר גראשן; נעמט עס פאר דעם היזק".

די אידענע האט א כאפ געגעבן די פאר גראשן און האט גענומען פארקערן די צובראכענע שטיקער גלאז.

דערווייל איז פארבייגעגאנגען א פויער, וואס האט ערשט געכאפט א פיש אין טייך.

— "ווילסט קויפן א פיש?" — האט ער געפרעגט דער אידענע — "פאר פינף קאפיקעס קענסטו אים נעמען".

— "משוגע ביסטו? פאר פינף קאפיקעס קויף איך א פיש וואס קען ריידן, אט האב איך צוויי גראשן, אויב דו ווילסט, נעם!"

דער פויער האט גערן צוגענומען די פאר גראשן און אפגעגעבן דעם פיש.

ר׳ לייב האט געוואלט פארגיטיקן דער בעל־הבית׳טע פאר דעם שאדן, האט ער צו איר געזאגט:

— ״גיט מיר, וועל איך דעם פיש אפשאבן און צוגרייטן פאר שבת״.

די אידענע האט גאר נישט גערענטפערט. זי האט אים דערלאנגט דעם פיש, ארויסגעבראכט א מעסער און צוריק אריין אין קיך.

ר׳ לייב האט גענומען שאבן דעם פיש. דער פיש איז געווען א גליטשיקער און האט זיך כסדר ארויסגעגליטשט פון די הענט און געפאלן אין זאמד און בלאטע. מיט גרויס שרעק האט אים ר׳ לייב אויפגעהויבן און ארומגערייניקט, און ווידער איז דער פיש געשפרונגען פון די הענט. ענדליך האט ער דעם פיש צושניטן אויף חלקים, אבער מיטאמאל האט זיך דאס ברעטל א קער געגעבן, און אלע חלקים פיש זיינען זיך צופלויגן. ווי אויף צו להכעיס, איז גראדע אין דעם מאמענט ארויסגעקומען די בעל־הבית׳טע, א אומגעדולדיקע, און זי האט דערזען, ווי דער אורח קלייבט צונויף די שטיקער פיש פון זאמד.

— ״אוי, שלימזל! צו מיינע שונאים׳ס קעפ! וואס ווילט איר פון מיינע יארן!״ — האט זי אויסגעשריען. זי האט צונויפגעכאפט די שטיקער פיש און צוריקגעלאפן אין קיך.

א טרויעריגער האט זיך ר׳ לייב געלאזט גיין אין דערבייאיגן פעלד, צוצוגרייטן זיך צו קבלת־שבת. די זון האט גענומען פארגיין, און ר׳ לייב האט פון זיך אראפגעווארפן אלע טרויעריגע געדאנקען און זיך פריילאך גענומען זינגען ״לכו נרננה״.

ער האט שוין געהאלטן ביים סוף דאווענען, ווען ער האט דערהערט א בייזע שטימע:

— ״ר׳ איד, וואו זיינט איר? וואס האט איר זיך אזוי צוזונגען דארט אין דער פינסטער?!״

ר׳ לייב האט גאר ניט געהאט באמערקט, ווי עס איז צוגעפאלן די נאכט, אזוי פארטיפט איז ער געווען אין זיינע שבת׳דיגע תפלות. דער בייזער קול האט אים אראפגעשלעפט פון הימל אויף דער ערד. ער איז צוגעגאנגען צו זיין בעל־הבית און אים געגעבן ״שלום־עליכם״ און ״גוט שבת!״

— ״עליכם־שלום, און גוט־שבת גוט־יאר״, — האט אים דער קברן געענטפערט מיט נישט קיין פריינטליכע שטימע — ״איך ווארט שוין לאנג אויף אייך. קומט, ס׳חלש׳ט מיר דאס הארץ!״

אין שטיבל איז געווען ליכטיג, שבת׳דיג, אבער פון צובראכענעם פענסטער, וואס איז געווען פארשטעלט מיט א ברעט, האט געבלאזן א ווינט. דער בעל־הבית האט געווארפן א בייזן בליק אויף זיין אורח. ר׳ לייב האט זיך געפילט זייער ניט באקוועם.

מען האט געמאכט קידוש און זיך געוואשן צום עסן. דער בעל־הבית האט זיך גענומען צו די פיש, אבער שויןביים ערשטן ביסן איז ער אויפגעשפרונגען פון טיש מיט א געליארם.

— ״וואס איז דאס פאר א פיש? ווער האט עס ארייגעשאטן זאמד אנשטאט פעפער?!״

— ״דאס איז דער שלימזל שולדיק״ — האט די ווייב געענטפערט, אנווייזנדיג מיט איר פינגער אויף ר׳ לייב׳ן.

ווי הונגעריג ר׳ לייב איז פריער געווען, איז אים קיין ביסן ניט איינגעגאנגען. ער האט זיך געווארגן מיטן עסן און געווארט מיט אומגעדולד אויפן בענטשן. ער איז געווען מיד און וואלט גערן געגאנגען שלאפן. אבער דער בעל־הבית האט איינגעדרימלט ביים טיש און ר׳ לייב האט אים ניט געוואלט וועקן. ענדליך האט זיך דער בעל־הבית אויפגעכאפט, האט געבענטשט און זיך אויפגעהויבן פון טיש.

— ״מיר ווייסן ניט ווער איר זיינט און וואס איר זיינט״ — האט דער בעל־הבית געזאגט צו ר׳ לייב׳ן. — ״איר קענט נאך עפעס

צו׳גנב׳ענען ביי נאכט. אויסער דעם איז נישטא אין שטוב וואו צו שלאפן. זייט מוחל און גייט אריין אין שייער; דארט איז דא א ביסל היי, און איר קענט דארטן גיין שלאפן״.

ר׳ לייב האט זיך געפילט שטארק באליידיגט. ער האט אבער גאר ניט געזאגט און איז ארויס אין שייער. ס׳איז דארט געווען קאלט און נאס, און ס׳איז געווען דאס ערשטע מאל וואס ר׳ לייב האט שבת ניט געהאט קיין בעט צום שלאפן.

אויף מארגן גאנץ פרי איז ר׳ לייב אוועק אין בית־המדרש. זיין בעל־הבית איז שוין אבער געווען דארט פריער פאר אים. ער האט זיך געמאכט ווי ער האט זיין אורח ניט באמערקט.

— ״מסתם שעמט ער זיך מיט מיר״, האט ר׳ לייב געטראכט. ר׳ לייב האט זיך געשטעלט הינטער דער בימה, נעבן טיר און גענומען דאווענען מיט כוונה און געשמאק, ווי אלע שבת.

צו קריאת־התורה איז דער שמש צוגעגאנגען צו אים פרעגן ווי ער רופט זיך אויף. ר׳ לייב האט זיך פון דעם אומדערווארטעטן כבוד גאר צוטומלט. זינט ער האט פארלאזן זיין היים און איז געווארן א וואנדערנדיגער בעטלער, האט ער קיין עלי׳ ניט געהאט, און דא מיט אמאל א עלי׳ צו דער הייליגער תורה! אזא זכות און אזא כבוד האט ער ניט דערווארט.

— ״ר׳ איד, ווי רופט מען אייך אויף?״ — האט ער ווידער דערהערט דעם שמש׳ס קול ווי פון א חלום. ר׳ לייב האט אים געזאגט, און איז מיט וואקלדיקע טריט ארויף אויף דער בימה.

נאכן דאווענען, ווען אלע זיינען שוין אוועק אהיים, איז נאך ר׳ לייב געבליבן אין בית־המדרש און געדאווענט. ווען ער איז געקומען פון דאווענען, איז שוין געווען נאך דער סעודה. די בעל־הבית׳טע, מיט א אומצופרידענע מינע, האט אים דערלאנגט פון די שיריים, און ר׳ לייב האט ווי־נישט־איז מקיים געווען די מצוה פון דער צווייטער סעודה.

ס׳איז איבעריג צו זאגן, אז ס׳איז געווען א פארשטערטער שבת פאר ר׳ לייב׳ן.

נאך הבדלה, האט ר׳ לייב גענומען זיך גרייטן אין וועג. אבער ער האט באלד באמערקט א וואונדערליכע ענדערונג אין זיין בעל־הבית און בעל־הבית׳טע. דער בעל־הבית האט אים פריינטליך געזאגט ״גוט־וואך״ און האט געוואָרט צו הערן עפעס פון זיין אורח. ר׳ לייב האט זיך געוואונדערט איף דער אומדערווארטער ענדערונג. ער האט געענטפערט ״גוט־וואך גוט־יאר״ און אנגעקוקט זיין בעל־הבית מיט פארוואונדערונג.

— ״איר דערקענט מיך ניט, ר׳ לייב?״

ר׳ לייב האט אים שארף אנגעקוקט. פלוצלונג האט ער אים דערקענט. דאס איז דאך דער זעלבער ״ווילדער״ אורח, וואס ער, ר׳ לייב, האט אים געהאט אויף שבת ביי זיך אין הויז, און וועלכער האט אים דערציילט, אז מען האט אים געשיקט איבערגעבן דעם פסק־דין פון בית־דין של מעלה, אז ער, ר׳ לייב, דארף גיין אפריכטן גלות!

— ״ר׳ לייב״ — האט צו אים ווייטער גערעדט דער בעל־הבית — ״עס טוט מיר זייער לייד, וואס איך האב אייך א צווייטן מאל געדארפט פארשטערן דעם שבת. אבער דאס איז אלץ א טייל פון דער שטראף וואס איז אייך צוגעשריבן געווארן פון הימל פאר אייער אומפארזיכטיקייט מיטן ריידן. עס איז אייך נאך געבליבן צוויי חדשים צום סוף יאר. אבער דער היינטיגער שבת, און דער צער וואס איר האט געהאט, האט שוין איינגעמאנט דאס אויך. איצט קענט איר פארן אהיים געזונטערהייט, זייענדיג רואיג, אז אייער זינד איז פארגעבן געווארן. איר קענט זיך אומקערן צו אייער פאמיליע און אייער פריערדיגן שטייגער לעבן און ווייטער טאן צדקה און מקיים זיין הכנסת־אורחים מיטן גאנצן הארצן״.

פארלאזן דאס רגילות

״אם תשיב משבת רגלך״ — טייטשט ר׳ מענדעלע קאצקער — שבת זאלסטו תשובה טהון און פארלאזן דיין רגילות, זאלסט נישט טהון ווי מצות אנשים מלומדה.

מיט פארטרערטע אויגן

מיר זיינען באפרייט געווארן דורך די אמעריקאנער טרופן פון די לאגערן, און שוין דעם ערשטן שבת נאך דער באפרייאונג, האבן מיר זיך צוזאמענגעקומען אין אונזער לאגער, דאוונען און בענטשן "הגומל", עס איז נישט פארצושטעלן וואס עס האט זיך דעמאלס אפגעטהון אין אונזער הארץ, דעם געפיהל פון פרייהייט איז פייהיג אפצושאצן נאר אזא איינער וועלכער איז געווען אונטערדריקט אין דעם קנעכטשאפט יאך. צו אטעמען פריי, צו טרינקען וויפל מען וויל, איז עס עפעס א קלייניגקייט?! זיין אויף דער פריי, אין אייגענעם רשות, נישט אונטערוווארפן אונטער קיינעם.

מיר האבן געוואוינט טויזנט מיידלאך אין דרייצן באראקן. אין אלע פענסטער האבן ווידער געברענט די שבת ליכט. ווידער האט די מלכה־שבת געשפאנט מיט מאיעסטעטישע־קעניגרייך אין די צייטווייליגע הייזער פון אידישע טעכטער, און אט האט זיך געהערט א ריינע לויטערע תפלה וואס קומט ארויס פון טיפן הארץ, וואס לייטערט פון דעם שמוץ וואס האט זיך אנגעזאמלט דורך די פארשאלטענע דייטשן. נאכן דאוונען האט מען קידוש געמאכט, דער אידישער קנעכט איז פארקערפערט געווארן אויף א פרינץ.

מיט אמאל הער איך ווי דער טויער עפנט זיך אויף. ווי איז עס מעגליך? דער אמעריקאנער אויפזעהער האט דאך פארשפראכן אז ער וועט אונז נישט שטערן די שבת רוה, און אויב ער וועט אונז עפעס דארפן מעלדן, וועט ער עס אפלייגן אויף זונטאג. איך בליק ארויס אין דרויסן און איך זעה ווי א טאקסי פאהרט אריין אין לאגער, א מאן פון ארום פינף און פערציג יאהר, אנגעטהון אין נישט קיין באקאנטע מונדירן, שפרינגט ארויס פלינק פון דעם טאקסי און ער גייט שנעל צו די באראקן. מיטאמאל

האָב איך בעמערקט, אַז עס האָט אין איהם געכאַפּט אַ ענדערונג. זיין שנעלער גיין איז פאַמעלאַכער געוואָרן, און ווען ער האָט געהערט די שטימען פון שבת ווינטשן וואָס שניידן דורך די לופט אין לאַגער, איז זיין געזיכט פאַרטונקלט געוואָרן.

איך בין אַרויס אַנטקעגן איהם אין דער באַגלייטונג פון דעם לאַגער סעקרעטאַר און איהם געפרעגט אויף דייטש, ווער ער איז און וואָס איז זיין באַגעהר?

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס אַ פאַרבינדונגס אָפיציר פון דער רויטער מיליטער שטאַב, בעוויזנדיג פאַר דעם סעקרעטאַר די אַלע פּאַפּירן וואָס זאָגן עדות דערויף. ווייבאַלד ביי אונז אין לאַגער געפינען זיך זעקס און דרייסיג רוסישע מיידלאַך, וויל ער שמועסן מיט זיי, און זיי צוגרייטן צום צוריקקעהר קיין רוסלאַנד. ער האָט אויך געצייגט אַ רעקאָמענדאַציע בריוו פון דעם אַמעריקאַנער אויפזעהער וועלכער בעט מען זאָל איהם צוהעלפן, ער האָט באַטאָנט דאָס ער וויל נישט אַז אין דעם שמועס זאָל זיך באַטייליגן קיין שום פרעמדע, נישט קיין רוסישע מיידל, אפילו דאָס אַנוועזנהייט פון די לאַגער אויפזעהערן איז אויך נישט באַוויליגט.

איך בין אַריינגעגאַנגען צו די רוסישע מיידלאַך אָנזאָגן די בשורה.

— וואָס? — זיינען זיי צוהיצט געוואָרן און פּרובירט צו טרעפן — געוויס וועט מען היינט דערלאַנגען צום עסן קאַרטאָפל און קרויט, אָדער אפשר וועלן מיר באַקומען אַמעריקאַנער לעדערנע שיך.

— ניין, נישט אַזאַ בשורה האָב איך אייך געבריינגט — האָב איך געשמייכלט — עס איז דאָ געקומען אַ אָפיציר אין נאָהמען פון אייער רעגירונג, און ער אינטערעסירט זיך וועגן אייער רעפּאַרטריאַציע.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? געוויס עפּעס אַ קרענק!

— ניין, ער וויל אייך אַהיים פיהרן קיין רוסלאַנד.

דאָס געזיכט פון די מיידלאַך האָט אויסגעדריקט ענטטוישונג. זיי האָבן אויפגענומען די בשורה מיט גרויס גלייכגילטיגקייט. זיי האָבן

געפאדערט אז אויך איך זאל זיין מיט זיי ביים צוזאמענטרעפן מיטן גאסט. איך האב זיי נאכגעקומען כאטש עס האט מיר נישט אזוי געשמעקט.

ער האט אנגעהויבן מיט א פייערדיגע ריידע. עס איז געווען קענטיג אויף איהם אז ער איז א פאכמאנישער ריידנער. ער האט גערעדט מיט גרויס ברען וועגן דער באפרייאונג און פרייהייט, וועגן דאס רויטע מיליטער, וואס באפרייט זיינע קינדער און קערט זיי צוריק אהיים, זיין ריידע האט ער געשלאסן מיט "הורא" אויסרופן לכבוד סטאלין.

די מיידלאך זיינען געבליבן גלייכגילטיג.

— אן שיך וועלן מיר נישט פאהרן! — האבן זיי אויסגערופן — מיר האבן זיך נישט וואס צו איילן! מיר האבן צייט. אויב די אמעריקאנער וועלן פארגרעסערן די עסן פארציעס, לוינט זיך צו ווארטן.

ער האט זיי פרובירט צוזאגן הימל און ערד, אבער ער האט נישט געקענט זיי באווירקן. ענדליך האט ער זיי גענומען סטראשען, אז ער וועט צו זיי שיקן אויטאמאבילן און מען וועט זיי אוועקנעמען אן זייער ווילן.

דער פארבינדונגס אפיציר איז צוגעגאנגען צו זיין טאקסי, איך האב איהם באגלייט צוליב העפליכקייט. ווען ער האט זיך געדארפט געזעגענען, האט ער מיר מאדנע אנגעקוקט און א זאג געטהון: — איך האב דיר פיינד!

דאס הערנדיג, האב איך איהם געבעטן ער זאל אריינקומען אין קאבינעט, ווייל איך וויל איהם עפעס זאגן. ער האט א ווילע געקווינקלט, אבער דערנאך האט ער נאכגעקומען מיין ביטע און איז אריינגעקומען. איך האב זיך געווענדעט צו איהם און געזאגט:

— דו זעהסט, דאס זיינען שבת ליכט, זיי צאנקען שוין טאקע אביסל, דאך וויל איך דיר זאגן אין זייער אנוועזנהייט: דו ביסט א איד!

די קאלירן האבן זיך געביטן אויף זיין געזיכט.

— יא! — האב איך ווייטער געצויגן אן רחמנות — דו ביסט א

איד! אלע צייכנס זאגן דערויף עדות, ווען דו האסט אונז געהערט דאווענען, ביסטו פאמעלאכער געגאנגען. דו האסט גערעדט וועגן פרייהייט מיט א אידישן ברען, וועמען עס פעלט דאס פרייהייט. ווען דו האסט געזאגט אז דו האסט מיר פיינד. האב איך ביי מיר אין הארצן געטראכט, ווי קען עס א מענטש פיינד האבן א צווייטן אומבעקאנטן מענטש? נאר ווי עס ווייזט אויס, איך, אלס אידישע טאכטער, שטים איך מיט מיט דיין געוויסן. דו האסט געוואלט זאגן אז דו האסט פיינד דיין פאלק, אבער דאס איז ליגנד! די דאזיגע רייד פארשטעלן נאר דעם אינוויינינגסטן פארבינדונג פון דיר מיט דיין פאלק, צו וועלכן דו האלטסט זיך יעצט פרעמד. נו, יעצט קענסטו אפפאהרן.

ער איז געבליבן שטיין אויף זיין ארט ווי א פארגליווערטער און זיך נישט געריהרט. פלוצלונג זיינען איהם טרערן ארויפגעקומען אין זיינע אויגן און ער האט זיך צוויינט. דאס איז נישט געווען סתם קיין געוויין, נאר א געוויין פון דעם גאנצן רוסישן יודנטהום, וועלכע ווערט געשטיקט אונטער דעם יאך פון באצווינגער און לעכצט זיך אומצוקערן צום אידישן פאלק.

איניגע מינוטן שפעטער האב איך פון איהם געהערט א אויפטרייסלענדיגן ווידוי.

— ריכטיג — האט ער אנגעהויבן — איך בין א איד, מיין אלטע מוטער דאווענט נאך ביז היינט. זי וויל אז איהר זוהן זאל בלייבן א געטרייער איד. איך האב מיינע בעסטע יאהרן אוועקגעגעבן פאר רוסלאנד, איך בין געווען גליקליך ביז צו דעם חורבן. מיינע בעסטע פריינד פון אוקראיינע האבן איבערגעגעבן פאר די דייטשן מיין פרוי און קינדער וועלכע האבן זיך פאר זיי באהאלטן, אלע זיינען פארברענט געווארן ווען מיינע חברים שרייען אונטער: "זשידע! זשידע!"... איך האב בעסער געוואלט שטארבן!...

זיינע פארטרערטע אויגן האבן געקוקט מיט פיהל ביינקעניש צו די שבת ליכט, וועלכע האבן ארויסגעפינקלט פון די בעראקן־פענסטער.

צווייטער קאפיטל: **וקראת לשבת עונג**

פראַקטפּוהלער שבת

מיר און זיי

שבת פאַרטאָג

שבת נאָכן שלאָף

אין א זומערדיגן שבת

הערבסט שבתים

רומא: תמונת־הווי מבית־התפילה ברומא שצויירה לפני מאות בשנים

צווייטער קאפיטל

וקראת לשבת עונג

פראכטפוהלער שבת

ווי עס קומט פרייטאג, הויבט זיך שוין אן צו פיהלן די נשמה יתירה, דער דערשלאגענער און דורך דער גאנצער וואך געמוטשעטער איד, לעבט אויף. די אידן אין תימן וועלכע זיינען, צוליב זייער קומען אין בעריהרונג מיט די אראבער, פערוועכנט ווי הינד, בעקומען איצט א מענטשליכן געשטאלט. ווערן באשאפן פון דאסניי און ווערן אין איין מינוט מגולגל אין פרינצן און פרייע בני־מלכים...

פרייטאג פריה הויבט זיך אן אין דער פערשטיקטער איינגער אידן שטאדט צו רודערן. מיטאג צייט קומען שוין אלע צוריק פון זייער ארבייט, און מיט בלישטצענדע אויגן הויבט מען אן זיך מכין זיין צו שבת, און א שטיק צייט איידער די נאכט קומט אן, איז מען שוין אנגעטהאן אין שבת׳דיגע בגדים און מען איז שוין ווי מקבל די הייליגקייט פון דעם שיינעם רוה־טאג.

גלייך ווי מען קומט פון דער ארבייט איילט מען זיך צו גיין זיך טובל זיין. מען לויפט אין מקוה אריין און נאך דער טבילה גאלן זיי זיך אפ די האר פון קאפ, א ארבייט וואס יעדער איינער קען דאס גוט, און איינער טהוט דאס פאר דעם צווייטן.

פון מקוה גייט מען אין שוהל דאוונען מנחה גדולה, וועלכע געדויערט נישט זייער לאנג. נאכ׳ן דאוונען קעהרט מען זיך אום צוריק אין דער היים, מען כאפט איבער די הארץ מיט א לייכטן מאכל און מען טהוט זיך אן בגדי שבת, וועלכע זיינען דורכאויס ווייס. דעם איינציגן מאל אין דער וואך אין וועלכן די אידן אין תימן ערלויבן זיך צו טראגן ווייסע קליידער, נישט מורא האבנדיג פאר די גוים.

די שבת׳דיגע קליידער זיינען די זעלבע וואס אין דער וואכן — די זעלבע ליילעכער און די זעלבע קליידער און זעק, מיט דעם איינציגן

אונטערשייד וואס זיי זיינען ווייס. צוקוקנדיג זיך צו זייערע מנהגים מיט׳ן גאלן, זייער טובל זיין זיך און איינוויקלען זיך אין די ווייסע ליילעכער, האב איך בעסער פערשטאנען דעם מאמר אין תלמוד ״ומתעטף ויושב בסדינין המצויצין״ — ער וויקלט זיך איין לכבוד שבת אין ווייסע שיינע ליילעכער.

אויף דעם ערשטן ליילעך טהוען זיי אן דאס ציצית קלייד. די קלייד איז ביי זיי פעררעכנט אלס א טלית. אזעלכע טליתים ווי ביי אונז איז ניט צו געפינען ביי זיי. אין גאנץ תימן האב איך נור, בשעת איך האב זיך געפונען אין צנעא, געזעהן א אלטן טלית וועלכע עס האט פערגעסן ביי זיי א ארץ ישראל משולח. דער טלית ליגט ביי זיי יאהרן לאנג און ווערט גענוצט פאר א חופה און גערעכנט אלס סגולה צו פערשידענע מחלות. ער איז שוין פון אלטקייט צוברעקלט און אויפגעגעסן פון מאל און וועט זיך שוין לאנג ניט האלטן.

נאכ׳ן עסן זאמלט מען זיך ווידער צונויף אין שוהל און מען נעהמט זאגן שיר השירים. ריכטיגער געזאגט: זינגען. מען זינגט אין איין כאר מיט אזא שיינעם ניגון און אזא זיסע מעלאדיע אז די הארץ גייט אויס פון גרויס מתיקות. נאכן ענדיגן זינגען שיר השירים זינגט מען אנדערע מזמורים, מזמורים פון תהלים אדער אנדערע פזמונים און תפלות, און נאכדעם צולאזט מען זיך מיט א דבקות און בעגייסטערונג זינגען זוהר, מען זאגט און מען זינגט ביז קבלת שבת. דאמאלס גייט מען איבער אין א נייעם געזאנג, לכו נרננה, מזמור לדוד, לכה דודי, מזמור שיר ליום השבת. דאס איז דער גאנצער נוסח פון קבלת שבת. אבער די לעצטע צייט, האבן זיי בעקומען עטליכע געדרוקטע נוסח ספרד סדורים וואו עס געפינט זיך דער פזמון בר־יוחאי, וועלכער איז זיי זייער געפעלן און פון דאמאלס אן זיינען זיי מהדר איהם צו זינגען. איבערהויפט זייענדיג גענייגט צו קבלה און מיסטיק, און גלויבנדיג דאס דער מזמור איז פערפאסט געווארן פון דעם תנא רבי שמעון בן יוחאי, איז ער ביי זיי פערהייליגט געווארן און זיי זוכן אין איהם פערשידענע כונות און רמזים, און זייערע תלמידי חכמים דרש׳ענען אויף איהם הונדערטער דרשות און יעדער איינער טייטשט איהם אויס ווי ער פערשטייט איהם און ווי אזוי איהם געפעלט.

עס איז אבער זעהר הארמאניש דער געזאנג און עס מאכט א וואונדערליכן איינדרוק דאס בילד בשעת דער זקן שבחבורה, דער עלטסטער מקובל שטעלט זיך אויף, שטייט פערוויקלט אין דעם טלית און מיט א הייליגן געפיהל, מיט א אימה ויראה, מיט א פייערדיגע התלהבות דונערט זיין שטימע אויס די ערשטע חרוזים פון ליד און דער גאנצער קהל ענטפערט איהם נאך: בר־יוחאי! אזוי נאך יעדער חרוז און חרוז, מען זינגט אזוי לאנג ביז עס בעוויזן זיך די ערשטע דריי שטערן, דאן שטעלט מען זיך דאוונען מעריב וואס מען פארטיגט אפ געשווינד, מען ענדיגט אויף גיך און מען גייט אהיים מאכן קידוש.

דער קידוש און די פרייטאג צו נאכט סעודה, איז ניט מיט קיין גרויסע שינוים פון אונזערע. דאס איינציגע וואס עס פעהלט ביים טיש איז פיש, און וואס זיי גרייטן זיך יא אן לכבוד שבת, פלייש, האבן זיי גענוג. נאכ׳ן עסן פאלט מען אוועק ווי גע׳הרג׳עטע און גאנץ שנעל ווערט מען פערזונקען אין דעם זיסן שבת׳דיגן שלאף.

דער שלאף האלט אבער ניט אן לאנג. ווי עס קומט צוויי א זייגער, רייסן זיי זיך אויף פון זייער געשמאקן שלאף און ווי לייבן שטארקן זיי זיך אויפצושטעהן לעבודת הבורא. גיסן אפ נעגל וואסער און לויפן אין שוהל אריין.

איך האב זיך געפונען אין תימן אין ווינטערצייט. עס איז געווען אביסל קאלט און עס איז ניט איבריג געשמאק געווען אויפרייסן זיך פון דעם טיפן שלאף און ארויסצוקריכן פון דעם ווארימען זאק, איך האב דעריבער אביסל פערשפעטיגט צו קומען אין שוהל. ווען איך בין אריין אינווייניג איז נאך געווען גאנץ פריה — דריי א זייגער און ווי איבערראשט בין איך געווארן, געפינענדיג די שוהל פול מיט מענטשן זיצנדיג אויף דער ערד און זינגענדיג זוהר און אנדערע מזמורים און תפלות.

מען זינגט און מען זאגט זוהר ביז דער טאג גייט אויף און מ׳שטעלט זיך דאוונען מיט׳ן ותיקין. נאך די שחרית׳דיגע קדושה רוקט מען זיך איינציגווייז ארויס, מען פערלאזט די שוהל און מען גייט אהיים מאכן

קדוש און א ברכה אויף ספעציעלע "שבת'דיגע" קיכלאך, וועלכע זיינען אנגעגרייט פון ערב שבת און זיינען נאך ווארים. דער חזן זעצט אבער פאר דעם דאוונען, כאטש די שוהל איז ליידיג. ביז קריאת התורה ווערט די שוהל ווידער פול און קיינער פערפעהלט ניט צו קומען.

דער לייענען געדויערט ביי זיי זייער לאנג, עס נעמט אפשר צוויי שעה צייט ביז מען ווערט פערטיג מיט דעם, ווייל יעדער איינער וואס ווערט אויפגערופן צו דער תורה לייענט אליין די פרשה, לייענט מיט אלע דיוקים און אלע טראפ נגונים. א חוץ דעם שטעהט נעבן דער בימה א קליין ניין יעהריג אינגל און פערטייטשט יעדן פסוק אויף אראביש. דאס איז אנשטאט דעם תרגום. דער תרגום איז אבער מעהר אפילו ווי "שנים מקרא" — ער איז א גאנצער פירוש און דרוש אויף דער תורה, און דאס געדויערט לאנג און עס נעמט צו פיהל צייט.

נאך דער קריאת התורה הויבט זיך אן דער לייענען פון דער הפטורה, וועלכע ווערט אויך איבערגעזעצט און פערטייטשט פון א כתב יד. דער הפטורה־תרגום איז פיהל גרעסער און דער לייענען געדויערט פיהל לייגגער ווי דער לייענען פון דער תורה. דאס איז א גאנצער דרוש, וועלכער וואלט געסטייעט פאר אונזערע עטליכע דרשנים און מגידים.

פיהל מאל ווערט דער תרגום געזאגט אויף אויסנווייניג, און זיי מאכן קיין גרייז ניט, האבן ניט קיין טעות אין קיין איין ווארט און אין קיין אויסדרוק. די אידן אין תימן צייכענען זיך אויס מיט א אויסערגעוויינליכן זכרון און זייער בקיאות אין דער תורה און דעם אראבישן תרגום איז צו בעוואונדערן. זיי זאגן שנעל גאנצע פרשיות, ניט מינערנדיג א ווארט.

איך קען אייך געבן א ביישפיל פון מיין משרת, דער אינגל וועלכער האט זיך אנגעדונגען ביי מיר מיטצופאהרן מיט מיר און טראגן מיין רייזע זאק. אט דער אינגל איז נאך קיין פולע אכצן יאהר ניט אלט און לויט זיין ארבייט איז ער ניט מעהר ווי א שוסטער, און דאך איז ער א אמת'ער "צנא מלא ספרא" — א קארב פול מיט פסוקים, גמרא ווערטלאך און שטיקער זוהר, און אלעס בעל פה.

א געוויסן שבת האבן מיר זיך געפונען אין א קליין שטעטל מיט׳ן נאמען טיללא. די אידן האבן דאמאלס געהאט אויסצושטיין פיהל צרות פון דער רעגירונג. אזוי, דאס ערב שבת זיינען די מעהרסטע איינוואוינער פון שטעטל אנטלאפן און אין שטאט איז קוים געווען א מנין צום דאווענען, און נור א דאנק אונזביידע האט מען געקענט יענעם שבת דאווענען און לייענען בצבור.

אנטלויפנדיג האט דער נשיא בעהאלטן די אלע ספרי תורה׳ס, די נביאים, מגילות, און דער תרגום, אזוי דאס א ספר תורה האט זיך נאך געפונען אין שוהל אבער א נביא פון וואנען צו לייענען די הפטורה און דעם תרגום איז ניט געווען, און האלטנדיג דאס אן דעם איז מען ניט יוצא, פערשטייט זיך דאס דער עונג שבת איז זיי געווען א פערשטערטער. מיין משרת האט אבער פיהל ניט געטראכט, ער האט זיך אוועקגעשטעלט און גענומען לייענען די הפטורה און נאכדעם דעם תרגום, האט זיך שיין צוזונגען און נאכדעם פיין צודרש׳נט זיך. יענע הפטורה איז געווען דער קאפיטל ״וארבעה אנשים״ וועלכע א חוץ דעם וואס זי אליין איז גאנץ גרויס, איז דער תרגום פינף מאל אזוי פיהל. עס ענטהאלט א לאנגע דרשה מיט א היבשע פאררעדע, ווי למשל ווער זיינען דאס געווען די ״ארבעה אנשים״ א.אז.וו. און ער האט דאס אלץ געלייענט אויף אויסנווייניג און ניט פערפעהלט אווארט. וואלט איך עס אליין ניט צוגעזעהן וואלט איך בשום אופן ניט געגלויבט ווען מען וואלט מיר אזוינס דערציילט. איך האב אויך געפונען פיהל שוחטים וועלכע זיינען קלאר אין הלכות שחיטה וטרפה פון רמב״ם, און ווייסן יעדן סעיף און סעיף אויסנווייניג.

נאכ׳ן דאווענען לויפט מען נישט גלייך אהיים, נאר מען זעצט זיך לערנען. דער שוהל גבאי זאגט פאר דעם עולם א שיעור, אמאל אין הלכה, אמאל אין אגדה. דעם סדר פון זייער לערנען האב איך שוין פריהער געשילדערט. שבת זיצט מען אבער לענגער אין שוהל, און ביז א שטיק נאך מיטאג איז מען זיך עוסק אין לערנען, און נאכ׳ן עסן קומט מען ווידער אין שוהל.

די שבת׳דיגע סעודה גערויערט אביסל לייגנער ווי דער עסן פרייטאג צו נאכט. אויסער דעם ״טשאלנט״ דערלאנגט מען צום טיש פיהל פרוכט און ״פאהייטעס״ (סעמעטשקעס), מען זינגט זמירות און אנדערע לידער. זייענדיג אין חאריז בין איך שבת געווען דער גאסט פון איינעם א כהן פון דער מיוחסדיגע כהנים פאמיליע בית איל פנחס, האט מען אנשטאט זמירות געזונגען פערשידענע לידער, וועלכע אייניגע פון זיי זיינען מיר ביז דאן ניט געווען בעקאנט. איבערהויפט איינע פון זיי וועלכע דער אנהויב פון איהרע פערזן לייענען זיך יהודה. לויט דעם שיינעם ריטם און שפראך איז ביי מיר קיין שום ספק נישט געווען דאס די ליד איז פערפאסט פון ר׳ יהודה הלוי.

אזוי ווי דער שבת ווערט אפגעהיט אין תימן איז זעלטן צו געפינען. דא, אין די ״אידישע שטעדט״, פיהלט זיך א בעזונדער טעם אין שבת און עס הערט זיך דער בת־קול וואס רופט אויס: ״שבת היום לה׳ אלקיך!״ היינט איז א הייליגער טאג און זיצט אלע אויף אייערע ערטער. דער שבת פיהלט זיך און מערקט זיך צוקוקנדיג זיך ווי שטיל עס איז אין די גאסן. די הייזער און קראמען זיינען צוגעשלאסן און קיינער זעהט זיך ניט אין גאס. די ווייבער און קינדער זיינען אין די הייזער און די מענער מיט די ערוואקסענע אינגלאך — אין שוהל. און נור ארום דער ״מאעלימאה״ (די תלמוד תורה) וואס נעבן שוהל, רודערט זיך אביסל. פון האלבע נאכט ביז דער שבת פערגייט, הערט זיך דער קול פון לערנען און דאוונען. האט איהר נאך א ריהרנדע בילד צוצוזעהן ווי אויסגעמאטערטע אידן זיצן שבת פערטיפט אין לערנען און קלינגען דען ניט זייערע שירים און תפלות ווי די שעהנסטע מוזיק?

> **דער שבת אליין**
>
> ״וקראת לשבת עונג״ — דו זאלסט רופן דעם שבת אלס געשמאק. נישט נאר די עסן פון שבת זאלן זיין ביי דיר געשמאק, נאר דער שבת אליין.
>
> (חתם סופר)

מיר און זיי

אייגנטליך, האט דער אלטער כתריאל צום זומער קיין שום טענות. ער, דער זומער, שטערט איהם מיט גארנישט און טהוט איהם נישט באלעסטיגן. די ברענענדיגע זון פייניגט איהם נישט, ווייל גאנץ שוואך שיינט זי אריין דורך די צובראכענע און פארשטעלטע פענסטער־שויבן פון זיין דומפיג שטיבעלע. גריגע פעלדער און גערטנער, מיט וועלכע דער זומער באשיינקט, וועקן אויך נישט זיין אויפמערקזאמקייט, ווייל דער ארומיגער פלאץ פון זיין וואוינונג איז דערמיט נישט פארזעהן. בליהענדע בוימער זעהט ער נישט פאר זיינע אויגן, דען אזעלכע זיינען גאר נישט בנמצא אין שטעטל, זיי וואקסן נאר אויפן בית החיים וואו ער זעהט זיי אין חודש אלול, ווען ער פארברייננגט דארטן. אבער דאמאלס הויבן זיי שוין אן אראפ צו פאלן פארגעלבטערהייט פון די בוימער, און דאס רופט ארויס ביי כתריאלן א גרויסע פרייד. ער זעהט דעריין א אנזאג פון אנקומענדיגן ווינטער און ווינטער האט ער די אמת׳ע פרייד. דען דאמאלס קומט זיין אינערליכע שטרעבונג צום ריכטיגן אויסדרוק. ראש השנה בעט ער, יום כפור — וויינט ער, סוכות — שאקלט ער דעם לולב, שמחת תורה — טאנצט ער. אבער דאס אלעס איז ווי א הקדמה, א פארברייטונג צום ווינטער. דאס ריכטיגע לעבן דערגרייכט ער נאר ווינטער, אין די גרויסע און לאנגע נעכט, אין די געהויבענע שעה׳ן, וואס ער פארברייננגט אין בית המדרש ביים ווארימען אויוון, עס איז דאך די איינציגע צייט, ווען ער איז עוסק אין זיין פאקטישע לעבנס באשעפטיגונג.

באשעפטיגונג, האט כתריאל, וואס א אמת, גאנץ א סאך, חאטש אין פאס זיינעם, איז ער באצייכנט: ״באשעפטיגונגס־לאז״. טאג טעגליך שטויסט ער בלעטער אויף טאבאק, וואס האט אין דעם גאנצן שטעטל א נאמען מיט זיין גוטן געשמאק. ער פאבריצירט יעדע וואך פון געקאכטן

חלב, ליכט אויף שבת, וואס עס האט א גוטן אפזאץ. ער בינדט אויף סוכות לולבים פאר אידן, האט צו פארקויפן ״הושענות״, און נאך אזעלכע שטייגער זאכן פארן געברויך פון די שטעטלדיגע אידן. ביי די דאזיגע באשעפטיגונגען איז כתריאל פארנומען אויסערליך, מיטן קערפער זיינעם. זיין פאקטישע באשעפטיגונג, וואס ער טהוט מיט אינערליכער באגייסטערונג און דורך וועלכער ער וואקסט פאר פרייד — איז: דאס רופן אין שוהל אריין.

כתריאל איז נישט קיין געוויינליכער פראפעסיאנעלער שוהל־רופער. אלס שמש פון דער חברה ״למוד תורה״, דארף ער אלע חברים פון דער חברה רופן שבת פיהר אזייגער פארטאג צום שעור אין בית המדרש אריין. ער וועקט זיי אויף פון שלאף און באוועגט זיי צו קומען אין די גאר פריהע שעה׳ן צום לערנען. די דאזיגע ארבעט פיהרט ער אויס מיט גרויס שטאלץ און איבערגעגעבנהייט, ווי א קינסטלער שאפט זיינס א קונסט ווערק אין וועלכן ער פאראייביגט די געפילן פון זיין הארץ.

עס איז נאך שטארק פינסטער, א קאלטער ווינט יאגט פון צפון זייט באגלייט מיט דינע שניי שטיקער, די לופט איז קאלט־אייז און שניידיג. אלע זיינען נאך פארזונקען אין א טיפן שלאף. דאן באוועגט זיך א טונקל געשטאלט און רופט מיט א קלינגעדיגע און קלארע שטימע אין דער פינסטערער נאכט אריין:

— ישראל עם קדושים, שטייט אויף! שטייט אויף! לעבודת הבורא יתברך שמו!

כתריאל איינגעהילט אין דעם אלט גרויען פארלאטעטער ראק און פעררוקט דאס גאר אפגענוצטע פוטער היטל ביז איבער די אויערן, שפרייזט איבער די אידישע געסלאך און רופט. ער רופט מיט ווערטער, ער רעדט מיט תחנונים און גלייכצייטיג זיינען זיי א ״התראה״. און די וואס הערן עס, ווערן אויפגעשוידערט אין די בעטן, הויבן זיך פון געלעגער און פאלגן נאך דעם רוף: צו דינען דעם בורא עולם אין דער קאלטער פינסטערער נאכט.

און יעדעס מאל נאך אזא ארבעט, ווערט אין די אידישע געסלאך א באוועגונג. איינער נאך דעם צווייטן פארלאזט זיין וואוינונג און איילט אויפן וועג צום בית המדרש, וואו דער לאנגער העל באלויכטענער טיש, ביי דער וואנט פון דעם אויוון, באדעקט מיט ספרים, ווארט אויף די אנקומענדע.

— גוט שבת, ר׳ כתריאל! — רופט איימיצער אויס.

— גוט שבת א גוט יאהר! — ענטפערט כתריאל מיט כבוד און שטאלץ.

דאס אלץ — טראכט ער — איז דאך זיין ארבעט. ער האט דאס זיי, די גלייכגילטיגע, שלעפערס און פארזוימער, אויפגעוועקט און געבריינגט צום לערנען, ער האט דעריבער א חלק אין זייער שכר.

אזוי כסדר אן אויפהער, יעדן שבת פארטאגס שפאצירט ער איבער די אידישע געסלאך, זינגענדיג, וועקנדיג מיט זיינע ווערטער. מחנה׳ווייז שטראמען זיי די אויפשטייענדע אין דער נאכט טונקלקייט צום ליכטיגן ווארימען ארט פון דער תורה. ווייל זיי האבן דערהערט דעם רוף:

"ישראל עם קדושים! שטייט אויף! לעבודת הבורא יתברך שמו"!

★

איינמאל איז געשעהן מיט אונזער כתריאל כמעט א אומגליק, וואס וואלט א אנדערן, מיט א שוואכערן כאראקטער צוגענומען דעם גאנצן מוט פון דער שענסטער אידעאלער ארבעט.

עס איז געווען אין אנהויב פון חודש חשון, ווען, ווי עס איז דער שטייגער אין ליטווישן געטא, מען ציהט זיך איבער און מען טוישט די וואוינונגען. די דאזיגע צייט איז פאר כתריאלן געווען גאר א קריטישע און געפערליכע. דאס איבערטוישן פון מענטשן די וואוינונגען, האט איהם א סאך מאל פארפיהרט און ארויס געבראכט פון גלייכגעוויכט. זיין וועלט האט זיך פארנעפלט און עס זיינען פארווישט געווארן די געאגראפישע גרעניצן פון זיין קרייז קאנטור. כתריאל איז טיילמאל געבליבן אן ראט,

נישט וויסנדיג וואו עס וואוינט איצט א אנהייגער פון דער חברה "למוד תורה" און וואו נישט קיין אנהייגער. דאס וואלט שוין נישט געשאדט. א איד איז פארט א איד. סיי ער איז א חבר פון דער חברה און סיי נישט. פאסירט אמאל און ער וועקט אויף איינעם וואס איז נישט קיין אנהייגער פון דער חברה און יענער בייזערט זיך אויף איהם פאר דעם שטערן דעם נאכט שלאף, איז וואס? אדרבא, אזוי ארום איז די מצוה פון זיין ארבעט נאך גרעסער און דאן איז אויך גרעסער זיין שכר. עס איז אבער אמאל געשהען אזא פאל, וואס האט איהם געריהרט ביז גאר און געפיהרט צו טיפער פארטראכטונג.

יונה, דער פלייסיגסטער מיטגליד פון דער חברה "למוד תורה", האט זיך דעם ערשטן טאג פון חודש חשון ארויסגעצויגן פון זיין וואוינונג, וואו עס האט זיך דאן באזעצט דער נישט־אידישער שטייער־מאנער איוואן, וואס איז געווען באקאנט אלס רויהער מענטש און פארביסענער אידן פיינד. כתריאל האט פון דעם אלעס נישט געוואוסט.

"ישראל עם קדושים" — רופט אויס כתריאל מיט א זינגענדיג בעטנדע שטימע ביים פענסטער פון דעם שלאפנדיגן שטייער־מאנער. עס באוועגט זיך דארט גארנישט. כתריאל רופט העכער, מעהר שטריינג־באפעלערישער, מען הערט ווייטער גארנישט. כתריאל קלאפט אן אין די לאדן, אבער אין דער וואוינונג איז ווייטער טויט און שטיל. דאן ווערט שוין כתריאל א ביסל בייז און שרייט אריין:

— יונה! דו ביסט שוין אויך געווארן א פעפער און ליידיגגייער, וואס איז געשעהן מיט דיר? זיי דארטן לערנען שוין, און דו וועסט בלייבן ליגן פויל אין בעט!

דאס האט שוין געווירקט. צום ערשט הערט זיך דאס בילן פון א הונד און דערנאך, ווי שווערע טריט דערנענטערן זיך צו איהם, אבער דאן דערזעהט ער, צו זיין גרויסן שרעק, דעם אומגליקליכן טעות, וואס ער האט געהאט. עס איז שוין אבער געווען צו שפעט. ער ווערט גלייך, אונטער א האגל פון דראהונג און קללות, אנגעחאפט ביים הארץ, באקומט שווערע קלעפ איבערן קאפ און געשטויסן מיט די פיס אין די

זייטן. עס הויבט איהם אן שווינדלען פאר די אויגן, ער פאלט א האלב באוואוסטלאזער צו דער ערד אויפן שניי. ערשט דאן ווערט דער ווילדער כעס פון איוואן געשטילט, איבערלאזנדיג איהם ליגן אויף דער ערד.

א געוויסע צייט ליגט אזוי כתריאל הילפלאז, אן מאכט. דער פרישער שניי באריהרט זיינע שלייפן און ער קומט ביסלעכווייז צום באוואוסטזיין. ער איז געווען באדעקט און איינגעשמירט מיט בלאטע און אינגאנצן געציטערט פאר ווייטאג און קעלט. אין אזא מצב דערשלעפט ער זיך פאמעלאך צום בית המדרש און ווי נאר ער דערזעהט פון דערווייטנס די ליכטיגקייט, וואס שיינט ארויס פון די בית המדרש פענסטער, ווי זי גריסט צו איהם אזוי פריינדליך און רופט איהם צו זיך, — ווערט איהם היימליכער און פרייליכער אויפן הארץ. ער שאקלט פון זיך אראפ דעם שניי פון די מלבושים און גייט אריין אין ווארימען העלבעלויכטענעם בית המדרש.

ביים לאנגן טיש זיצן זיי, די אלע, וואס ער האט אויפגעוועקט און לערנען, אזוי פלייסיג, מיט אזא צופרידנהייט און אזוי גליקלאך. די דאזיגע ווארימע אטמאספערע פון די לערנער נעמט איהם אויך ארום, ער, דער האלב פארשטערטער שול־רופער ווערט באגייסטערט און איבערגליקלאך.

עס ווערט איהם זייער גוט אויפן געמיט און די שמערצן ווערן איהם לייכטער, ער הויבט אויף זיינע גליקלאך שטראלנדע אויגן צו ג־ט און רופט אויס צו איהם הארציג און פייערליך:

— זעה, רבונו של עולם, וואס פאר א טייער פאלק דו פארמאגסט און ווי גרויס עס איז דער אונטערשייד פון דיין פאלק צו אנדערע, וואס האבן מיר געשלאגן, געשטויסן און געטראטן מיט די פיס, ווייל איך האב זיי איין מינוט דעם שלאף געשטערט. אבער דיין פאלק, די, וואס זיינען דא, זיי זיינען יא אהער געקומען, זיי האבן מיר געפאלגט און דאנקען מיר דערפאר וואס איך וועק זיי אויף פון שלאף און דערמאן זיי אין זייערע פליכטן צום בורא עולם. זעה נאר, ווי זיי אלע זיינען דא פארזאמלט און ווי צופרידן און גליקלאך זיי זיינען אלע. אזוי, רבונו של עולם, אזוי זיינען "זיי" און אזוי זיינען "מיר".

שבת־פארטאג

א מחיה׳דיקע שבת־רוה איז אויסגעגאסן איבערן שטעטל. נאך א וואך פון שווערער ארבעט, פון האנדל־וואנדל, זיינען די שטעטלדיקע איינוואוינער פארזונקען אין טיפן שלאף און געפינען זיך אין קעניגרייך פון זיסע חלומות...

דא־דארט ווערט די נאכט־שטילקייט געשטערט דורך געשטאלטן, וואס שלייכן זיך ארויס פון געסלאך און הויפן. איינגעהילטע אין שווערע ווינטער־מאנטלען, מיט שאלן איבער די קעפ, זעהען זיי אויס ווי באשעפענישן גארנישט פון דער וועלט... דאס זיינען די השכמה־אידן וואס וועקן אויף דעם טאג, זיי איילן זיך אין בית־המדרש אריין, ווען די וועלט איז נאך פארזונקען אין טיפן דרימל.

אט שיילט זיך ארויס דער סילועט פון מרדכי דער שמש, מיט דעם הויכן סאמעטענעם היטל אויפן קאפ, און מיט דער רויטער פאטשיילע איבערגעבונדן דעם האלז. אט גייט פייוול בריק, מיט זיין שנעלן גאנג, און פון דער ״לאגער״ גאס גייען יאסל ווערמאן און זיין זון זלמן, וועלכער טראגט א גרויסע ווילנער ש״ס־גמרא אונטערן ארעם.

די לבנה לייכט נאך אין איר פולער פראכט, און קוקט אראפ פארוואונדערט אויף די געשטאלטן, וואס שלייכן זיך איצט אין מיטן מארק. די שטיוול סקריפן און קרעכצן ביי יעדן טראט אויפן פארפרוירענעם שניי. עס הערט זיך א הילכיקער ״קרא״ ״קרא״ פון די צעשראקענע קראען, וואס האבן אין דעם שניי גענורקעט.

א אנגענעמעווארעמקייט נעמט ארום, ווען מען קומט אריין אין בית־המדרש. די צוויי גרויסע קאכל־אויוונס, אנגעהייצטע דורך דעם שבת־גוי, צעשפרייטן א ליבע ווארעמקייט. די בליץ־לאמפן לייכטן מיט א העלע

ליכט. אין משך פון א קורצער צייט ווערט דער בית־המדרש אויסגעפילט. דער עולם צוזעצט זיך ארום די טישן. אין חלל צוג׳יסט זיך דער טרויעריק־זיסער גמרא־ניגון פון די לומדישע אידן. ביי די טישן נעבן די אויוונס זיצט "עמך" ביי א קאפיטל תהילים. דעם פיין און יסורים, וואס זיי זענען אויסגעשטאנען במשך פון דער וואך ביים ארומוואנדערן איבער דערפער און ירידים. אין די קוזשניעס און ווערקשטאטן, גיסן זיי איצט אויס אין די הארציקע קאפיטלען, וואס דוד המלך ע״ה האט געשאפן פאר די געיאגטע און געפלאגטע פון אלע צייטן...

לייכט און אנגענעם האט זיך געצויגן די צייט, ביז עס האט אנגעהויבן גראען אויפן טאג. דאן האבן די "מתנגדים" אפגעדאווענט בהשכמה און געאיילט אהיים צום פעטן טשאלנט און קוגל, און נאך באווייזן צו כאפן א שבת׳דיקן נאכמיטאג־שלאף אין דעם קורצן ווינטער־טאג. די חסידישע אידן האבן אין בית־המדרש נישט געדאווענט, נאר אוועק צו יואל׳קען דעם בעקער, וואו עס האט שוין אויף זיי געווארט קאכעדיקע טיי, וואס מען האט ארויסגענומען פון דעם גרויסן אויוון. כאטש פון דעם טיי האבן זיך געפילט די ריחות פון די פארשידענע טשאלנטער, וואס האבן זיך אין אויוון געפונען — האבן זיי דאך געטרונקען מיט גרויס הנאה. נאכן צעווארעמען זיך ביי די עטליכע גלעזער טיי, זיינען זיי ערשט אוועק דאווענען יעדער אין זיין "שטיבל".

אזוי האט דאס שטעטל געלעבט יאר־איין יאר־אויס — סיי ווינטער, סיי זומער.

שינה בשבת

דער ענין פון "שינה בשבת תענוג" איז נאר פאר די וועלכע הארעווען א גאנצע וואך אין לערנען, זיי קענען זיך אביסל אויסרוהען דעם שבת, אבער די וועלכע ארבייטן א גאנצע וואך, איז א שאד זייער ביסל צייט אוועק צו געבן צום שלאף און זיי דארפן שבת לערנען. (סדור הגריעב״ץ)

שבת נאכן שלאף

עס איז נאך האלבער טאג. די זון איז נאך קיין סך נישט ארונטער פון אין דער העלפט הימל, דער גאנצער רוים איז פארטרונקען אין דער שפע פון גאלד שטראלן, וואס די זון שיקט אראפ בינטווייז. דער הימל איז איינפארביג: מילכיג־בלויליך. ער איז אייגנטליך אן קיין שום שפור פון א וואלקנדל, נאר דאך אויף אזוי פיהל פארמילכט, פארכמארעט, כדי צו פארשטעלן די לופטיגע פרישקייט פון דער הימל בלויקייט און מאכן דעם רוים הייסער, שטיקנדער, פארהעמערטער.

דער מארק איז ליידיג, די וועגן אפגערוימט. בכלל איז צוגעקעהרט, ריין. ווי דא וואלט קיינמאל קיין גרינווארג און קיין שאלאכץ נישט געווען אנגעווארפן. דאסגלייכן אין די געסלאך און אין די הויפן איז ליידיג, ריין צוגעקעהרט. קלייטן־טירן זיינען פארהעמערט, לאדנס צוגעמאכט. זעלטן איז צו זעהן א מענטשן אויף דער ליכטיגער שיין. עס קלאפן נישט קיין בוימער, עס הערט זיך נישט קיין גערויש, עס איז שא־שטיל, א בערוהטע מנוחה־שטילקייט, א שלאפן זארגלאז, גלאט אזוי פון רוה און הנאה וועגן.

עס איז דער שלאף פון שבת נאכן עסן, די זיס פעטע שבת מאכלים, די בראנפן נאך די פיש און דאס ברוין־פעטע טשאלנט און קישקע מיטן איינגעפריהעטן פלייש און זיס קלעפעדיגן צימעס דערנאך — דאס אלץ האט ארויפגעווארפן אויפן גוף א פוילע מידקייט און פיעשטשעדיגן באגעהר, אויסצוציהען זיך אין דער גאנצער לייגג און כאפן א דרימל. אז מען איז — איבערגעלאדן פון תענוגים און וואויל טאג — אויפגעשטאנען שווערפעלטיג פון טיש, האט מען געזאגט צו די בני בית מיט א שנאפלדיג, פארשלאפן־צוצויגן קול: מאך צו די לאדנס! און מיט וואקלדיגע טריט זיך צוגעשארט צום בעט און זיך דערויף ארויפגעווארפן אזוי ווי מען שטייט און גייט.

טונקעלע שאטנדיגקייט איז אין די שטובן ענטשטאנען. דא און דארט איז די טונקלקייט קרומליך א דורכגעשפיזט פון ליכט שטראלן, בכח א דורכגעריסענע דורך די לאדן שפארעס. פונקט אזוי איז אויך אדורכגעלעכערט די שטילקייט, צוליבן זעגעדיגן שנארכן פון פארשוויצטע קערפערס און פון פליהענדיגן זשומען פון א איינזאמע, גראב־גופיגע פליג, וועלכע פליהט וואהנזיניג פון איין וואנד צו דער אנדערער, שלאגט זיך קאפ אין שויב און בעט און וויינט מיט תחנונים: מאכט מיר אויף דאס פענסטער אויף א ווײלע, וועל איך ארויס פון דאזיגן חשכות, צום ווארימען, זוניגן דרויסן.

אין דרויסן באקט א מיטל הימלדיגע זון, וועלכע דרייט אויס דאך־שינדלען און פארקאנען־פלעקער און מאכט הייס דאס זאמד און שטיינער אונטער די פיס. די לופט איז אנגעהייצט, פארשמאכט שטיל און דורכגענומען מיט אן כוחותדיגער שווערקייט. קיין פיפס, קיין שארך איז נישט צו הערן, די טויבן און פייגל זיינען פארקליבן אין זייערע נעסטן, וואו זיי דרימלען אין שאטנדיגקייט, דער רוים איז אפגעליידיגט, לער, בלויז פון מאל צו מאל טהוט דורכן אויער פארבייזשומזשען א גאלדיג־גופיגע פליג, וועלכע ווערט אויגנבליקליך פארשוואונדן, פארמישנדיג זיך אין דער גאלדיגקייט פון דעם אויר.

אלץ רוהט, אלץ דרעמלט, צוגלייך מיט די מענטשן אין די שטובן און להבדיל די בהמות אין די שטאלן, דער חותם פון "למען ינוח" ליגט יעצט אויף אלעס.

אזוי ציהען זיך פויל עטליכע שעה, די זון האט דוכט זיך דורך דער צייט נאך גאנץ ווייניג זיך גערוקט, ווינציג וואס זי האט געניגדערט אראפצוצו. אויך די לופט איז נאך ווייניג וואס קיהלער געווארן, אבער דער זייגער ווייזט פארט פיהר־פינף. ווערט א צוריקגעעפן פון לאדנס און פענסטער, פון שוועלן הערן זיך א פיס שארן פון ארויסגעקומענע מיט לאנגזאמע בעשטעקלאטשעטע טריט, א סקריפטשען פון דער טרוקענער האלז, וועלכע עס איז פון לאנגן רוהען און פון דער היץ טרוקן געווארן ביז צו דעם גארגל, און א צו דער זעט ארויסגעשלאפענער גענייץ, וואס

הילכט אפ שרייענדיג אויף ווייט און ברייט און דריקט אויס סיי זעטיגקייט, סיי אויסגערוטקייט — אלע וואוילטאגן.

אויף די שוועלן פאר די טהירן און אין די בעגראזטע ערטער האבן זיך אויסגעזעצט ווייבער אין שבתדיגע שלאפראקן און מענער עמי־הארצים מיט פאנטאפל אויף די בארוועסע פיס, ווער עס האט אנגעטהון א פאר ברילן אויף נאז און אויערן און געעפנט א תהלים אדער א ספר אויף עברי טייטש, פון דער פעלד זייט זעהען זיך אנלויפן חדר אינגלאך, צוהיצטע, דאס האבן זיי געמוזט איבעררייסן אינמיטן די שפיל און איילן אין חדר פרק לערנען.

באלד דערטראגט זיך טאקע פון א אפענער פענסטער א אויסגערוהט קול פון א מלמד. אין זיין טאן הערט זיך איצט מעהר נישט די קפדנישקייט פון דער גאנצער וואך. בנעימות, אן א האר מטיל אימה צו זיין, מאכט ער איצט טריפן אויף די הערצער פון די תלמידים הויך עטישע מוסר רייד וואס בעדארפן אריינדרינגען ווי בוימל אין די ביינער.

— ״רבי זאגט: וועלכעס איז דער גלייכסטער וועג וואס א מענטש דארף זיך אויסקלויבן? אלץ וואס איז שיין פאר דעם טהוער און עס איז שיין פאר מענטשן! — ציהט די ווערטער הארצנדיג־גוטמוטיג דער אויסגערוהטער מלמד, וואס האט דוכט זיך גאר קיינמאל קיין גאל נישט געהאט און פאר וועמען עס זיצן יעצט גארנישט די גאנץ וואכיגע ״שטיינער״ ״פארשטאפטע קעפ״, נאר סאמעטענע, פיינע שבת אינגלאך...

— ״זאלסט זיין געווארנט מיט א לייכטע מצוה ווי מיט א הארבע, ווייל דו ווייסט נישט דעם שכר פון די מצות״ — טריפן ווייטער בוימל רייד די לעפצן פון רבי — ״אז דו וועסט אריינקוקן אין דריי זאכן, וועסטו נישט קומען צו קיין עבירה: ווייס וואס עס איז העכער פון דיר, א אויג זעהט, א אויער הערט און אלע דיינע מעשים ווערן אין בוך פארשריבן!״

דאס געסל ווערט אדורכגענומען מיט דער מאראלישער ווייכהארציגקייט פון די דאזיגע קלוגע פרק ווערטער. פון אנדערע אפענע

פענסטער נעמען זיך אויך הערן לערן טענער פון פרק אדער מדרש און א בטחון האפנדיג אויסלאזן פון קאפיטלאך תהלים: אשרי כל חוסי בו! על עמך ברכתך סלה! ישובו יבשו רגע! פון דער פעלד זייט קומט אן א פארנאכטיג ווינטעלע, וואס מאכט די לופט אזוי ווייך און קדושה׳דיג, היימישלאך, צוצוגעהן אין גליקזעליגן נחת...

די זון נעמט שוין איצט גאנץ אנזעהעוודיג נידערן צו מערב־צו, צום בית המדרש זעהען זיך ציהען מתפללים צו מנחה, א טייל — אין לייכטע סאמעטענע, געפינטלטע און געשפרענקלטע שלאפראקן מיט א גארטעלע ארומגעשלייפט, שטייען ווייבער אויף די שוועלן און קלויבן זיך אין די שטובן אריין צוגרייטן פאר די מענער שלש סעודות...

פון די אפענע בית המדרש פענסטער דערטראגן זיך די אומעטיג זיסליכע טענער פון מנחה־דאווענען. אין די טענער הערט זיך בעדויערונג וואס דער ליבער זיסער שבת גייט אוועק, א שאד, א שאד, וואס דער שבת ציהט זיך נישט אזוי אייביגקייטן, יום שכולו שבת! פון א פענסטער הערט זיך א האפערדיגער מארש אויף ״מזמור לדוד״, א אנדערער דאגעגן איז זייער אומעטיג און ער ציהט מעלאנכאליש דעם ניגון פון ״יצוה״ אין וועלכן ער וויינט אויס דעם גאנצן צער פון דחקת פרנסה, די זארגן הענגען אין דער לופטן פון נישט וויסן פון וואנען צו נעמען מארגן אויפן ערשטן אנבייסן.

דער דרויסן נעמט זיך אנפיהלן מיט פארשידענע קולות פון בעהאלטענע באשעפענישלאך: גרילן פון פארשטעקטע שפארעס ארויס, זשאבעס פון צווישן די גראז וואס ווייקט זיך שטענדיג אין וואסער, קוואקעס פון צווישן בוימער באהעלטענישן, נישט צו טרעפן אפילו פון וועלכער זייט — הויבן אן זייער פארנאכט קאנצערט פון גרילצן, געו־געלען, זיי רופן: קו־קו! אויפן בית המדרש הויף ציהט מען זיך אויס אויפן וואקסעדיגן גראז. די שעה איז יעצט זייער געשטימט פאר דערציילן וואונדערליכע מעשיות. אינגלאך וואס האבן אנגעהויבן צוזאמען צו שטיפן, האבן זיך צוגערוקט צו די געזעלן ״גרויסע״ און הערן זיך איין מיט אויפגעמאכטע מיילער און אויסגעשפיצטע אויערן צו די וואונדערליכע ערציילונגען.

דער אוונד געגעהנט דערווייל אלץ גיכער צו זיין ממשלה, די וואלקנס־פלאקערן לאזן זיך אראפ צו מערב און עס שפרייט זיך אויס אויף אלץ בלויער טונקאלער הימל. אט זעהט זיך שוין א איינצלנע געוואלדיג שטראלנדיגער שטערן, אויף וועלכן א אויפגעקלערטער יונגערמאן ווייזט, אז דאס איז א פלאנעט, א גאנצע וועלט פון וועלכע מען זעהט אונזער וועלט אויך נישט מעהר ווי א פינטעלע. די דאזיגע ערקלערונג פארפיהרט אין פאנטאסטישע מחשבות גארנישט פונאנדערצוקלויבן זיך פון זיי.

דערווייל בלינצלט אויף נאך א שטערן און נאך א שטערן. א קלאפ אין דער בימה פון טונקעלן בית המדרש:

— והוא רחום יכפר עון ולא ישחית — דער שבת איז אוועק. די וועלט איז צוריק וואכעדיג — — —

שבת הייליגט

דעריבער האט דער אויבערשטער געגעבן פאר די אידן דעם שבת ווען זיי זיינען נאך געווען אין מרה, איידער זיי זיינען אנגעקומען צום בארג סיני, וויל דער שבת האט בכוח צו הייליגן, און דער אויבערשטער האט געוואלט די אידן זאלן ווערן הייליג איידער זיי זיינען מקבל די תורה, זיי זאלן זיי ווערד צו באקומען די תורה.

(ר׳ משה חיים לוצאטו)

נישטא קיין נאכט

דעריבער ווערט נישט געשריבן אין דער תורה ביים שבת׳דיגן טאג ״ויהי ערב״ פונקט ווי ביי די אנדערע זעקס טעג, וויל דער טאג פון שבת איז אינגאנצן ליכטיג, עס איז נישטא ביי איהם קיין אוונט, ער איז אינגאנצן טאג. נ.ב. (אין מדרש שוח״ט שטייט אז דעם ערשטן שבת איז גאר קיין נאכט נישט געווען).

(רבינו בחיי)

אין א זומערדיגן שבת

אוועק שוין איז דער טונקעלער, כמורנער ווינטער. צוזאמען מיט איהם אויך די מרה שחורה, וואס איז איבער דעם מענטשנ׳ס פנים פארצויגן געווען אין משך פון ווינטער ממשלה. געקומען זיינען ערפרישנדע טעג, אויסגעלייטערטע הימלען, וועלכע האבן פון גאנץ פריה זייער ליכטיגן ״גוט מארגן״ דער וועלט און דעם מענטשן געטראגן... עס האט די גאנצע נאטור אויפגעוואכט, אויפגעפרישט, לעבעדיג געווארן. עס איז די ערד פון אונטן אין גרינעם איינגעדעקט געווארן. אויסגעלייטערט בלוי זענען די הימלען פון אויבן, און ווי מיט א ווייסע לייכטע פוך אין דערמיט שוועבן די קעפ פון פרוכט בוימער. אלץ רעדט צום מענטשן וועגן פרידן, מונטערט, וועקט דעם מענטשן צום לעבן... נישט צו פארצווייפלען, עס גייט אוועק און עס קומט ווידער א פריהלינג... דער מענטש ווערט מונטערער, לעבעדיגער אין אנבליק פון דער פיהל־פארביגער אויסגעפוצטער נאטור, עס ערוועקט זיך אויף פריש אין מענטשן זיין דראנג צום לעבן.

עס קומען דאן אן די הייסע ברענענדיגע זומער טעג, דער מענטש, פארהארעוועט, איינגעשפאנט א גאנצע וואך אין פרנסה וואגן, וועלכן ער שלעפט מיד, שלעפט מיט די לעצטע כחות זיינע, גיט נישט אכטונג אויף דער ברענענדיגער זון, וועלכע ברענט איבער זיין קערפער און פארשווערט איהם פיהלפאכיג זיין ארבעט... עס זיינען טעג, ווען דער מענטש איז מיט אלע זיינע חושים אין זיין טאג טעגליכע פרנסה, אין זיין ברויט ארייגעטאן... זעט מיט די אויגן בלויז — דאס שיינע פיהלפארביגע יום טוב׳דיגע נאטור, אבער שפירט זי נישט אן, פיהלט נישט איהר גלאנץ, איהר רייץ, עס הערט נישט דער מענטש אין זיינע וואכעדיגע טעג דאס

שפראך, דאס אויפמונטערונגס קול, וואס טראגט זיך פון אלע ווינקאלאך, פון גרינעם לעבעדיגן וואלד, פון מיט סאמעט באצויגענעם גרינעם תבואות טאל, פון גרין ווייסן עפל־בוים, וועלכער שטייט דארט נעבן הויף און רעדט, מונטערט. אזוי דייטליך און אזוי קלאר איז זיין שפראך, און דער מענטש הערט נישט, שפירט נישט אין דער טיפקייט פון זיין נשמה דעם שינוי אין דער לעבעדיגער און צום לעבנרופנדער שיינער נאטור...

★

אנדערש איז עס אין לעצטן טאג פון וואך — שבת, א רוה־טאג, ווען פריי פון דער ארבעט ווערט דער איד, ארויסגעצויגן זיינע חושים פון וואכעדיגן פרנסה הו־הא... ער וויל זיך אביסל אפרוהען, דערשפירט ער אויף זיך שטריינגער די הייס ברענענדיגע זונען שטראלן, זיי מאכן איהם מידער, שוואכן איהם אפ... זוכט ער א ארט, א מקום מקלט פון דער זון, זיך אויסבאהאלטן אין שאטן פון א פארצווייגטן גרינעם בוים, ערגעץ אויסערן שטעטל, אין א גארטן, זיך אפקיהלן, אפפרישן...

זעט מען טאקע זומער, יעדן שבת נאכן "קוגל", אונמעכטיגע, מידע, מיט אראפגעלאזטע הענד, דער מאנטל אויף די פלייצעס ארויפגעלעגט, ציהען זיך מחנות, מחנות אידישע מענער, פרויען, קינדער, לענג אויס די שטעטלשע גאסן צום אויסגאנג אויסערן שטעטל. דאס שטעדטל ווערט מענטשן ריין... שווער פארן שוואכן, מידן מענטשן א קאמף מיט דער מעכטיגער, ברענענדיגער זון צו פארפיהרן. זי, די זון, מוז שטענדיג זיגן. זי שיקט אראפ איהרע ברענענדיגע שטראלן ווי נאך שטארקער לכבוד שבת, מיטן שוואכן מענטשן א קאמף צו פארפיהרן, די שטעטל פארנעמען, דעם מענטשן פון דארטן ארויסטרייבן... די הייסע ברענענדיגע שליחים ערפילן בשלימות זייער שליחות, ברענען דעם מענטשן אויפן פעלד ארויס.

צווישן די צוויי ציילן ביעראזע בוימער, וואס ציהען זיך פוןביידע זייטן, לענג אויס דער וועג היינטערן שטעטל, האבן זיך יעדן שבת אידן נאכן טשאלנט פון דער זון אויסבאהאלטן אויף אייניגע שעה, ביז די זון וועט איהרע הייסע שטראלן מחנה פון שטעטל צוריק ציהען, ביז דער

זיגער וועט די שטעטל פארלאזן, און ערמעגליכן די ארויסגעיאגטע זינדיגע מענטשן, אין זייערע היימען צוריקקעהרן.

דערווייל ערפרישן זיך אידן, געניסן פון פרישן לופט, האבן הנאה פון שיינעם נאטור ארום, ווערן מונטערער, לעבעדיגער, פריי זיינען איצט אלע חושים, פריי די געדאנקען, קענען דערשפירן טיפער, טיפער אין דער נשמה, דערהערן דעם אויפמונטערונגס קול, וואס טראגט זיך פון אויסגעפוצטן אין בלומען פעלד דא נעבן זיי...

שפאצירן דא אידן שבת, אויסגעפוצטע, ערפרישטע, מיט פרייע חושים און געדאנקען, ערמוטיגטע, פריש יום טוב׳דיגע, אויך ווי א טייל פון דער גאנצער יום טוב׳דיגער נאטור ארום...

עס פארגעסט דער איד אין אלעס און אלעמען, זעהט מיט די אויגן, שפירט אן מיט אלע חושים פאר זיך בלויז א שיינע אויסגעפוצטע וועלט, וועלכע רייצט, רופט, מונטערט צום לעבן...

...עס גייט פארגעסן דעם אמת׳ן תכלית פון מענטשן, דער העכערער אינהאלט פון לעבן, דער אמת׳ער ״מה חובתו בעולמו״... דאס העכער גייסטיגע ווערט פאררוקט פאר דאס נידריגע חומר׳דיגע עולם הזה. אבער נישט לאנג האט דער איד אזוינס צו טראכטן, אויף נישט לאנג באהאלטן זיך אויס אזוינע געדאנקען אין די קעמערלאך פון זיין מח, מען לאזט זיי זיך דארט נישט איינבירגערן...

די זון טוט צו בּיסלאך צו מערב אראפנידערן, שוין איהרע ברענענדיגע חיילות פון שטעטלשע גאסן צוריק געצויגן — כדי דעם אידן גיין אין בית המדרש זאגן פרק נישט צו שטערן...

עס ציהען זיך אידן מיט קינדער פאר די הענטלאך צוריק איבער די שטעטלשע גאסן, דאס מאל די אנגעמאטערטע, אפגעשוואכטע נשמה, ערפרישן, ערמוטיגן, אויפוועקן — אין בית המדרש פרק זאגן.

עס צוקלינגען זיך איבערן חלל פון בית המדרש, דינינקע קינדער קולות מיט עלטערע גראבע שטימעס צונויפגעמישט... עס קלינגען איבערן

בית המדרש די ווערטער פון הייליגן תנא, אין בעגלייטונג פון אידישן נאגענדן אייביגקייטס ניגון, דער "איזהו גבור הכובש את יצרו" "איזהו עשיר השמח בחלקו" און די סטרונעס פון הארצן ווערן אנגעצויגן, ציטערן פאר די אלע הייליגע הויכע געדאנקען פון גרויסן ג׳טליכן תנא, ווערן אויפגעציטערט אין אנבליק פון די דא נישט לאנג נידריגע מענטשליכע מחשבות און רייסט זיי פון הארצן מיטן שורש ארויס.

אין זומערדיגן שבת טאג, אויפן שויס פון דער רייצנדער נאטור — "פרק" — דאס איז גייסטיג געזונטע לופט צו אטעמען, דאס מים חיים פאר דער אפגעשוואכטער, פארחלשטער אידישער נשמה.

מעהר נישט קיין צרות

"שבת וינפש, כיון ששבת וי אבדה נפש".

דאס האט דאך לכאורה געדארפט זיין מוצאי שבת קודש, ווען דער נפש גייט אוועק, נישט ווען עס קומט דער שבת, ווען די נשמה יתירה קומט אן?

— נאר וויבאלד עס קומט שבת ווערט מען דאך רוהיג פון אלע צרות, דאן כיון ששבת, איז "ווי", די צרות, "אבדה נפש", האט דער נפש פארלוירן און ער האט מעהר נישט קיין צרות.

(החוזה מלובלין)

קורץ און שארף

מיר געפינען א רמז אין דער תורה אז שבת דארף מען שווייגן. און אויב מען רעדט שוין יא, זאל מען רעדן אין קורצן. עס שטייט אין פסוק: וביום השביעי תשבת, בחריש ובקציר תשבת. "תשבת בחריש" — דו זאלסט רוהען דורכן שווייגן "ובקציר תשבת" און דו זאלסט רוהען דורך פארקירצן דייןריידן, דו זאלסט רעדן בקיצור.

(נועם מגדים)

הערבסט שבתים

הערבסט גיט א שיין די זון און פערשווינדט. עס ווערט ווידער וואלקנדיג און טריב. עס ווערט דער הימל פערצויגן מיט גרויסע וואלקענעס, עס הערן זיך אומעטיגע קלאנגען פון ווינטן בלאזן. צולייגט זיך גרוי פייכט־וועטער אויף די גאסן, הייזער, מענטשליכע פנימער, אלץ אין גרויקייט איינגעהילט — הערבסט.

הערבסט — פארגאנגען שוין די שטיל ערנסטע, חשבון הנפש טעג, און די פריידיגע לוסטיגע זמן שמחתנו טעג, וואס האבן דערמינטערט און דערפרייט, און אריינגעריסן האט זיך וואכיג לעבן, אין זיין פוהלן טעמפא. ווערט איבער א נייעס אויפגעפרישט אין שטעדטל קהל׳שע אינטריגעלעך, און עס ווערט היציג דיסקוסירט, אין גרויסע רעדלאך, אין פאלוש פון בית מדרש.

א נייע פלאם־פייערדיגע מחלוקת האט אין שטעטל זיך צופלאקערט. קריגט זיך יאנקל מיט בערעלע, זרח מיט שמערעלע, ״מיין רב״, ״דיין רב״, חאטש אין תוך גענומען, גייט זיי ביידע נישט אן, נאר הלמאי זאל דער און יענער אויספיהרן. איז די לופט א אנגעגליטע. ליידנשאפטן צושפילן זיך ווילד, און געלעגנהייטן ווערן אויסגעניצט מיט א אלטן שונא זיך אפצורעכענען. שווימען אויפן אויבערפלאך ארויף קליינינקע נגיעות׳לאך און נידעריגע געפאלנקייט ווייזט זיך אין איהר גאנצער מיאוסקייט. אט הויבן זיך פויסטן אין דער הויך... זידל ווערטער געווארפן, איד מיט איד ווערט א שונא — מחלוקת.

דאס אלץ שפיגלט זיך אפ שבת ביים דאוונען! קוקסט זיך צו, צום בילד, און עס וויינט דאס הארץ אויפן חורבן און געפאלנקייט פון א אידיש שטעדטל, אויף ווילד צובושעוועטער חוצפהדיגקייט פון

תורה׳לאזער יוגנד, און עס שטיקט די לופט, און עס גלוסט זיך דיר אנטלויפן.

— ווי א געגנזאץ צו דער אלעם, שלייכט זיך דורך איבערן בית המדרש, דער בעל קריאה לייענדיג די לאנגע סדרות הערליכע ספורי התורה, מעשה אבות, פליסנדיקע ווי היילנדער באלזאם און דערקוויקן מיט זייער מילדער און צערטליכקייט. שפירסט זיך עפעס דאן דערהויבן, דער ווילדער טומל ארום קומט אויס עפעס אזוי נאריש, זינלאז. און ווען וואלט זיך דיר דאן, אז אייביג זאל זיך אזוי ציען... ציען... אט די הערליכע ספורי התורה, און שטיין זאלסטו אזוי אין א זייט פון ארומיג ווילד געווירבל, אין א אנדער העכערער וועלט זיך אויפהויבן, אין דער וועלט פון אונזערע אבות! אויפנעמען זאל דיין הארץ נאר די צוויבער־פיהלע תורה קלאנגען, און איינזאפן אין זיך וואס מעהר — די קריאה אין די הערבסט־שבתים.

★

פרייטאג צו נאכטס. די נאכט א הערליכע, א זעלטענע אין הערבסט. גייסט אין גאס, בעגעגנסט דיך מיט שטום גלייכגילטיגע פנימער, אלטע בעקאנטע, דערקענסט זיי אבער נישט. ביי א ווינקל א מענגע מענטשן, און ווידער דער זעלבער שמועס, מיט פרישע נייעס. מארגן וועט זיין נייעס, עפעס גרייט זיך.

פלוצלונג שיינט אראפ ערגעץ פון א ווינקל א קליין פייערל, און דערהערסט א קול עפעס ווי א פרעמדער צו דער ארומיגער שטימונג, אבער אזא זיסער, ציענדיגער. גייסט צו צום פענסטער, הערסט א קול פון חומש לערנען, ווי פון א רבין מיט א תלמיד...

ציהט עס ווי א מאגנעט דיר צו, און ברייגנגט דיך אין קליינעם שטיבל אריין. זעהסטו: דאס שטיבל קליין, קליינע פענסטערלאך פארהאנגענע, אויף א קליין טישל קליינע מעשענע בלאנקענדיגע שבת לייכטער, ביי וועלכע עס זיצט זיך ברייט דער אלטער זיידע, מיט אזא נעימות׳דיגער שבת׳דיגער חדוה׳דיגקייט, און קוקט דורך ברילן מיט שטריקעלעך פערבונדענע — אין א חומש.

ביי דער זייט, זיין קליין אייניקל, לערנעןביידע חומש.

קוועלט פון תענוג דעם זיידנס פנים, ערקלערנדיג זיין אייניקל די פרשה חומש, מבאר זייענדיג איהם געגוני מיט רש״י׳ס פירוש. און דאס אייניקל? שוועבן עפעס איצט זיינע אויגעלאך פערטראכטע, קוקן אזוי ווייט, און שלינגט מיט דורשט יעדעס ווארט פון זיידנס מויל. צוגיסט זיך אין א חומש ניגונדל, א פלאמענדיגן. ברייט צושפרייט איז איצט די קינדישע פאנטאזיע. קדושה נאך קדושה טראפנס פליסט אין איהם אריין. קוקסט זיך צו צום בילד און שפירסט, עס ווערט אפגעפרישט דיין נשמה, און עפעס ווי א שטיק שווארצקייט איז פון איהר אראפ... און עס ווילט זיך אויסשרייען: נעהם, חאפ אויף דאס הערליך בילד, בעהאלט עס אויף אייביג אין דיין זכרון! און ווען עס קומט א מאמענט, ווען מען דערשפירט ווייטאגדיג דעם חורבן פון אידישן שטעדטל, די געפאלנקייט, איינהאלטסלאזיקייט, און ווילד צובושעוועטער חוצפהדיגקייט פון דער תורה׳לאזער יוגנט אין אונזערע גאסן, זאל אויך גלייכצייטיג, ווי א בלום צווישן דערנער אויפשיינען די דערמאנונג פון חומש ניגונדל פון זיידן און אייניקל אין הערבסט שבתים!

מערסטנס אויף שבת

דעריבער ווערט ספעציעל אויף שבת אנגעזאגט ״ומקדשי תיראו״, וועלכעס שטייט נעבן די מצוה שבת ״את שבתותי תשמורו״, ווייל מעהרסטנס ווערט דער חלול המקדש בעגאנגען אום שבת, דאס רוב מחלוקתן און קריגערייען אין די שוהלן און בתי מדרשים קומען פאר ביי אידן אין דעם שבת׳דיגן טאג.

אלעס פון שבת

די גאנצע בריאה פון די זעקס טאג האט דער אויבערשטער אריינגעגעבן אין דעם שבת. און דאס איז די כוונה פון פסוק: כי ששת ימים עשה ה׳ את השמים ואת הארץ, וינח — און ער האט עס אריינגעלייגט ״ביום השביעי״.
(ר׳ מענדעלע מקסוב)

מען דארף זאגן!

דער "שפאלער זיידע" זצ"ל איז אמאל געזעסן בים טיש פרייטיק־צו־נאכט און פארברייינגט מיט חסידים אין דברי תורה און זמירות שבת.

אין מיטן רופט זיך אן דער צדיק, אז ער האט גרויס עגמת נפש, איהם דוכט זיך אז ער האט היינט אנגעצונדן די שבת־ליכט עטוואס שפעטער פון די צייט.

האט זיך אנגערופן איינער פון די חסידים, כדי איהם צו בארוהיגן:

— עס שטעהט אין פסוק "לא יאונה לצדיק כל און", אז דעם צדיק פאסירט נישט קיין דורכפאל, און אודאי איז עס נישט אזוי געווען;

א צווייטער חסיד ברייינגט דעם מאמר חז"ל: "צדיקים אין הקב"ה מביא תקלה על ידיהם", אז ג־ט לאזט נישט צו קיין מכשול ביים צדיק, און מסתמא איז דער זייגער געווען נישט ריכטיק אדער ס'דוכט זיך נאר;

רופט זיך אן א דריטער, אז עס איז א דא דעה אז מען קען צינדן שפעטער 2—3 מינוט, איז שוין זיכער קיין חילול שבת נישט געווען; אנדערע האבן צוגעלייגט נאך בארוהיגונג־ווערטער, אבער דאס אלעס האט נישט משפיע געווען אויפן צדיק.

ביים ברעג טיש איז געזעסן הצדיק רבי רפאל בערשאדער זצ"ל, א תלמיד פון צדיק רבי פנחס קאריצער זצ"ל וועלכער איז געווען באוואוסט מיט זיין מדת האמת. ווען אלע האבן שוין געענדיגט זאגן זייער מיינונג, האט ער זיך אנגערופן זייער איידל:

— נו, אודאי דארף מען תשובה טהון, עס איז עפעס א גרינגע זאך א ספק חילול שבת?

האט זיך דער שפאלער זיידע אנגערופן אויף די וואס זענען געזעסן ביים טיש:

— שוטים וואס איהר זענט! איך וואלט דאך געקענט, צוליב אייך שטארבן חס־ושלום אן תשובה!

דריטער קאפיטל: **עשה שבתך חול**

נאר איין שבת
א פסק הלכה
דער חלום פון דאקטאר
נהנה זיין פון מעשה שבת
פינסטערע ליכט
דער שבת — א רפואה

דריטער קאפיטל
עשה שבתך חול

נאר איין שבת

דורך די קליינע שטעטל ק. מינסקער גובערניע האט מען אריבער געפיהרט, ערב־יום־כיפור, א גאנצע באנדע ארעסטאנטן; גנבים, רוצחים א. ד. ג. צווישן זיי איז אויך געווען איינער א איד. עס האט געהייסן אז די באנדע זאל זיך פארהאלטן איניגע טעג אין שטעטל.

ווען דער פרנס הקהל האט זיך דערוואוסט פון דעם ארעסטירטן אידן, האט ער זיך משתדל געווען ביי דעם בירגערמייסטער ער זאל ערלויבן דעם אידן דאוונען יום כיפור אין שוהל. דער בירגערמייסטער האט באקומען א שיינע מטבע, און איז באוויליגט געווארן צו די בקשה. דער אידישער ארעסטאנט איז געשיקט געווארן צו "כל נדרי" אין שוהל אין דער באגלייטונג פון א פאליציאנט, וועלכער האט איהם געדארפט היטן דעם גאנצן מעת־לעת.

אין שוהל האט דער ארעסטאנט באקומען א טלית, א מחזור און א "קיטל". ער האט דאס צוגענומען מיט גרויס התלהבות און זיך געשטעלט דאוונען מיט אלע מתפללים. דער פאליציאנט האט באקומען דעם איינדרוק אז דער ארעסטאנט דאוונט גאנץ געשמאק און ערנסט. ווען דער עולם איז צוגעקומען צו "שמונה־עשרה" האט זיך דער ארעסטאנט געווענדעט צום פאליציאנט מיט א שטילע בעטנדע שטימע אז ער וויל אויף א פאר מינוט ארויסגיין "לצורך". דער פאליציאנט האט אים נאך רעכט נישט געענטפערט, און דער פייהיגער ארעסטאנט איז שוין געווען ביי דער אנדער זייט טהיר אין דרויסן — און איז פארשוואונדן געווארן.

ווען די מתפללים האבן זיך דערוואוסט פון דעם פאל, איז געפאלן אויף זיי א אימה. איינציגווייז האבן זיי פארלאזן די שוהל און האבן זיך צושפרייט יעדער אין זיין היים. מען האט געזוכט אין שטעטל און אין

אלע ארומיגע דערפער — דער ארעסטאנט איז אבער נישט געפונען געווארן.

מוצאי יום־כיפור ביי נאכט האט מען ארעסטירט דעם פרנס הקהל צוזאמען מיטן פאליציאנט וועלכער האט געהיט דעם ארעסטאנט. צו מארגנס האט דער בירגערמייסטער געמאלדן דעם פאל צום גובערנאטאר. דער גובערנאטאר האט גלייך פארעפנטליכט אז דער אנטלאפענער ארעסטאנט איז געווען א געפערליכער מערדער. ער האט געשיקט רופן דעם ארעסטירטן פאליציאנט אויף א פארהער. אבער ווען מ'איז איהם געקומען נעמען, האט מען איהם געפונען א געהאנגענעם אין זיין ארעסט־צימער.

גאר שנעל האט זיך צושפרייט די מורא'דיגע נייעס אין שטעטל, און אידן האבן זיך באהאלטן אין זייערע הייזער מורא האבנדיג פאר דאס קומענדע. דער גובערנאטאר איז געווען באוואוסט פאר א געלט־זויגער און א אנטיסעמיט. די אידן פון שטעטל ק. האבן גוט פארשטאנען אז דער גובערנאטאר וועט זוכן אויסניצן דעם טרויעריקן פאל פאר זיינע געלד פרעסעריי.

נישט אומזיסט האבן זיך געשראקן די אידן פון ק. נאך אין דעם זעלבן טאג זיינען ארעסטירט געווארן דער רב פון שטעטל צוזאמען מיט פינף פון די נכבדים פון דער קהלה. מיט א רוצח'ישן קול האט געשריגן אויף זיי דער גובערנאטאר, ער האט צו זיי געזאגט אז ער האט חוקר ודורש געווען און זיך דערוואוסט, אז דער רב מיט די נכבדים פון שטעטל האבן געגעבן "שוחד" דעם פאליציאנט כדי ער זאל לאזן דעם אידישן ארעסטאנט פארשוואונדן ווערן. דער גובערנאטאר האט זיי געמאלדן, אז נאך מארגן וועט מען זיי שיקן מיט אייזערנע קייטן צו די גרויסע תפיסה פון דעם געגנט, און דארטן וועט יעדער פון זיי כאפן צו 25 שמיץ טאג־טעגליך, ביז זיי וועלן אויסזאגן וואו געפינט זיך דער פארשוואונדענער ארעסטאנט.

דערהערנדיג דעם מורא'דיגן "אורטייל" פון דעם גובערנאטאר, איז אין שטעטל געווארן חושך. א גאנצן טאג האבן פארשידענע

פערזענליכקייטן אנגעקלאפט אויף די טהיר פונ׳ם גובערנאטאר, און נאך לאנגע פארהאנדלונגען האט דער גובערנאטאר ענדליך ארויסגעגעבן זיין אורטייל אז דאס שטעטל ק. זאל איהם צושטעלן א ריזיגע סומע געלט ביז א מאנאט — דאן וועט ער באפרייען די ארעסטירטע אידן. ווען די אידן פון ק. וואלטן אפילו יעדער פון זיי פארקויפן זיין העמד — וואלטן זיי איהם נישט געקענט צושטעלן די אונגעהויערע סומע געלט. אבער באטראכטנדיג וואס עס דערוואַרטעט די ארעסטירטע אידן מיטן באליבטן רב — האבן זיי מסכים געווען צו שאפן די ריזיגע סומע געלט.

די נכבדים און די עלטערע אידן פון שטעטל האבן זיך צוזאמענגעקליבן אויף א באראטונג וואס מען זאל טהון. ביי דער זיצונג איז בעשלאסן געווארן, אז מען זאל זיך ווענדן צום גרויסן אידישן שתדלן און כלל־טוער, זונדל זאנענבערג, באוואוסט מיטן נאמען ״דער גרויסער זונדל״, וועלכער איז געווען איינער פון די גרויסע רעגירונגס פארבינדעטע אין רוסלאנד און איז געזעסן אין פעטערבורג און געטאהן פיהל טובות פאר זיינע ברידער.

דער זונדל איז געווען א איד, א מדקדק במצוות און א שומר תורה. ער האט געהאט א תורה־שיעור יעדן נאכט און די גאונים פון רוסלאנד האבן איהם שטארק מכבד געווען. ווען די רוסישע רעגירונג האט געוואלט מאדערניזירן דעם אידישן ״חדר״, אריין ברענגען ״ליכט״ פון די השכלה אין די תלמוד־תורה׳ס און פארענדערן דעם אידישן חינוך ווי עס איז איבערגעגעבן פון אלע דורות — איז דער זונדל געשטאנען אויפן וואך, אנגעלייגט אלע מיטלען, געקומען אין פארבינדונג מיט די גדולי ישראל אין יענעם דור, און ענדליך איז פארמיטן געווארן די גזרה.

אט צו דעם זונדל, איז געבליבן ביי די אידן פון שטעטל ק., אז מ׳זאל זיך ווענדן, ער זאל טאהן וואס ער קען, זיי צו ראטעווען פון געפאהר. דערצו האט מען געדארפט שיקן א געהיימען שליח וועלכער זאל פארן קיין פעטערבורג. אבער ווער קען זיך אונטערנעמען אזא שווערע נסיעה? די רעגן טעג האבן זיך שוין אונטערגערוקט, און פון שטעטל ביז

פעטערבורג איז געווען א לאנגע און א צובראכענע וועג, איז געבליבן צו ווארפן גורל ווער עס זאל דארטן פארן. דער גורל איז געפאלן אויף דעם אלטן דיין. מיט פרייד וואס אין זיין גורל איז געפאלן צו טאהן פארן צבור, האט דער אלטער דיין גענומען אויף זיך די שווערע נסיעה קיין פעטערבורג.

און דער אלטער דיין פון שטעטל האט זיך ארויס געלאזט אין דעם לאנגן שווערן וועג צו די רוסישע רעזידענץ שטאט פעטערבורג.

דורכפארנדיג די שטאט מינסק, איז ער אריין צום רב פון שטאט דער באוואוסטער גאון רבי דוד טעבאלע, צו נעמען פון איהם א ברכה און אויך המלצה־בריף צו זונדלען. ווען דער דיין האט איהם דערציילט וועגן דעם ציהל פון זיין נסיעה צו ראטעווען די אידן פון שטעטל ק. — האט איהם רבי דוד צוגעאיילט, איהם געבענטשט ער זאל מצליח זיין און צו איהם געזאגט:

— "פארט לחיים ולשלום! איהר געדיינקט דאך געוויס דעם דין אז פיקוח־נפש איז דוחה שבת!".

דער אלטער דיין האט נישט פארשטאנען וואס מיינט דערמיט דער גאון, דאס איז דאך א באוואוסטע זאך אז פיקוח־נפש איז דוחה שבת.

דערווייל איז דער רעגן געווארן געדיכטער, די וועג איז געווארן איין גרויסע בלאטע און די נסיעה איז געגאנגען זייער שווערליך. דא האט זיך דער דיין דערמאנט אז די צייט וואס דער גובערנאטאר האט באשטימט פאר די אידן פון זיין שטעטל — דערנענטערט זיך, און אויב ער וועט חס ושלום נישט מצליח זיין, וועט מען געבן די ארעסטאנטן געפערליכע שמיץ, וועלכע קענען טויטן. דער דיין האט זיך פארגעשטעלט די שרעקליכע בילד, ווי מ׳שלאגט אן רחמנות זיין פריינד, דעם רב פון שטעטל מיט אזעלכע שטערבליכע שמיץ — און א שוידער האט איהם אנגעכאפט.

ס׳איז דאן געווען פרייטיג נאכמיטאג און ס׳איז נאך געווען א היבשע פאר מייל ביז פעטערבורג. שטעהט דער אלטער דיין פארצווייפלט: דא

ווערט שבת און דער חודש צייט וואס דער רשע דער גובערנאטאר האט געגעבן האלט זיך שויןביים ענדיגן. אבער דא האט געגעבן א בליץ אין זיין מוח די ווערטער פון רבי דוד טעבעלע: ״פיקוח נפש איז דוחה שבת״. דער אלטער דיין האט זיך אנגערופן צום פורמאן פון וואגן:

— פאר און שטעל זיך נישט אפ ביז דו וועסט אנקומען צום אידישן קווארטל אין פעטערבורג.

שבת אין דערפרי, ווען אין שוהל וואו עס האט געדאוונט זונדל זאנענבערג מיט זיין מנין, האט מען געהאלטן ביי קריאת התורה — האט זיך פלוצים אפגעשטעלט א וואגן און פון איהר איז ארויס א אלטער מאן, מיט א לאנגע שניי־ווייסע בארד און א לאנגער טלית קטן. דער אלטער דיין האט זיך אריין געשפארט אין שוהל און געשריען מיט א ביטערן קול:

— רבי זונדל! ראטעוועט די אומגליקליכע שטעטל ק.!

די מתפללים האבן זיך דערשראקן און דער בעל קריאה האט זיך אפגעשטעלט אין מיטן לייענען. זיי האבן נישט פארשטאנען וואס דא איז. א איד מיט א בארד און פיאות, און פארט אום שבת! וואס האט דא געקענט טרעפן?!

זונדל האט געוואונקען צום בעל קורא ער זאל ממשיך זיין און לייענען שנעלער. אבער דא האט דער אלטער דיין נישט געקענט איינהאלטן זיין ביטערן ווייטאג און אויסגעשריגן:

— ר׳ זונדל! איך וועל נישט לאזן לייענען. דא איז א ענין פון פיקוח נפש פון א אידישע קהילה, דעריבער האב איך מחלל שבת געווען. אזוי האט מיר געהייסן דער מינסקער רב רבי דוד טעבאלע.

ווען זונדל האט געהערט דעם נאמען ״רבי דוד טעבאלע״, וועמען ער האט זייער געשעצט — איז ער פארציטערט געווארן און האט גלייך אויסגעטהאן זיין טלית, ארויס פון שוהל און אריין אין א באזונדער צימער מיטן אלטן דיין, וועלכער האט איהם דערצעהלט אלע איינצעלהייטן.

זונדל איז שוין נישט געגאנגען צוריק, נאר געלאפן פון איין רעגירונגס אפטיילונג צום צווייטן. ער האט זיך געבעטן, גע׳טענה׳ט און געוויינט. ביז עס האט איהם ענדליך געלונגען צו ווירקן אויפן אינערן־מיניסטער ער זאל געבן א באפעל אויף יענעם גובערנאטאר, ער זאל באפרייען די אידישע ארעסטאנטן פון די שטעטל ק. — נאכדעם וואס זונדל זאנענבערג האט גע׳חתמעט אום שבת אז ער נעמט אחריות אויף די אומשולדיקייט פון די אידן פון די שטעטל ק.

ווען זונדל האט איבערגעגעבן דעם אלטן דיין די בשורה — האט ער, זונדל, זיך צוויינט ווי א קינד — ס׳איז מיר געווען זייער שווער — האט ער געטענה׳ט — צו ווייזן פאר די רעגירונג׳ס בעאמטע אז איך קען אויך אמאל מחלל־שבת זיין, אין דער צייט וואס איך האב זיך נאך קיינמאל נישט צוגערירט צו וואסערע דאס איז רעגירונג׳ס־ענין, נאר אז רבי דוד טעבאלע האט געזאגט איז פארפאלן.

ווען דער אלטער דיין האט זיך אומגעקערט און איז נאכאמאל אריין צו רבי דוד טעבאלע, האט ער איהם דערצעהלט וועגן די בשורה און וועגן זונדל׳ס עגמת נפש וואס ער האט געמוזט מחלל שבת זיין.

האט רבי דוד אוועקגעשריבן א בריף צו זונדלען:

— פון דיין חלק זאל זיין מיין חלק! אויב דיין הארץ קלעמט דיר פון דעם חילול שבת — גיב איך דיר אוועק אלע מיינע שבתות, און דו גיב מיר אנטקעגן דעם נאר דעם איין שבת וואס דו האסט איהם מחלל געווען צוליב פיקוח נפש, צוליב ראטעווען די אידן — — — — — — — —

עפענען

„פקוח נפש" ווערט אנגערופן ווען עס דראהט א לעבנס־געפאהר — „פקוח" הייסט עפענען „ונפקחו עיניכם (בראשית ג׳). דער מקור איז פון חז״ל אז מען דארף אויפעפענען אין שבת א הויפן וואס אונטער דעם ליגט א מענטש, כדי איהם צו ראטעווען פון א לעבנס געפאר.

א פסק הלכה

גוטע אידן מיהען זיך נישט בלויז פאר זייערע חסידים וואס געפינען זיך אויף דער וועלט, נאר אויך פאר די חסידים וואס געפינען זיך אויפן עולם האמת — אזוי פיהלט יעדער חסיד ביי וועמען אין הארצן עס איז איינגעבאקן די אמונת צדיקים.

אן א שיעור מעשיות ווערן דערצעהלט, ווי אזוי נשמות פון נפטרים זענען געקומען צום הייליגן ריזשינער זצ״ל, ער זאל זיי מעלה זיין, און ווי אזוי ער האט זיי געטאהן א טובה. אבער די מעשה וואס מיר ווען דא דערציילן, האט דערציילט נישט קיין אנדערער, ווי דער ממלא מקום פון הייליגן ריזשינער, דער סאדאגורער רבי, ר׳ אברהם יעקב זצ״ל. און דעריבער קען מען זיין זיכער, אז עס איז נישט סתם עפעס אזוי א מעשה נאר א אמת׳ער פאקט.

איינמאל האט דער ריזשינער זצ״ל פערבראכט א פאר טעג אין די שטאדט סקאלע, א שטעטל אין גאליציע, וואו ער איז געקומען וועגן א געוויסן כלל ענין. דער ריזשינער איז אויך געבליבן דארט אויף שבת.

עס פערשטעהט זיך אז צו א מנין האט דארט אויף שבת נישט געפעהלט, פון אלע ארומיגע ערטער זענען אנגעקומען מענטשן, אנשים נשים וטף, כדי צו כאפן א בליק אויפן קדוש ישראל און צוקוקן זיך צו זיין עבודה.

פרייטאג נאכמיטאג איז דער ריזשינער געגאנגען ווי זיין שטייגער אין מקוה אריין זיך טובלען לכבוד שבת. אין מקוה האט ער זיך נישט לאנג געזוימט, אבער ארויס קומענדיג פון דעם וואסער, האבן זיינע מקורבים דערקענט, אז דער רבי איז עפעס נישט מיט אלעמען.

אהיים קומענדיג אויף זיין אכסניא איז דער רבי געווען שטארק

צוטראגן, ער האט זיך ארומגעדרייט איבערן צימער ארויף און אראפ, אין זייער א אויפגערעגטן צושטאנד, רויכערנדיג אן אויפהער זיין לולקע ציבעך, און ארויסלאזנדיג גאנצע קנוילן רויך, אזוי, אז עס האט זיך געדוכט, ווי א וואלקן הייגגט איבערן צימער.

פון צייט צו צייט האט זיין *משמש* געכאפט א בליק אין צימער פון רבין, צו ער איז נישט אמאל נויטיג, האט ער אויפגעמאכט די טהיר קוים אויף א שפאר, א קוק געטאהן אויפן רבין, און, איז שיעור נישט אפגעשטארבן פאר פחד. וואס אזעלכעס האט געקענט געשעהן, האט דער משמש זיך געטראכט, וואס דער רבי איז איצט, פרייטאג פארנאכט אזוי צוטראגן, עס איז דאך קיינמאל נישט זיין דרך זיך צו געפינען פאר קבלת שבת אין אזא צושטאנד.

אזוי שטייענדיג אונטער דער טהיר פערטראכט, דערהערט דער שמש, ווי דער רבי דערנענטערט זיך צו די טהיר, און נעהמט זאגן שיר השירים, ווי קיינמאל גארנישט...

— שמואליק — דערהערט זיך דעם רבינס אויסרוף שטייענדיג אין דער אפענער טהיר און ווענדענדיג צום *משמש* — גיב א לויף צום היגן רב און בעט איהם אין מיין נאמען, ער זאל מוחל זיין און תיכף אהער קומען. זאג איהם שמואליק, אז איך קען זיך נישט גרייטן צו קבלת שבת, כל זמן ער וועט פריהער נישט זיין ביי מיר.

אפגערעדט די דבורים, האט דער רבי זיך ווידער פערמאכט אין זיין צימער.

דער *משמש* איז געבליבן שטיין א שטארק פערטראכטער, עפעס א אויסטערלישער פלא, גראדע, איצט, פרייטאג פארנאכט, א שעה פאר קבלת שבת זאל זיך דער רבי אזוי שטארק נייטיגן אין דעם שטאדט רב, און וואס איז עפעס דער טייטש, אז ער קען זיך נישט נעמען גרייטן צו קבלת שבת כל זמן דער רב וועט נישט אנקומען?

אבער לאנג טראכטן האט ער נישט געקענט, האט ער געחאפט דעם

שטעקן, און באלד געלאפן צום רב איבערגעבן איהם די בקשה פון הייליגן ריזשינער.

דער סקאלער רב, ר׳ שלמה האט ער געהייסן, איז געווען א מפורסם׳דיגער גדול הדור, א אנערקענטער פוסק, דער שפעטערדיגער מחבר פון שו״ת בית שלמה, און דערצו איז ער שוין געווען א איד א זקן, עס איז דעריבער דעם משמש שטארק נישט געווען אנגענעם איצט אין אזא צייט צו קומען צו איהם מיט דער שליחות פון ריזשינער, אבער פערפאלן, חזקה שליח עושה שליחותו.

אריינקומענדיג צום רב, האט ער איהם שוין געטראפן אין דעם שבת׳דיגן חאלאט, זיצנדיג ביים טיש און איז מעביר סדרה.

אויסהערנדיג די בקשה פון ריזשינער, האט אבער דער אלטער רב גלייך געחאפט דעם אויבער מלבוש, און תיכף ומיד געקומען צו לויפן צום ריזשינער.

דער ריזשינער האט דעם שטאדט רב זייער פריינדליך אויפגענומען, געהייסן אריינדערלאנגען כיבוד און געבעטן איהם צו זיצן.

— הייליגער רבי! עס איז דאך איצטער נישט דער זמן דערצו, — האט דער רב געפרובט אבווענדן.

— איך ווייס, איך ווייס, סקאלער רב, אבער איך בעט אייך, טהוט אויס דאס אויבער מלבוש.

דער רב האט געפאלגט, אויסגעטאהן דאס אויבער מלבוש, און אוועקגעזעצט זיך.

— איך וועל אייך דערצעהלן א מעשה, סקאלער רב — האט דער ריזשינער אנגעהויבן — אבער איך בעט אייך איהר זאלט זיך צו איהר גוט צוהערן.

געווען אמאל א איד א חסיד, אבער טאקע א אמת׳ער חסיד און דערצו א גרויסער עושר. געפיהרט גרויסע געשעפטן, מפרנס געווען פיהל אידן

אין זיינע געשעפטן, א בעל צדקה, און א איש נאמן, א אבגעהיטענער איד, געווען א פזרן, א ווארים אידיש הארץ, מיטן פולן זינען פוןווארט.

דערצו איז ער געווען שטארק נזהר אין שמירת שבת, אפילו ווען דער קייסער אליין זאל צו איהם קומען און אנשלאגן איהם א געשעפט שבת, וואלט ער אויך נישט געוואלט הערן. ער האט בכלל שבת נישט גערעדט וועגן מסחר און אויך נישט געטראכט וועגן דעם.

דער סקאלער רב האט זיך אנגעהויבן דרייען אויף זיין שטוהל נישט קענענדיג איינזיצן, וואס איז עפעס יעצט פאר קבלת שבת דער זמן אויף צו דערציילן א מעשה אזוי בפרטות, אז די מינוט ברענט ממש.

אבער דער ריזשינער האט זיך נישט געמאכט דערויף וויסנדיג און ווייטער פארטגעזעצט די געשיכטע.

— דער דאזיגער חסיד האט אמאל איבערגענומען פון דער מלכות א גרויסע אונטערנעהמונג, ביי וועלכן עס איז איהם געשטאנען צו פערדינען א הון רב, אזוי ווי ער האט נישט געהאט פונקט דעמאלס קיין אייגן באר געלד איינצולייגן אין דעם ווי דער מנהג איז, האט ער זיך מורה היתר געווען און אויסגעבארגט זיך פון זיין קאסע פרעמדע געלד, געלדער פון אלמנות און פון יתומים, מחמת ווי איך האב אייך דערציילט, איז דער חסיד געווען אין שטאדט א גרויסער איש נאמן און מען האט צו איהם געהאט דעם פולן צוטרוי.

איינגעשטעלט האט ער דאך גארנישט, ווייל ער איז געווען זיכער מיט די גאנצע הונדערט פראצענט, אז דאס מסחר איז א קוואל פון פרנסה און פון עשירות.

דער סקאלער רב האט מעהר נישט געקענט איינזיצן און ער האט זיך אויפגעהויבן פון שטול.

— איהר זיצט, זעה איך, ווי אויף הייסע קוילן, סקאלער רב — האט דער ריזשינער אויסגערופן — איהר האט מורא אז עס ווערט שפעט,

אבער איך בעט אייך, האט געדולד נאך א פאר מינוט, עס האנדלט זיך וועגן זעהר א וויכטיגן ענין.

— הכלל, ער האט די געלד־גארנטי איינגעלייגט, — האט דער ריזשינער ווייטער פארטגעזעצט די מעשה — און עס איז געבליבן אז דער גובערנאטאר, אין וועמענס הענד דער געשעפט איז געלעגן, וועט שוין שפעטער בעשטימען א צייט ווען דער חסיד דארף קומען אדורכרעדן דעם מסחר און וואס איז שייך צו דעם.

דער חסיד איז אהיים געפאהרן א צופרידענער און געדאנקט דעם אויבערשטן פארן מסחר וואס ער האט געשלאסן, און אבגעמאכט ביי זיך, אז ווען השי״ת וועט העלפן און דאס מסחר וועט גוט אוועקגיין, וועט ער א טייל פון דעם ריוח צולייגן צו די געלדער פון די אלמנות און יתומים, א דאנק וועלכע ער האט געקענט צוקומען צום מסחר.

— אזא עהרליכער איד איז דאס געווען דער דאזיגער חסיד — האט דער ריזשינער מיט התפעלות אויסגערופן צום סקאלער רב.

אבער דעם רב איז דער קאפ דערצו נישט געלעגן, די הויט האט אויף איהם געברענט און ער האט זיך כסדר געווישט דעם שווייס פון פנים.

— איך זעה, אז איהר איילט זיך, סקאלער רב, איהר איילט זיך אוודאי צו גיין אין שוהל אריין, דער עולם ווארט שוין דארט געוויס אויף אייך. עס איז שוין טאקע שפעט, אבער פארפאלן סקאלער רב, איהר מוזט אויסהערן די גאנצע מעשה, ווייל עס האנדלט זיך אין א גרויסן און וויכטיגן ענין, אין א דין תורה.

— דער דאזיגער גובערנאטאר, מיט וועמען דער חסיד האט געדארפט א דורכשמועסן דעם מסחר, איז אבער געווען א גרויסער שונא ישראל, און וויסנדיג אז דער אונטערנעהמער איז א חסידישער איד, זעהר א פרומער, האט ער בכיון בעשטימט דעם טאג פון שמועסן וועגן דעם מסחר אויף שבת.

דערהאלטנדיג, דעם בריף מיטן בעשטימטן טערמין, איז דעם חסיד

פינסטער געווארן אין די אויגן. אין איילעניש, האט ער ביים אריינטראגן דעם שריפט פערגעסן, ווי ער האט זיך תמיד געפיהרט, אויסצורעדן זיך, אז קיין שום רייד וועגן עסקים ווערן נישט געטאהן שבת. איצט שרייבט צו איהם דער שונא ישראל, דאס אויב ער וועט נישט קומען שבת ווערט דער מקח בטל, און די איינגעלייגטע געלד פאר די גאראנטי ווערט פערפאלן...

איהר קענט זיך פארשטעלן דעם מצב אין וועלכן דער חסיד האט זיך געפונען. ער איז גלייך אוועק געפארן קיין ווין, זיך משתדל געווען, אנגעווענדעט אלע תחבולות אז מען זאל אפלייגן דאס שליסן דעם מסחר אויף א אנדערן טאג, אבער עס האט גארנישט געהאלפן.

האט ער זיך אנגעהויבן מיישב צו זיין וואס זאל ער דא טאהן. זאל ער לאזן פערפאלן די גאראנטי און שלאגן מיטן גאנצן מסחר א כפרה? — יא, ער האט שטארק געהאלטן דערביי. וואלט די גאראנטי געווען בלויז זיין אייגענע געלד, — וואלט ער זיך אויף א מינוט נישט געוואקלט — א שיינע ריינע כפרה, אבער א גרויסער טייל פון די גאראנטי, בעשטעהט דאך פון ארימע נדן געלד פון אלמנות און יתומים, וואס וועלן בלייבן אומגליקליך אויף זייער גאנצן לעבן, ווי אזוי קען ער נעמען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט פאר אזוי פיהל נפשות, וואס וועלן צוליב דעם ליידן דחקות?...

זאל ער זיך אבער שטעלן צום טערמין — ג־ט שטראף מיך נישט פאר די בלויזע מחשבה — אזוי פיהל יאהרן נישט גערעדט וועגן מסחר אום שבת, בייגעשטאנען אזוי פיהל שווערע נסיונות, זאל ער היינט אנדערש טאהן, צוליב וואס? צוליב געלד?...

איז געבליבן ביים חסיד, אז עס זאל געשעהן וואס עס וויל, ער שלאגט אלץ פאר א כפרה, און ער וועט זיך נישט שטעלן צום טערמין, ער פערלאזט זיך אויף ג־ט, און וואס ער וויל זאל ער מאכן.

פלוצלונג האט זיך איהם פארגעשטעלט אין זיין פאנטאזיע, אז ער קומט אהיים צו זיך אין שטאדט אריין, אין שטאדט איז א קאכעניש, א

רעדעניש, זיין הויז איז בעלאגערט מיט ארימע אלמנות, מיט זייערע פיצלאך קינדער, א געשריי, א געוואלד, איינער שרייט איבער דעם אנדערן: גזלן, רוצח, רויבער, גיב אפ מיין געלד, מיין ארעמע פאר טאלער, דעם נדן פון מיין עלנדע יתומה, זי וועט דאך אויף אייביג פערזיצן...

עס לויפן איהם נאך ארעמע יתומים׳לאך, רייסן איהם ביי די פאלעס און שרייען צו איהם: מערדער, דו האסט אונז אבגעשאכטן, מיר וועלן מוזן ווערן שלעפער׳ס, פערברעכער׳ס, אלץ דו, ווייל דו האסט אונזער ביסל געלד פערתכלעוועט!

די דאזיגע שרעקליכע בילדער האבן שוין דעם חסיד אינגאנצן דערדריקט, ער האט שוין מעהר נישט געקענט אויסהאלטן... זייענדיג בטבע א גרויסער בעל רחמנות, וואס איז שטענדיג גרייט זיך מקריב צו זיין פאר אידנס וועגן, האט ער ביי זיך בעשלאסן, אז ער שטעלט זיך צום גובערנאטאר, ס׳איז דאך נישט חלילה קיין חילול שבת, נאר בלויז עטליכע דבורים, ער נעמט אויף זיך דעם גרעסטן עונש אבי ער זאל נישט אומגליקלאך מאכן אזוי פיהל אומגליקליכע יתומים.

און אזוי איז טאקע געשעהן.

★

— ביז אהער איז דער סיפור המעשה — האט דער הייליגער ריזשינער פערענדיגט — איצט פרעג איך אייך, סקאלער רב, פסקנ׳ט מיר, צו קען מען דעם חסיד בעטראכטן פאר א אונס, און מיר האבן דאך א קיימא לן אז ״אונס רחמנא פטריה״ (אויב עמיצער איז געצוואונגען צו טאהן א עבירה, פטר׳ט מען איהם פון שטראף) און דער חסיד דארף נישט דערפאר באשטראפט ווערן, בפרט נאך ווען ער האט אויף דעם דאזיגן חטא אויפריכטיג תשובה געטאהן. — אדער איהר האלט, אז דער חסיד געהער נישט צו דער מדריגה, ווייל סוף כל סוף, האט זיך דאך געהאנדלט וועגן דיני ממונות, אין געלד זאכן, און דער כלל אונס רחמנא פטריה, איז אויף דעם אופן נישטא, אין דעם פאל קען דער חסיד נישט בעטראכט ווערן פאר א אונס.

האט זיך אנגעהויבן צווישן די צוויי גדולים א שקלא וטריא. דער סקאלער רב האט שוין פארגעסן, אז מען ווארט אויף איהם אין שוהל. ענדליך האט דער רב ארויס געטראגן דעם פסק, אז עס הייסט יא א אונס, מחמת ער האט דאך דאס געטאהן נישט צוליב דעם אייגענעם נוצן, נאר צוליב רחמנות אויף די אלמנות און יתומים, וואס וואלטן זיכער דערפון געליטן, און מי יודע, צו עס וואלט ביי די אביונים נישט דערפיהרט צו דיני נפשות. הכלל, דער חסיד איז געוועזן א אונס און ער איז פטור.

ווי נאר דער סקאלער רב האט ארויסגעטראגן דעם פסק, האט דעם הייליגן ריזשינער׳ס פנים אויפגעלויכטן. ער האט אנגעחאפט די האנד פון אלטן רב און מיט שמחה אויסגערופן:

— איהר זענט דאס דער דיין אויף וועמען די הייליגע גמרא זאגט: כל דיין הדן דין אמת לאמיתו נעשה שותף להקב״ה. יא, איהר זענט עס דער ריכטיגער דיין אמת, דאס בית דין של מעלה האט אפילו אויך מסכים געווען צו אייער פסק. יעצט געהט געזונטערהייט צו קבלת שבת.

שפעטער האט מען זיך דערוואוסט, אז דער דאזיגער איד איז געוועזן א ריזשינער חסיד, וועלכער איז שוין געוועזן אויפן עולם האמת, און אט דעם פרייטיג האט מען דן געוועזן די נשמה, און די נשמה האט זיך געפונען אין א גרויסן קלעם. ביז זי האט זיך בעפרייט פרייטאג פארנאכט, ווען די דינים אין הימל ווערן בטל צוליב קדושת השבת, און איז געקומען צו לויפן צום הייליגן ריזשינער, וועלכער איז גראד געוועזן אין מקוה, אז דער רבי זאל איהם טאהן א טובה, האט דער רבי פארשטאנען, אז נאר א פסק פון א רב א גדול, קען זיין א תיקון פאר דעם חסיד׳ס נשמה, האט ער געשיקט נאך דעם סקאלער רב, ארויס בעקומען פון איהם דעם געהעריגן פסק און געטאהן א טובה זיין פערשטארבענעם חסיד.

ווען ער האט געענדיגט די דאזיגע מעשה, האט דער סאדיגערער רבי זצ״ל צוגעגעבן:

— צו זיין א אמת׳ער דיין איז גאנץ שווער. אבער צו זיין אמת׳ער גוטער איד איז נאך שווערער.

דער חלום פון דאקטאר

צווישן די גרויסע דאקטוירים פון דער שטאדט וויטעבסק איז אויך געווען גערעכנט דאקטער ליבערמאן. דער דאזיגער דאקטער אויסער וואס ער איז געווען א גרויסער ספעציאליסט אין רפואה, וועלכער האט "גוט געוואוסט א קריינק", איז ער אויך געווען א גרויסער ירא שמים, ער האט אכטונג געגעבן אין א מצוה קלה אזוי ווי עס וואלט געווען די הארבסטע. אויך איז ער געווען א יודע ספר, ער האט גוט פערשטאנען אפלערנען א שטיקל גמרא, און צווישן מנחה און מעריב, בשעת אידן זיינען געזעסן און געלערנט פערשידענע שיעורים פון משניות, גמרא, עין יעקב, הלכה א.א.וו. איז ד"ר ליבערמאן געווען דער שיעור זאגער ביי איהם אין שוהל.

וויבאלד ער איז געווען זייער פרום, פלעגט ער אכטונג געבן דאס בשעת מען פלעגט איהם רופן שבת צו א קראנקן, נישט גיין סיידן עס איז געווען א שאלה פון פקוח נפשות, אדער טאקע אזא קראנקן וועלכער מוז בעקומען א בעזוך, אויך דאן פלעגט ער זיך אויסמיידן פון צו פאהרן, נאר ער פלעגט גיין צו פוס. ער האט געהאט אנגעגרייט פון ערב שבת געדרוקטע פירמעס, און בשעת ער פלעגט גיין שבת אויף א וויזיט, האט ער מיטגענומען א יונגן שייגעץ וועלכער האט אויך געקענט שרייבן לאטיניש. דער גוי פלעגט איהם אויך אונטערטראגן די געצייג און די אנדערע מוקצה זאכן און ער פלעגט אויפשרייבן דעם רעצעפט ווי אזוי דער דאקטער האט איהם געהייסן.

עס איז געווען שבת נאכמיטאג, נאכדעם וואס מען האט שוין געדאווענט שחרית און געענדיגט די שבת'דיגע סעודה. דאקטער ליבערמאן האט נאך דעם אביסל מעיין געווען אין די מפרשי התורה פון די סדרה און זיך צוגעלייגט אביסל שלאפן. חלומט זיך איהם ווי עס קומט צו איהם א איד א בעל צורה און זאגט איהם:

— איהר זאלט וויסן, הער דאקטער, דאס עס קען טרעפן מען זאל אייך רופן שבת צו א קראנקן און אויב איהר וועט זיך אויסמיידן פון צו פאהרן אויף א וואגן קען עס אמאל זיין צו שפעט, בעזונדערס אויב עס איז אביסל א ווייטערן ארט פון אייער וואוינונג. נעמט אייך דאס גוט אין באטראכט.

דער איד איז באלד פארשוואונדן געווארן.

דער דאקטער האט זיך אויפגעחאפט פון שלאף א צוטומלטער, נישט וויסנדיג ווער דער איד איז, נישט קענענדיג איהם, און נישט האבנדיג קיין באגריף וואס דער חלום מיינט. עס איז נישט אריבער קיין האלבע שעה און מען קלאפט אין טהיר. די דינסט האט געעפנט און געזעהן שטיין א אידן ביי דער טהיר. אויף איהר פראגע וועגן וואס ער איז געקומען, האט דער איד געענטפערט, דאס ער וואוינט נישט ווייט פון וויטעבסק, און ער מוז נויטיג האבן דעם דאקטער.

— אבער איהר ווייסט דאך געוויס — האט די דינסט געזאגט — דאס דער דאקטער בעזוכט זייער ווייניג שבת, און ער נעהמט כמעט נישט אויף קיין פאציענטן.

— איך ווייס דערפון — האט דער איד געענטפערט — און דעריבער קענט איהר טאקע פארשטיין ווי נויטיג איך מוז זעהן דעם דאקטער.

די דינסט האט איבערגעגעבן די ווערטער און דער דאקטער ליבערמאן האט איהר געהייסן איהם אריין לאזן.

ווען דער איד איז אריינגעקומען, האט ער דערציילט דעם דאקטער, אזוי ווי ער האט א טאכטער, און שוין עטליכע וואכן וואס זי איז נישט געזונד. אין אנהויב האט ער עס נישט אנגענומען אזוי ערנסט, ער איז געוועזן ביי פשוטע דאקטוירים און גענומען זייערע מעדיצינען, אבער די לעצטע טעג איז דער מצב געווארן ערנסטער און יעצט איז עס גאר ערנסט, דעריבער בעט ער דעם דאקטער ער זאל שוין גיין מיט איהם און בעזוכן די קראנקע.

דער דאקטער וואס איז נאך געווען אביסל דערשראקן פון זיין חלום, האט יעצט געזעהן אז עס איז טאקע אין דער ווירקליכקייט, האט ער באלד געהייסן שפאנען דעם וואגן און תיכף געפאהרן. די נסיעה האט געדויערט איבער א שעה. ווען דער דאקטער איז אנגעקומען ביים קראנקן און איהר בעטראכט, האט זיך טאקע ארויסגעוויזן, דאס ווען זיי וואלטן זיך געלאזט גיין צופוס אדער ווארטן ביז אוונד וואלט עס שוין געווען צו שפעט.

דאקטער ליבערמאן איז שוין דארטן פערבליבן ביז ביינאכט. ער האט איהר באלד געגעבן פערשידענע מעדיצינען און געזעהן ווי עס גייט צו בעסערס. ביז עטליכע טעג איז זי אינגאנצן בעסער געווארן.

דעם דאקטער איז אבער נישט ארויס פון קאפ דאס געשטאלט פון דעם אידן וועלכער האט זיך בעוויזן צו איהם אין חלום, ער האט איהם ביז דאן קיינמאל נישט געזען און האט בשום אופן נישט געקענט דערגיין ווער דאס קען זיין.

מאכט זיך אמאל און ביים ליובאוויטשן רבין, דער צדיק הרש״ב זצ״ל, איז איינער פון זיין הויז געזינד נישט געזונד געווארן. האט מען בעשלאסן אין הויף צו שיקן נאך דאקטער ליבערמאן. מען האט איהם טעלעגראפירט און יענער איז באלד אראפגעקומען. ווען דער דאקטער האט בעמערקט אין הויף דעם רש״ב זצ״ל, האט ער זיך זייער דערשראקן. ער האט אין איהם דערקענט דעם אידן וועלכער האט זיך צו איהם בעוויזן אין חלום יענעם שבת. נאכדעם וואס ער האט באהאנדלט דעם קראנקן, און דער רש״ב האט זיך מיט איהם געזעגנט, האט ער געפרעגט דעם צדיק ער זאל איהם באשיידן דעם חלום, ער האט איהם דערציילט דעם דעמאלסדיגן שבת׳דיגן חלום.

דער רש״ב זצ״ל, האט זיך אביסל פערטראכט, דערנאך האט ער זיך אנגערופן:

— פון דעם חלום ווייס איך נישט, נאר דאס איז געווען א עצה, האט מען פון הימל געפיהרט עס זאל ווערן אויסגעפיהרט ווי געהעריג.

נהנה זיין פון מעשה שבת

ווען ר׳ יונה לייב מענדלזאן ז״ל איז נאך געווען א בחור, איז ער געווען זייער חשוב אין די אויגן פון דעם גאון דער חתם סופר זצ״ל, דאס גלייכן איז ער אויך געווען זייער חשוב ביי די אלע שטאדט מענטשן און מען האט איהם שטארק מכבד געווען.

איינמאל, שבת אינדערפרי, ווען מען האט שוין געהאלטן אין מיטן דאווענען שחרית, באמערקט מען אז יונה לייב איז נישטא אין שוהל.

יונה לייב איז געווען א מדייק און פלעגט שטענדיג קומען אין שוהל צו דער צייט, וואס זשע איז דא היינט פלוצלונג געשעהן ער זאל נישט קומען. איז עס געווארן אויפפאלענד פאר די נעהנטערע צו איהם, און זיי זענען אוועק צו איהם אין צימער זעהן וואס מיט איהם האט פאסירט.

קומענדיג נאנט צו זיין וואוינונג, האבן זיי דערהערט זיין שטימע ווי ער זיצט און לערנט בהתמדה, זענען זיי געווארן נאך מעהר פארוואונדערט, האט ער דען פארגעסן אז עס איז שוין זמן תפלה אין שוהל? וואס פלוצלונג האט ער זיך היינט אזוי פארלערנט?!

אריינקומענדיג אינווייניג ביי איהם אין צימער זיינען זיי געווארן נאך מעהר ערשטוינט. יונה לייב איז געזעסן מיט פארבונדענע אויגן און זיך געלערנט גאנץ געשמאק אויף אויסנווייניג.

וואס איז דא געשעהן?

נאכדעם ווי זיי האבן זיך מיט איהם צוזאמענגערעדט, איז דער רעטעניש ענטשיידט געווארן. די מעשה איז אזוי געווען. יונה לייב, איז ווי זיין שטייגער געזעסן פרייטאג צו נאכטס און געלערנט. איז אריין אין צימער די גויאישע דינסט עפעס נעמען, ווען זי האט באמערקט אז די

ליכט גייען באלד אויס און עס גייט ווערן טונקל, און דער בחור וויל נאך ווייזט אויס ווייטער לערנען, איז זי אוועק און באלד געברייננגט א לאמפ, עס אנגעצונדן און אוועקגעשטעלט אויפן טיש וואו יונה לייב איז געזעסן און געלערנט.

ר׳ יונה לייב, וועלכער האט נישט געוואלט נהנה זיין פון מעשה שבת וואס די גויע האט געטהון דירעקט פאר איהם, האט גענומען א טיכל, זיך פארבונדן די אויגן און זיך געזעסן און געלערנט אויף אויסנווייניג, וויבאלד זיינע אויגן זענען געווען פארבונדן, האט ער נישט באמערקט אז עס איז שוין טאג געווארן, ער האט זיצנדיג און לערנען נישט געפיהלט ווי די צייט איז שוין אריבער און עס איז שוין שפעט אויפן טאג.

דאס איז געווען די אורזאך וואס יונה לייב איז יעצט געזעסן מיט פארבונדענע אויגן און געלערנט און דערפאר האט ער געשפעטיגט צו קומען אין שוהל צום דאוונען.

שבת — א מתנה

דעריבער ווערט דער שבת אנגערופן א מתנה: ״מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה״ — ווייל א מתנה ווערט גערופן א פארמעגן וואס מען באקומט נישט לויט די ארבעט.

— אויך דער שבת איז אזוי, וויפל א מענטש וועט זיך צוגרייטן צו אויפנעמען דעם שבת, וועט די קדושה פון שבת שיינען אויף איהם פיהל מעהר ווי זיינע צוגרייטונגען.

(דער אפטער רב זצ״ל)

מעין עולם הבא

ווען א מענטש וויל וויסן ווי אזוי עס וועט אויסקוקן זיין עולם הבא, קען ער עס זעהן ווי אזוי דער שבת קוקט אויס ביי איהם, ווייל שבת איז מעין עולם הבא.

(דער קראסנער רבי)

פינסטערע ליכט

דער צדיק ר׳ נחום פון טשערנאבל זצ״ל האט זיך געפיהרט אנצוצינדן אויף פרייטיג צו נאכט גרויסע ליכט וואס זאלן ברענען א גאנצע נאכט, כדי ער און זיינע תלמידים זאלן האבן ביי וואס צו לערנען.

איינמאל ווען ר׳ נחום איז נאך נישט געווען אין הויז, האט איימיצער געעפענט די טהיר, האט א בלאז געטאהן א ווינט, און די ליכט האבן זיך אויסגעלאשן. די בני בית האבן באלד געשיקט רופן דעם גוי און איהם געהייסן צוריק אנצינדן די ליכט.

ביי נאכט ווען ר׳ נחום איז אהיים פון שוהל, האבן די תלמידים — צו זייער גרויס איבערראשונג — בעמערקט, אז דער צדיק גייט, ווי ער וואלט געטאפט אין דער פינסטער.

— וואס איז געשעהן, רבי? — האבן די תלמידים געפרעגט דערשראקן, מורא האבנדיג, דאס אפשר איז ער, חלילה בלינד געווארן.

— עס איז אין צימער אזוי פינסטער, ממש א טריט נישט צו שטעלן — האט דער צדיק געזאגט.

— רבי, וואס איז מיט אייך, עס ברענען דאך די ליכט! — האבן די תלמידים אויסגערופן.

— ווייזט אויס דאס מען איז בעגאנגען ביים אנצינדן זיי א עבירה, און דעריבער לייכטן זיי נישט פאר מיר — האט ער געזאגט און האט ווייטער געטאפט, ווי אין צימער וואלט געווען פינסטער.

— לאמיר אריינגיין אין צווייטן צימער — האט ער געזאגט צו זיינע תלמידים — דא וועלן מיר גארנישט קענען זעהן.

— אין צווייטן צימער איז דאך אבער פינסטער?! — האבן זיי זיך געוואונדערט.

— דארטן איז ליכטיג! — האט ר׳ נחום פערזיכערט, און האט אנגעהויבן גיין אין צווייטן צימער, און די תלמידים, פערוואונדערט, נאך איהם.

ווען זיי זיינען אריין אין צווייטן צימער, האבן די תלמידים זיך געפונען אין דער פינסטער. ר׳ נחומ׳טשע האט זיי אבער געהייסן עפענען די ספרים און אריינקוקן אין זיי, ווי זיי וואלטן געוועזן אין דער ליכטיג. ער אליין איז געווען דער ערשטער וואס האט געעפנט א ספר און די תלמידים האבן איהם נאך געטאהן. און א וואונדער איז געשעהן, חאטש דער צימער איז געווען אומבעלויכטן, האבן זיי אבער אלע געקענט זעהן דייטליך יעדן אות, ווי עס וואלט געווען אין מיטן העלן טאג.

דער שבת — א רפואה

צום באבאווער רבין, הצדיק רבי בן ציון האלבערשטאם זצ״ל, איז אמאל געקומען א פרוי פון דער שטעדטל קשאנוב און זיך פארקלאגט פאר איהם וועגן איהר מאן, וועלכער האט זיך זייער שטארק ארייגעלאזט אין רויכערן, עס איז ממש נישט אויסצוהאלטן פון איהם, א גאנצן טאג האלט ער אין איין רויכערן, קוים ווערט ער פארטיג מיט איין ציגאר, צינדט ער באלד אן א צווייטע, א דריטע א.א.וו. די דאקטוירים ווארנען אז עס וועט איהם ענדליך ברעכן זיין געזונד־צושטאנד און ער וועט ח״ו צוזאמענפאלן. זיי האבן שוין מיט איהם פיהל גערעדט, ערקלערט, אויסגערעדט, אבער די ווערטער קריכן איהם נישט אין אויער, ווילן זיי יעצט פרעגן דעם רבין וואס צו טהון.

— און וואס טהוט ער ביינאכט — פרעגט דער רבי — ווען ער שלאפט?

— ער לייגט א ביינקל נעבן זיין בעט — דערציילט די פרוי מיט פארביטערטקייט — אויף וועלכן עס ליגט גרייט ציגארעס מיט שוועבלאך, און ווי נאר ער כאפט זיך אויף, אזוי צינדט ער באלד אן דעם ציגאר צו רויכערן.

— און וואס איז מיט שבת? — פרעגט ווייטער דער רבי.

— ווען עס קומט שבת — זאגט ווייטער די פרוי — און ער וועקט זיך אויף פון שלאף, אזוי זוכט ער באלד דעם ביינקל מיט די ציגארעס, אבער וויבאלד ער זעהט עס נישט נעבן זיין בעט, דערמאנט ער זיך אז עס איז שבת און ער ווערט בארוהיגט און שלאפט ווייטער.

— אויב אזוי — רופט זיך אן דער רבי — האב איך פאר אייך א עצה: ערב שבת זאלט איהר אוועקלייגן אויף א ביינקל די ציגארעס מיט שוועבלאך, איהר זאלט אויך אוועקלייגן אויף דעם בענקל א ספר מען זאל מעגן מטלטל זיין דעם ביינקל, דערנאך, פרייטאג צו נאכטס, ווען אייער מאן וועט זיך לייגן שלאפן, זאלט איהר אונטערשטעלן דעם ביינקל נעבן זיין בעט, און איינער זאל אויפפאסן פון דער זייט די סעקונדע וואס ער וועט זיך אויפוועקן, ער וועט דאך געוויס אויסשטרעקן זיין האנד צום ביינקל און וועלן נעמען א ציגאר, זאל מען גלייך אנשרייען אויף איהם: שבת! שבת! און מיטן אויבערשטנס הילף וועט ער בעסער ווערן.

און אזוי איז טאקע געווען. ווען עס איז געקומען שבת, האבן זיי געטהון פונקט ווי דער רבי האט זיי באפוילן, און ווירקליך איז טאקע אזוי געשעהן. דער מאן האט זיך אויפגעוועקט און געוואלט זיך צוכאפן צום ציגאר. אבער פון דעם געשריי: שבת! האט ער זיך צוריקגעצויגן. ער איז פון די מעשה זייער צוטרייסלט געווארן און זיך גענומען בארעכענען ווי ווייט ער איז פארקראכן און ווי ווייט דאס רויכערן ציגארעס קען צובריינגען. ער האט באלד באשלאסן מעהר קיין ציגאר נישט נעמען אין מויל. ער איז ווירקליך געגצליך געהיילט געווארן פון זיין קראנקע געוואוינהייט, ווי דער רבי האט פארשפראכן.

פערטער קאפיטל: **סועדים בו לברך**

צוריק א ברודער

פארשעמען א אורח

קידוש אויף חלה

ווייַן אויף קידוש

נשמות אין די פיש

פערטער קאפיטל

סועדים בו לברך

צוריק א ברודער

צוויי לייבליכע ברידער, פון איין טאטע־מאמע, אבער דאך זיינען זיי אזוי אנדערש איינער פון צווייטן; פונקט ווי צוויי עפל פון איין בוים, און איינער וואקסט אויס שיין, זאפטיק און געשמאק — און דער צווייטער איז גרין און זויער. נו, אוודאי קען עס אויך אזוי געשען צווישן מענטשן. אט ווי, למשל, יעקב און עשו אמאל — אט אזוי איז געשען מיט שלמה און מאטל שיינזאלץ.

שלמה האט זיך גענומען רופן סאלאמאן און געווארן איז ער פריער א "בונדיסט" אין רוסלאנד און שפעטער א רייכער פאבריקאנט אין אמעריקע. געררויכערט האט ער גאר פראקטיגע דיקע, טייערע ציגארן, ארומגעפארן אין א ווייסן אויטא און איז יעדן ווינטער געפארן צום ווארעמען ים־ברעג. ער האט זיך שוין געהאט זיין ווייכן פורפורענעם פאטעל אין סאמע מזרח פון א גרויסן "טעמפל" (עפעס א קלייניגקייט? א וויצע־פרעזידענט!); ער האט אנגעפירט מיט זיצונגען פון זיין גרויסער לאנדסמאנשאפט, און ער האט דורכגעפירט א סך פייערליכע "דינערס", "יובילעאומס" און אלערליי אונטערנעמונגען אין רייכע זאלן — ווי דער שטייגער פון אזעלכע רייכע געשעפטס־לייט. דערצו האט ער אויך געהאט א באוואוסטן פסיכיאטאר פאר זיין ווייב, וואס האט שטענדיק עפעס געוואלט, און אליין ניט געוואוסט גענוי וואס; און זיכער האט ער זיך געקענט פארגינען צו האבן א גוטן אדוואקאט (לאיער), וואס האט אים געהאלפן פארגלעטן אלע שאדנס וואס זיינע צוויי יונגע זין האבן אנגעטאן צו די שכנים און אין דער שולע. און צו דעם אלעם האט א אלטער געוועזענער ריכטער באזוכט יעדע וואך זיין רייכע ביורא און האט אים געגעבן עצות ווי אויסצומיידן סקאנדאלן אין זיין שטוב.

זיין ברודער האט אט־די אלע זאכן נישט געהאט, און גערופן האט

מען אים ר׳ מרדכי־בער. ער האט פארמאגט א גרויסע באָרד, א סך תורה אין קאפ און א פולע ווארעמע אידישקייט אין הארצן. יא, אויך צרות און יסורים צוליב זיין פרומקייט האט ער געהאט אן א שיעור: פריער אין א רוסיש שטעטל פאר דער מלחמה, דערנאך א פארשיקטער אין סיביר און שפעטער די ליידן אין דער צייט פון דער מלחמה. מיט זיין ווייב און דריי קליינע קינדער האט ער זיך דערקליבן צו א פארשטעטל פון פאריז — דאס איז שוין געווען נאך דער מלחמה. און טאקע אין אט־דעם שטעטל האבן זיך די צוויי ברידער ווידער באגעגנט, נאך אזויפיל יארן און נאך אזויפיל איבערקערענישן.

ווי נאר סאלאמאן האט פון ערגעץ זיך דערוואוסט, אז אין אייראפע וואלגערט זיך זיינער א ברודער מיט זיין פאמיליע, האט ער גענומען רודערן. ס׳איז אים געבליבן לעבן נאר איין ברודער פון דער גאנצער משפחה! האט ער אין איינעם א פרימארגן אנגעפאקט עטליכע רענצלעך מיט אלעס בעסטן און אין אוונט האבן זיינע פריינט אים איינגעארדנט א פייערליכן צאתך־לשלום. ניט געקוקט וואס דאס ווייב האט גאר געוואלט מ׳זאל פארן פונקט דאן אין אורוגוואי, און די זין האבן געמאכט א געוואלד, אז ער מוז מיט זיי פליען צו די שניי־בערג — האט סאלאמאן זיך ארויסגעריסן און איז אפגעפלויגן קיין אייראפע. פארט א ברודער!

אריינגעפארן אין שטעטל איז סאלאמאן פונקט ערב־שבת פארנאכט. ער האט באלד באשטעלט דעם בעסטן צימער אין דעם איינציגן האטעל פון שטעטל. ער האט זיך ארומגעוואשן, אפגערוט. דעם ברודער האט ער אפילו ניט געלאזט וויסן אז ער קומט. נו, זאל עס זיין א סיורפריז. ער וועט אין זיין ברודערס הויז שוין איינמאל אריינברייננגען א שמחה! ער וועט זיי אויסקליידן, ער וועט זיי באלד נעמען אין א רייכן רעסטאראנט אין פאריז — און זאלן זיי פארזוכן א לעבן! גאר גיך וועט ער זיי אריבערנעמען אין אמעריקע — און זיי וועלן זיך ״אויסגרינען״. זאל ער, דער ברודער זיינער, נאר זיין א מענטש! ער וועט... ער האט א סאך פלענער פארן ברודער מיט זיין פאמיליע.

אזוי האט סאלאמאן געטרוימט און געפיפקעט זיין גרויסן ציגאר מיט

אויפגערודערטקייט און דערוואַרטונג. ער איז אַרויס אין גאַס מיט איין רענצל און זיך געלאָזט שפּאַצירן צופוס. ווען ער האָט זיך דערפרעגט דעם אַדרעס פון זיין ברודערס וואוינונג, איז שוין געווען שפּעטלאַך אין אָוונט. דעם ברודערס שטיבל איז געווען אַזוי קליין און אַלט, אַז אין אַמעריקע וואָלט מען פאַרבאָטן צו וואוינען אין אַזאַ חורבה. האָט סאַלאָמאַנען דאָס האַרץ פאַרקוועטשט: "נו, אינגיכן, און טאַקע מאָרגן, וועט ער שוין זיין ברודער אַריבערפירן אין אַ מענטשליכער וואוינונג" — אַט אַזוי האָט סאַלאָמאַן צום לעצטן מאָל אָפּגעמאָסטן דאָס הייזקע מיט בייזקייט און אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— "ע... מיסטער שיינזאַלץ — היר, דאַ?" — האָט סאַלאָמאַן געפרעגט ביי אַ קליין מיידעלע וואָס האָט געעפנט די טיר. באַלד איז צוגעקומען אַ איד מיט אַ באָרד: "יאַ, יאַ, דאָס בין איך שיינזאַלץ, קומט אַריין!"

סאַלאָמאַנען האָט גענומען דרייען אין קאָפּ. אויף אַ ווײַלע איז ער געבליבן ווי אַ שטומער און שטאַרק צוטומלט: עפּעס איז דאָ אַ טעות! איז דאָס זיין ברודער?... ער האָט זיך איינגעקוקט אין יענעמס פּנים. ווער ווייסט? האָט ער זיך פּאַמעלאַך אַריינגעשאַרט אין הויז. אין דער ליכטיגקייט איז שוין ביי אים קיין צווייפל ניט געווען: יאַ, ס'איז דער ברודער. ער איז דאָך אַזוי שטאַרק ענליך צום טאַטן. נו, גיי ווייס, אַזאַ בראָך! אַזאַ ברודער! אַ אַלטמאָדישער אָרטאָדאָקס... ווען איך וויים פריער, האָט זיך אים געבאָמבלט אין געדאַנק.

סאַלאָמאַן האָט אויף דער גיך "אָפּגעקאַכט" אַ מעשה, אַז ער איז אַ אַמעריקאַנער טוריסט, ער איז פאַרקראָכן דאָ אין שטעטל און ער וויל האַלטן שבת אין אַ אידישע שטוב. ער וועט גוט באַצאָלן".

— "בכל הכבוד, מיט גרויס פאַרגעניגן" — האָבן זיך אָפּגערופן מאָטל־בער מיט זיין ווייב. — און וועגן געלד וואָלט איך אפילו אין דערוואַכן אויך ניט געוואָלט הערן" — האָט מאָטל־בער צוגעגעבן. און מאַן און ווייב האָבן גענומען אַרומהאָווען אַרום דעם אורח.

דער צימער איז געווען אַ קליינער, אָבער פול מיט היימישקייט און

מיט א מאדנעם שלווה־געמיט. אויפן טיש איז געווען אויסגעשפרייט א ווייסער טישטוך — עפעס אזא פשוטע ציכטיקייט האט סאלאמאן שוין גאר לאנג ניט באמערקט. אויך די וועגט זיינען געווען אזוי פראסט און לויטער ווייס. פינף קליינינקע לייכטערלאך מיט אנגעצונדענע ליכטעלאך האבן געלויכטן אין סאמע מיטן טיש. די צוויי קופערנע לייכטערלאך האבן געפינקלט ווי גאלד און אפילו די איבעריגע דריי בלעכענע "לייכטערלאך" האבן געפינקלט. "און אפשר פינקלט מיר אין די אויגן?" האט סאלאמאן געטראכט, ווייל עפעס האט דא פון אלע זייטן געפינקלט: די שווארצע אויגעלאך פון די דריי קינדער האבן געשיינט מיט פייערלאך; דעם ברודערס גרויסער שטערן איז געווען לויטער־ליכטיג; און אלץ האט אזוי ווי אפגעשפיגלט די שטראלן פון די פינף קליינע ליכטעלאך.

מאטל־בער האט איינגערעדט דעם אורח, ער זאל מיט זיי צוזאמען עסן די שבת־וועטשערע. האט סאלאמאן זיך אומבאקוועם אוועקגעזעצט ביים טיש און געוואלט גלייך ארייַנשטעקן א ציגאר אין מויל, ווי זיין שטייגער אין אויפגערעגטע מאמענטן. אבער דאס קליינע מיידעלע האט אויף אים אנגעשטעלט אזעלכע צוויי גרויסע אויגן — אז ער האט זיך באלד געכאפט און פארשטעקט דעם ציגאר צוריק אין קעשענע. ווען דער ברודער מיט די צוויי אינגלאך האבן גענומען זינגען "שלום עליכם" — האט זיך פאר סאלאמאנען פלוצים אזוי ווי צעפנט די ווייסע וואנט און פון דארט איז אים ארויסגעשוואומען דער שבת־טיש פון דער קינדערשער היים...

די שוועגערן האט גענומען גרייטן צום טיש און מיט אזא יום־טוב'דיגער געמיטליכקייט, אז עס האט סאלאמאנען גענומען גלעטן ביים הארץ. קליינינקע שטיקלאך פיש אויף פראסטע טעלער האט זי אויסגעשטעלט פאר אלעמען — און אלע קינדערלאך האבן צוריק־געקוקט בשעת־מעשה מיט ווארעמע און דאנקבארע בליקן. און דאס קליינע מיידעלע האט צוגעפליסקעט מיט די הענטאלאך און צוגעזונגען: "שבת'דיקע פישאלאך, שבת'דיקע פישאלאך — אוי, זיינען זיי געשמאק! שבת'דיקע..." דא האט זי זיך פארהאקט, ווען זי האט באגעגנט סאלאמאנ'ס מאדנע בליקן. סאלאמאנען האט זיך פלוצים פארוואלט

דערציילן זיי אלעמען, אז ער איז זייער פעטער, דעם טאטנס א לייבליכער ברודער. אבער ווי וועלן זיי זיך צו אים דאן באציען? ווי אזוי וועט עס אויסזען דעמאלט? האט ער זיך אליין איינגעשטילט.

דאס דאזיגע מיידעלע האט פון צוטומלניש זיך ארויפגעזעצט אויפן שטול אויבנאן. אבער דא איז פלוצים צוגעלאפן דער ברודער מיט א דראענדיקן פינגער: ״וואס טוסטו? וואו זיצסטו?!״ דאס מיידעלע האט זיך געגעבן א ריס פון ארט און אירע גרויסע אויגן אנגעשטעלט אויפן טאטן — און אט־אט ווערן זיי פייכט. האט דער טאטע ליבלאך געגלעט דאס שווארצע קעפל, וואס האט זיך אין אים איינגעטוליעט מיט א מין מחילה־געבעט און דער טאטע האט געזאגט: ״נעם זיך ניט צום הארצן, טאכטערקע, איך ווייס אז דו ביזט א גוטע אידישע טאכטער״.

אלע האבן זיך געוואשן און סאלאמאן אויך. מאטל בער האט אראפגענומען דאס חלה־טישטאכל פון די צוויי חלות, צוויי קליינע אליין־געבאקטע חלה׳לאך זיינען עס געווען, אזעלכע ראזלאכע, מיט פינף קליינינקע ״פלעכטאלאך״ איבער יעדער חלה. אלע ארום שטייען אויסגעגלייכטע, מיט פרומע אויגן — אפילו דאס קליינע מיידעלע האט אזעלכע פארשלאסענע ליפאלאך און ערנסטע ברעמען. אין שטילקייט האט מאטל־בער אנגעהויבן זינגען די ווערטער פון קידוש. די אויגן פארמאכט. און ווען ער האט געענדיקט די ברכה און אלע האבן געענטפערט ״אמן״, האט דאס מיידאלע אויסגעשריען העכער פאר אלע — און דאס געזיכט פון דער מוטער האט זיך פארצויגן אין א נחת׳דיקן שמייכל.

סאלאמאן האט געפילט, אז ער טוט דא א סך זאכן ניט ווי מען דארף. אבער דאס עלטערע אינגל ביי זיין זייט האט אים פיל ״ארויסגעהאלפן״. מיט אזוי פיל איידלקייט האט זיין פלימעניקל אים צוגעשארט דאס זאלץ איינצוטונקען די ״המוציא״ — פונקט ווי ער האט באווארנט, אז דער אורח זאל ניט א טשעפע טאן דעם לייכטער אום שבת און האט דערפאר א זאג געטאן צום אינגערן ברודער: ״פאמעלעך, דו וועסט נאך א רוק טאן דעם לייכטער אום שבת!״

ווען די מאמע איז אוועק אריינברייינגען שבת׳דיקע ווארמע יויך, האט ר׳ מאטל־בער געשטעלט עטלעכע פראגעס דעם אמעריקאנער אורח, אים געמונטערט ער זאל עפעס דערציילן, אבער ביי סאלאמאנען האט זיך אינווייניק געקאכט ווי אין א קאכעדיק קעסל, זאל ער זיך לאזן דערקענען אדער ניט? האט ער עפעס געמורמלט אפגעהאקטע זאצן.

און אט האט סאלאמאן זיך ווידער געוואונדערט און באוואונדערט — אלע ארום טיש האבן שוין די "זופ" פאר זיך — און קיינער נעמט ניט דעם לעפל אין האנט. יא, ער פארשטייט, די קינדער און דער טאטע ווארטן ביז די מאמע האט זיך געזעצט צום טיש. ס׳איז געווען א לאקשן־יויך, אביסל שיטערלאך. אבער סאלאמאן האט קיין לעפל דערפון ניט געקענט אראפשלינגען. ווארום פלוצים האט אים ארומגעכאפט א גרויסער רחמנות־געפיהל אויף זיך אליין, אויף דעם רייכן און אנגעזעענעם געשעפטס־מאן. ווידער האט זיך די ווייסע וואנט צועפנט אנטקעגן און זיין אייגענע רייכע היים אין אמעריקע האט אויפגעטויכט ווי דורך א נעפל:

א "יום־טוב׳דיקע" וועטשערע מיט זיין פאמיליע. אלע קאנדילאברעס לייכטן און פינקלען. דאס ווייב זיצט אבער א פינסטערע, א ברוגז׳דיקע און רירט זיך ניט צו צו די בעסטע געריכטן, פארזוכט ניט דעם נייעם "שאמפיין"־וויין. נאר קיינער ווארט ניט אויף איר. ער אליין האט אויף צו־להכעיס זיין ווייב זיך אנגעגעסן און אנגעטרונקען — און זי האט פון כעס צובראכן א פלאש וויין. די זין האבן אין מיטן דער סעודה ארייינגעשטורעמט, צוהיצטע, מיט צוכראסטעטע ספארט־העמדלאך און אין אפגעקראכענע שמאלע הויזן. איינער האט זיך אוועקגעזעצט... אויפן ברעג טיש און גענומען עסן פון עטלעכע טעלער מיטאמאל. דער צווייטער האט גענומען א שטיק פלייש, א קוק געטאן אויף דער מוטער און א זאג געטאן צום ברודער: "זי איז היינט... אל־רייט". דערנאך האבן זיי ביידע, אן א ווארט, זיך ארויסגעיאגט פון הויז...

א הארציגער ניגון, געזונגען פון זיין ברודער מיט די פלימעניקעס, האט אים אויפגעוועקט. דער ניגון האט געצויגן און אויך אלעמענס אויגן

האבן געצויגן. באזונדערס זיינען אים געקראכן אין הארצן די צוויי גרויסע צושפילטע אויגן פון דער פלימעניצע וואס האבן נאכגעפאלגט זיין יעדן באוועגונג, ווי זיי וואלטן אים געפרעגט אויף שטום לשון, פארוואס איז ער אזוי מאדנע, אנדערש? ער האט זיך ראפטום אויפגעהויבן פון זיין ארט און ער האט ארויפגעלייגט די האנט אויפן ברודערס פלייצע און אריינגעקוקט אין יענעמס פנים מיט מוטנע־מוטנע אויגן. אבער סאלאמאן האט עטליכע מאל געעפנט דאס מויל און דאך ניט געקענט ארויסברייינגען א ווארט.

האט אים מאטל־בער אויך אזוי ארומגענומען, געקושט און געזאגט:

— "שלמה־ברודער מיינער... איך האב דיך גלייך דערקענט... נאר איך האב געווארט ביז דו וועסט זיין גרייט צו דערקענען מיך... צו ווערן נאענט צו מיר, ווערן צוריק מיין ברודער..."

ער דארף נישט קיין עצות

ווען דער חפץ־חיים איז אמאל געוועזן אין דער שטאט לידע, האט ער פרובירט צו ווירקן אויף א אידישן עקספעדיטאר, אז ער זאל נישט מחלל שבת זיין אין זיינע געשעפטן. ער האט געשיקט רופן דעם אידן צו זיך.

דער לידער רב, רבי אהרן ראבינאוויץ, האט דאן פארגעלייגט דעם חפץ חיים: אזוי ווי דער עקספעדיטאר וועט דאך געוויס טענה'ן, אז נישט צו טהון מסחר אום שבת וואלט מיינען פוהלשטענדיגע רואינירונג פאר איהם, איז דעריבער ראטזאם צו באטראכטן פריהער א עצה איהם צו ווייזן א וועג, ווי אזוי איינצואורדנען זיינע מסחרים, אז ער זאל נישט ליידן קיין פארלוסט.

האט דער חפץ־חיים געענטפערט דעם לידער רב:

— זאלט איהר זיין געזונט! איך האלט אייך פאר א קלוגן! טא ווי קומט עס צו אייך? עצות דארפן מיר איהם געבן? עצות וועט ער שוין אליין געפינען אויב ער וועט נאר באמת וועלן. ער ווייס זיינע געשעפטן בעסער ווי מיר. דער עיקר וואס מיר דארפן טהון איז אנצווארעמען זיין הארץ פאר שבת, דאס איבריגע וועט ער שוין אליין טהון...

פארשעמען א אורח

רבי איצע מאטוויכער איז געווען באוואוסט אין דעם גאנצן קיעווער געגנט נישט נאר אלס דער אייגנטימער פון דער מאטוויכער גוט, די מיל און די גוראלניע, נאר אויך אלס א גרויסער בעל־צדקה, מכניס־אורח און א מושלם אין תורה און מצוות. ער האט גע׳שמ׳ט מיט זיין חכמה און טיפזיניגקייט. פון ווייטנס פלעגט מען קומען צו אים מיט ״דין תורה׳ס״, און בעטן, אז ער זאל זיין דער ״שליש״.

רבנים, גוטע אידן און ״איינקלאך״ פלעגן אויף זייערע נסיעות זיך אפשטעלן אין מאטוויכער גוט.

צו רבי איצע׳ן פלעגט מען אפט קומען מיט די פארדרייטסטע און פארפלאנטערטסטע דין־תורה׳ס. מיט זיין קלארן שכל און שארפזיניגן מוח פלעגט ער אלץ אויסגלייכן צו אלעמענ׳ס צופרידנקייט. עס האט איינמאל געטראפן, אז א אומצופרידענער צד האט נישט געוואלט אויספאלגן רבי איצע׳ס פסק־דין, און אוועק אין א גוי׳אישן געריכט. ווי נאר דער ריכטער האט דערהערט, אז יענער האט זיך שוין געלאדן ביי רבי איצע מאטוויכער, און אזוי און אזוי איז געווען זיין פסק־דין, האט ער אויסגערופן:

— איך באשטעטיג פאן איצקא׳ס פסק דין, און דער צד וואס האט נישט געוואלט אויספאלגן, ווערט באשטראפט מיט 25 רובל...

זייער אפט האט מען געקענט זען, ווי אין מאטוויכער הויף פארפארן צוויי פורן. פון איין פור גייט אראפ איין ״צד״ מיט זיין בורר, אפטמאל דער רב פון שטעטל, און פון דער צווייטער פור דער אנדער ״צד״ מיט זיין בורר. ביידע צדדים האבן געבעטן רבי איצע׳ן צו זיין זייער ״שליש״. אויב די ״בוררות״ האט געדויערט צוויי און אמאל דריי טעג, פלעגן זיי

אלע צוזאמען מיט זייערע בעלי־עגלות און להבדיל, די פערד, איינשטיין אויף די "מאטוויכער קעסט"...

די דריי סעודות שבת און די מלוה מלכה, וועלכע די "צדדים" און די "בוררים" פלעגן פארברייינגען צוזאמען מיט אנדערע אורחים ביי רבי איצע'ס טיש, פלעגן זיי ווייכער מאכן איינס קעגן צווייטן. זעלטן ווען פלעגן געהערט ווערן ביי די "בוררים" קללות אדער ביטערע ווערטער. ערשטנס, צוליב דעם כבוד פון זייער "שליש", עפעס א קלייניגקייט, רבי איצע מאטוויכער... און שנית, אפזייענדיג א פאר טעג אין רבי איצע'ס הויז און עסנדיג ביי זיין טיש, האבן זיי דערפילט — אז עס איז דא עפעס העכער און וויכטיגער ווי געלד און מסחר... אז אידישקייט און מענטשליכקייט פארמאגן גרעסערע ווערטן... פלעגן שוין די "צדדים" ממילא קומען אביסל נענטער צום אמת... אלץ פלעגט זיך ענדיגן "בכי טוב". זיי פלעגן דאן קומען אהיים מיט גאנצע פעק מעשיות וועגן דעם מאטוויכער הויף און דעם תענוג וואס זיי האבן געהאט ביי די שבת־סעודות און פון דער גאנצער דארטיגער הנהגה.

אין א ווינטערדיגן דאנערשטאג בייטאג זיינען איינמאל אריינגעפארן צוויי גרויסע, געדעקטע שליטנס, פון אונטער די בערענע "ווענטלאך" זיינען ארויסגעקראכן פיר אידן אנגעפעלצטע, גרויסע וואלד־סוחרים.

רבי איצע איז דאן געשלאפן, ער פלעגט שטענדיג כאפן א דרימל נאכמיטאג, כדי ער זאל קענען זיצן שפעט ביינאכט און לערנען, ווען אלע בני־בית פלעגן שוין שלאפן. זייער זעלטן פלעגט מען אים אויפוועקן אינמיטן דרימל, סיידן צוליב א אויסערגעוויינליכן ענין. דאס מאל איז אסתר לאה, זיין פרוי, אריין אין צימער און אים אויפגעוועקט:

— איצע, רבי פנחס באראטשין, דער אומאנער רב, איז געקומען מיט א בוררות.

דערהערט דעם נאמען פון אומאנער רב, איז רבי איצע באלד אראפ פון געלעגער, זיך געוואשן זיינע הענט און ארויס מקבל פנים זיין זיינע אורחים.

יענעם דאנערשטאג אוונט האט רבי איצע אויסגעהערט "ראשי פרקים", די ערשטע טענות פוןביידע צדדים, כדי ער זאל זיך באקענען און האבן צייט צו טראכטן און באקלערן דעם גאנצן ענין.

— ווייל — האט ער געזאגט צו זיי, — אם ירצה השם מארגן אינדערפרי בין איך שטארק פארנומען. און נאך חצות דארף מען זיך שוין מכין זיין אויפצונעמען דעם "שבת מלכתא" און ביז נאך הבדלה וועלן מיר קיין "דברי חול" נישט רעדן.

פרייטאג איז ר' איצע מיט אלעמען געגאנגען אין מקוה אריין. ווען זיי האבן זיך געלאזט גיין צוריק אין הויף אריין, האט שוין דער קורצער ווינטער־טאג געהאלטן ביים פארשווינדן, די לעצטע שטראלן פון דער פארגייענדיגער זון האבן באגילט דעם ווייסן שניי אויף די דעכער און שפיצןביימער.

נאך קבלת שבת האט זיך יעדערער פארנומען מיט וואס ער האט געוואלט. די איידעמס און זין האבן זיך "מתוכח" געווען איבער א שטיקל "אור החיים". די איבעריגע אורחים האבן נישט געוואלט זיצן ליידיג, האט יעדערער ארויסגענומען פון גרויסן ספרים שראנק א ספר און זיך פארטיפט אין אים.

רבי איצע האט זיך מיט די צוויי רבנים־אורחים אריינגעלאזן אין א שווערער סוגיא פון מסכת שבת, און דא האט מען געזען זיין בקיאות און חריפות.

ווען דער גרויסער וואנט־זייגער האט אויסגעשלאגן זיבן, האט זיך רבי איצע אויפגעהויבן פון זיין ארט און אלע בני בית און אורחים האבן אים נאכגעפאלגט אין גרויסן און רחבות'דיגן עס־צימער, וואו אפטמאל פלעגט א עולם פון אריבער הונדערט מענטשן זיך באקוועם אויסזעצן.

אויף ביידע זייטן פון טיש זיינען געשטאנען זילבערנע פינף־רעריגע לייכטער און גרויסע, שוין האלב אפגעברענטע ליכט האבן געווארפן ארום א מילדע, רואיגע און חנ'עוונדיגע שיין. פון דערמיט פון דער

סופיט, האט א גרויסער 40־גער לאמפ באלויכטן דעם טיש מיט די אויסגעשטעלטע געשיר און די פולע בעכערס וויין.

אויבן אן איז געשטאנען א גרויסער זילבערנער בעכער, באצירט און אויסגעקריצט מיט פארשידענע ארץ ישראל בילדער. דער עלטסטער זון האט דעם כוס אנידערגעשטעלט אויף זיין רעכטער האנט. דאן האט דער זון אויפגעעפענט דעם סידור און אים געגעבן אין זיין לינקע האנט. רבי איצע האט אנגעהויבן זאגן דעם קידוש מיט אזא זיסן און חדוה׳דיגן קול, אז עס האט יעדן פאר׳ן הארצן פארכאפט. ער האט אבער זיינע אויגן פון סידור נישט אוועקגענומען, פונקט ווי א אינגל ערשט פון אלף בית... די אורחים זיינען געווען פארוואונדערט...

דער סידור איז איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט, ביז ער האט דערגרייכט צו לייבע דעם ״רימער״, און ער האט מיט א שיינענדיגן פנים א נעם געטאן דעם סידור און פריילאך מיט א געזאנג אפגעקנאקט זיין קידוש...

די סעודה מיט די זמירות און געשפרעכן ביים טיש האבן געדויערט א פאר שעה, און ווען מען האט אפגעבענטשט, זיינען אלע אורחים אוועק אין זייערע צימערן שלאפן, און רבי איצע מיט די רבנים האבן זיך ווייטער פארטיפט אין א סוגיא.

— רבי איצע, — רופט זיך אן אינמיטן איינער פון די חשובע אורחים — האט קיין פאראיבל ניט פאר פרעגן א פראגע, וואס איז די סיבה, וואס איר מאכט קידוש פון א סידור?

— גוט, מיין טייערער, — האט ער געזאגט, — איך וועל אייך דערציילן די סיבה און זאל דאס זיין אונזער ״שיחת חולין״. איר דארפט וויסן, אז איך בין דער דריטער דור וואס וואוינט אויף דעם מאטוויכער גוט. מיין זיידע ע״ה, האט דעם גוט אליין אנגעהויבן בויען. אליין איז ער געווען פון וויטעבסקער גובערניע, א איד א בן תורה און פון א שיינעם יחוס, דערגרייכט ביז דעם מהרש״א. די פרוי פלעגט זיצן אין קלייטל. נאר אויף א יריד אדער חגאות פלעגט ער קומען ארויסהעלפן. גאנצע טעג

פלעגט ער פארברייינגען אין בית המדרש איבער דער גמרא. וועגן ערד־ארבייט האט ער געהערט און געזען נאר אין דער תורה; גרינס — נאר אויף שבועות און הושענא רבה.

אין יענע צייטן האט די גזרה פון ״קאנטאניסטן״ אנגעמאכט חורבנות. אמת, אויך די קריסטן פלעגן פון דעם ליידן, אבער די אידן האבן געליטן הונדערט מאל אזוי פיל. פון די געכאפטע אידישע קינדער פלעגט זיך זייער זעלטן ווער אומקערן. ערשטנס, פלעגן זיי פארפייניגט ווערן צום טויט, ווען מען האט זיי געצוואונגען צו שמד, אדער — נישט אויסהאלטנדיג די מאטערנישן און פייניגונגען, האבן זיי זיך גע׳שמד׳ט. מיין זיידע האט געהאט פינף זין, און יעדן טאג פלעגט ער דורכגיין ״שבעה מדורי גהינום״ — טאמער, חס ושלום כאפט מען א קינד און מען פארשיקט איהם...

צו יענער צייט איז ארויס דער באפעל פון דעם צורר היהודים ניקאלאי ימח שמו: — אז יעדער איד, וועלכער וועט זיך באזעצן אויף ערד און זי באארבייטן, וועט זיין פריי פאר 25 יאר פון ״צינזן״ און געבן ״רעקרוטן״ צום קיסר.

— אויף דעם ״ישוב״, ווייט פון ישיבות אין בתי מדרשים, וועלן מיינע זין קיין למדנים אפשר ניט ווערן, — האט מיין זיידע געטראכט און זיך גע׳ישוב׳ט, — דערפאר וועל איך איינעם און אפשר צוויי ראטעווען פון שמד...

און אין א נאך פסח׳דיגן פרימארגן האט ער מיט נאך עטליכע פאמיליעס בעלי־מלאכות זיך אוועקגעלאזט קיין אוקראינע, וואו מען האט דאמאלס געטיילט ערד צו נייע קאלאניסטן.

מילא, אייך אויסמאלן די שוועריגקייטן און ליידן פון די ערשטע קאלאניסטן, סיי אלס ערד ארבייטער און סיי אלס אידן, איז צו לאנג און מיט אונזער געשיכטע האט דאס נישט צו טהון. פיל האבן טאקע נישט אויסגעהאלטן און האבן אלץ אוועקגעווארפן און זיך אומגעקערט צוריק צו זייערע שטעטלאך. דער זיידע אבער האט שטענדיג געדיינקט: — אז

מיט זיין זיצן אויפן "ישוב" ראטעוועט ער א נפש אדער צוויי פון שמד. האט ער מיט אלע זיינע רמ"ח אברים זיך איינגעקלאמערט אין דער ערד, געליטן און געארבייט. אין דער פרייער צייט האט ער געלערנט מיט די קינדער, קיין למדנים פארשטייט זיך, זיינען זיי נישט געווארן, אבער דאוונען און א פרשה חומש האבן זיי זיך אויסגעלערנט. מיט דינים און מנהגים זיינען זיי געוועזן באקאנט נישט ערגער ווי די שטאטישע.

און ווי מאדנע עס זאל נישט קלינגען, דוקא מיין זיידע, וועלכער איז געוועזן באקאנט אין דער היים פאר א באנק קוועטשער, א בטלן, דוקא ער האט מצליח געוועזן מער פון אלע קאלאניסטן.

מיט דריי יאר שפעטער נאך זיין באזעצן זיך אויף דעם ישוב, האט ער זיך ארומגעקוקט, אז קארטאפל וואלגערן זיך ארום און פוילן פשוט אויף די פעלדער, עס האט זיך נישט געלוינט אפילו זיי אויסצוגראבן. האט ער זיך דערמאנט, אז אמאל, ווען ער איז נאך געוועזן א אינגל, האבן זיי געוואוינט נעבן א שכן, וועלכער פלעגט מאכן בראנפן פון קארטאפל, און ער פלעגט אפט מאל זיך פארגנב'נען, נאכקוקן ווי יענער ארבייט, אדער אויך אים אונטערהעלפן. נישט אפלייגנדיג די זאך אין דער לאנגער באנק, האט ער אליין צוגעריכט דעם קעסל און די אנדערע מכשירים און אנגעהויבן טרייבן בראנפן. די ערשטע פאר מאל איז דער בראנפן ארויס מיט אלערליי "טעמים"... די ארומיגע פויערים האבן עס נישט געוואלט טרינקען אפילו פאר אומזיסט... אבער ער איז ביי זיך נישט אראפגעפאלן, פרובירט ווייטער, ביז ער האט ארויסגעלאזט א בראנפן, אז עס האט באקומען א שם. פון ווייטנס איז מען געקומען קויפן פעסלאך בראנפן. ער האט צוגעקויפט גאנצע שטיקער באדן און זיי "פארזעצט" מיט קארטאפל. אים האט שוין אויסגעפעלט הענט צו ארבייטן, און קארטאפל פאר בראנפן פלעגן די פויערים ברייגען פון ווייטנס. דער ישוב ארום האט אנגעהויבן אויפצולעבן... די פויערים האבן געקראגן געלד פאר קארטאפל וואס זיי האבן פריער ארויסגעווארפן, און זיי האבן עס אנגעהויבן אויסגעבן אויף די ירידים און אויף זייערע חגאות. אידישע קלייטלאך האבן אויפגעלעבט. דער נאמען פון מאטוויכער ברענעריי און איר אייגנטימער האט זיך פארשפרייט איבער דער גאנצער געגנד.

ווען דער זיידע ע״ה האט געדארפט זיינע חתן־בחורים חתונה מאכן, האט זיך יעדער זון געקראגן א שטיבל פאר זיך, און אלע זיינען געווען פארנומען אויף דעם גוט.

ווען דער זיידע האט געדארפט א שידוך טהון מיט זיין בת יחידה, מיין מוטער ע״ה, האט ער אויסגעקליבן א וואויל־לערנער מיט גוטע מידות, און צוגעזאגט אייביגע קעסט. נאך די חתונה איז מיין פאטער אריין אין געשעפט.

באלד האט מיין פאטער באוויזן, אז דארט וואו תורה דארט איז חכמה. ער האט אראפגעבראכט א פראנצויזישן קאניאק־מאכער, און האט אנגעהויבן מאכן, אויסער בראנפן, אויך פיינע קאניאקן און געטראנקען. געזען, אז די וואסער ״טורבינע״ קען טרייבן מער ווי די גוראלניע, האט ער אויסגעבויט די מיל, און אנגעהויבן פארבעסערן די ארבעט אויף די פעלדער. אזוי האט ער פארטאפלט דאס גערעטעניש פון די פעלדער.

אויך אין הויז האט ער איינגעפירט נייע ארדענונגען. געעפנט די טירן און געגעבן עסן יעדן אידן וועלכער איז דורכגעפארן אדער זיך אפגעשטעלט אין מאטוויכע — אויף ווי לאנג זיי ווילן נאר. און יעדן טאג פלעגן צענדליגער אידן זיך אפשטעלן דאוונען, עסן און אפט מאל איבערנעכטיגן. איבער־הויפט פלעגט מיין פאטער אכטונג געבן, אז אויף שבת זאל זיין וואס מער עולם און דער עיקר, אידן בני תורה, מיט וועלכע מען זאל קענען פארברייינגען א טאג פון ״כולו רוחניות״... גאר נישט איז געווען צו טייער צו פארהאלטן א רב איבער שבת, אפילו צוזאגן — אז זונטאג, בלי נדר, וועט א וואגן מיט פיר פערד אים אפפירן וואוהין ער וועט וועלן. די שבתים פון מאטוויכע זיינען געווארן א שם דבר. ביז יעדער האט אפגעזאגט זיין קידוש פלעגט אמאל געדויערן אריבער א שעה.

געוועון צווישן די אורחים א פשוטער איד, וועלכער פלעגט פארקויפן צוקער. קיינער האט נישט באמערקט, ווי דער מענטש האלט אין איין ציטערן, ווען ער האט אנגעהויבן זאגן דעם קידוש, מען האט באמערקט, ווי די ווערטער קומען ארויס אזוי שווער. גלייך פון ״ויכולו השמים״ איז

ער אריין אין "מכל מלאכתו", פון "ויקדש אותו" האט ער זיך פארדרייט אין "וישבות ביום השביעי"... האט מען אים אונטערגעזאגט, האט דאס אים נאך מער צוטומלט... און ווען ער האט אנגעהויבן צו זאגן "במצותיו ורצה בנו", איז ער אריין אין יום־טוב׳דיגן קידוש און אנגעהויבן צו זאגן "ותתן לנו"...

לכתחילה האט זיך יעדער איינגעהאלטן און פארדרייט דעם קאפ צו באהאלטן זיין שמייכל, נאר אט האט איינער א לאך געטאן, און אלע, נישט קענענדיג זיך מער קאנטראלירן, האבן אויסגעשאסן אין א געלעכטער...

און דא שטייט נעבאך דער איד און ציטערט, דאס פנים ווערט רויט פון גרויס אויפרעגונג. די האנט מיט׳ן כוס ציטערט ביי אים, דער וויין האט זיך צוגאסן און פון זיין האנט טריפן רויטע טראפנס. מיטאמאל האט דער איד אנידערגעשטעלט זיין כוס, א מאכטלאזער זיך אראפגעלאזט אויף זיין בענקל און אויסגעבראכן אין א געוויין...

— וואס ווילט איר פון מיר? — האט ער געכליפעט. — פארוואס צאפט איר מיר מיין בלוט? אין דערהיים מאך איך קידוש פון א סידור...

אין דעם מאמענט איז ווי פארשוואונדן די הייליגקייט וואס האט פריער געהערשט. עס האט זיך אפגעטאן די פרייליכקייט, די אנגענעמע רואיגקייט, די שבת׳דיגע גוטמוטיגקייט און א שווערער געמיט פון בושה און טיפער שולד האט ארומגענומען די גאנצע עדה. דעם פשוט׳ן אידנ׳ס טרערן און עגמת־נפש האט יעדן איינעם אריינגעבראכט אין "עצבות" און חרטה־געפילן פון "לא תעמוד על דם רעך".

מען האט דעם אידן בארואיגט. אלע האבן איהם געבעטן מחילה און מפייס געווען. מען האט זיך געוואשן און געזעצט צו דער סעודה. יעדער האט זיך באמיט צו זיין פיין און אנגענעם צום פשוטן איד, וועלנדיג פארגלעטן די שולד... אבער די פרייליכקייט האט זיך אפגעטאן, די זמירות האט מען אפגע׳פטר׳ט, און די התלהבות, דבקות און הארציגקייט, ווי יעדן שבת, האט יענעם שבת געפעלט...

אויף מארגן האט מען אויסגעפונען, אז דער איד איז פארשוואונדן געווארן, און דער גאנצער שבת איז אריבער אין א טיפן עגמת־נפש.

באלד ווי עס איז נאכט געווארן, האט דער טאטע ארויסגעשיקט א פיר־פינף שליטנס, מיט א אנזאג: — למען השם, זען איינבעטן דעם אידן און אים ברייננגען צוריק.

מען האט אים געפונען אין א דארף, זעקס וויארסט ווייט, און מיט גרויס מיה האט מען אים איבערגערעדט זיך אומצוקערן.

מיין פאטער האט זיך זייער דערפרייט מיט אים, געבעטן נאך אמאל מחילה פאר׳ן עגמת נפש, וואס ער האט געהאט ביי אים אין הויז, און אנגעבאטן אים צו פארקויפן א פערד פאר א שיבוש. דער איד האט זיך געפילט גליקליך...

דעם קומענדיגן פרייטאג, ווען אנדערע אורחים זיינען געווען פארזאמלט און געווארט אויף מיין פאטער צו מאכן קידוש, האט ער, צו אלעמענס פארוואונדערונג, ארויסגענומען א סידור און האט פון אים געזאגט דעם קידוש ווארט ביי ווארט, נישט ארויסנעמענדיג די אויגן פון סידור. יעדער פון די אורחים האט אים נאכגעטאן און דער סידור איז איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט.

פון דאן אן איז דאס שוין פארבליבן א מנהג אין אונזער משפחה, קיינמאל נישט מאכן קיין קידוש אויסנווייניג, כדי נישט צו פארשעמען קיין אידן, און אט דעם מנהג היטן מיר אפ ווי א דין.

א גרויסער קידוש

״קידושא רבה״ ווערט אנגערופן דער קידוש וואס מען מאכט אין דער פריה — ווייל דער קידוש איז נישט מער ווי א ברכה ״בורא פרי הגפן״ אן א ברכה פון מקדש השבת ווי ביי נאכט. הייסט עס בלשון ״סגי נהור״, קידושא רבה״.

קידוש אויף חלה

ווען ר׳ פנחס ב. איז פרייטאג צו נאכטס אריינגעקומען צום צדיק רבי יהודה האלצמאן זצ״ל (נסתלק געווארן ט׳ כסלו תש״י) און איהם געטראפן ווי ער מאכט קידוש אויף חלה אנשטאט אויף וויין, איז ער געבליבן שטיין אן לשון. איז עס טאקע ריכטיג וואס ער זעהט דא מיט די אויגן, אט דער רבי יהודה, דער צדיק און קדוש, דער מהדר במצוות בתכלית ההידור, וואס ער איז מקיים יעדע מצוה מיטן גרעסטן הידור וואס מען קען נאר אויספיהרן, זאל נישט מאכן קיין קידוש אויף וויין נאר אויף חלה?!

און אפשר האט שוין זיין ארעמער צושטאנד אויף אזוי ווייט דערגרייכט אז ער האט שוין נישט די עטליכע פרוטות אויף צו קויפן וויין? עס קען דאך אבער פארט נישט זיין! ר׳ פנחס איז זייער היימיש ביי רבי יהודה׳ן אין שטוב און ער האט נישט באמערקט קיין שום ענדערונג אין די שטוב אויסגאבן, איז עס טאקע א וואונדער?!

און בכלל וואס הייסט עס אז ר׳ יהודה האלצמאן האט נישט קיין געלד אויף וויין פאר קידוש? ווער עס האט איהם פערזענליך געקענט האט געוואוסט ווי ווייט זיין מדת הבטחון האט דערגרייכט, און ווען ער האט געדארפט האבן געלד אויף א דבר מצוה, איז אפילו ער האט מאמענטאל נישט פארמאגט קיין געלד, האט ער עס אויסגעליהען, כאטש ער האט בשעת מעשה נישט געוואוסט פון וואנען ער וועט עס אפגעבן, אבער זייענדיג זיכער אז דער אויבערשטער וועט איהם צושיקן, איז עס געווען ביי איהם ווי ער וואלט שוין פארמאגט דאס געלד אויפן צוועק.

און אט דערוויסט זיך ר׳ פנחס וואס דא איז פארגעקומען:

צו ר׳ יהודה האלצמאן זיינען אין א אוונד אריינגעקומען צוויי אידן,

ר׳ מרדכי ליב זאקס און ר׳ זיידל שפירא, וועגן א דבר מצוה: אזוי ווי איינער א ירושלימער חשובער איד, ר׳ דוד שכטר, האט געדארפט דורכמאכן א שווערע אפעראציע און עס האט אפגעקאסט א גרויסע סומע געלד וועלכע ער האט נישט געקענט בעווייזן צוצושטעלן, גייען זיי יעצט צונויפנעמען דאס געלד פון גוטע פריינד און סתם אידן כדי ארויסצוהעלפן דעם קראנקן אין זיין שווערן צושטאנד, און איהם ארויסציהען פון זיין נויט. קומען זיי יעצט צו איהם, צו ר׳ יהודה׳ן, אויך מזכה זיין מיט די מצוה.

ווען די צוויי אידן האבן דערציילט פאר ר׳ יהודה׳ן וועגן וועלכן צוועק זיי זיינען געקומען צו איהם, רופט זיך אן ר׳ יהודה:

— מיטן גאנצן הארצן וואלט איך געוואלט נעמען אנטייל אין אזא גרויסע און חשובע מצוה, אבער וואס קען איך טהון ווען מיינע מעשר געלד פון צוויי יאהר פאראויס זענען שוין משועבד אויף פארשידענע צדקה צוועקן וועלכע איך האב גענומען אויף זיך, און נישט האבנדיג גרייט קיין געלד האב איך זיך אונטערגענומען עס אפצאלן פון די שפעטערדיגע מעשר געלד.

ר׳ יהודה האט באלד ארויסגענומען זיין נאטיץ־ביכל און בעוויזן פאר די צוויי אידן זיין צושטאנד און פארפליכטונגען. זיי זיינען געווען העכסט איבערצייגט נאך איידער ער האט זיי געוויזן פארשריבן, ווייל זיי האבן געוואוסט ווי ווייט ר׳ יהודה׳ס ווארט איז אמת, זיי האבן איהם דעריבער צוגעוואונטשן און פארלאזן די שטוב.

ווען די צוויי אידן זיינען שוין געווען אין דרויסן, הערן זיי ווי ר׳ יהודה רופט זיי צוריק אריין צו זיך אין שטוב, זיי קערן זיך אום און ר׳ יהודה נעמט זיי אויף מיט א שטראלענדן געזיכט.

— הערט זיך איין וואס עס איז מיר יעצט איינגעפאלן — רופט אויס ר׳ יהודה מיט פאטאס — איך האב געפונען א וועג ווי אזוי אייך צו העלפן און איך דאנק דעם אויבערשטן וואס ער האט מיר אריינגעגעבן דעם דאזיגן געדאנק. איך האב זיך בארעכנט, אזוי ווי דער ענין פון מאכן

קידוש אויף ווייַן פרייטאג צו נאכטס איז דאך נישט מעהר ווי א הידור מצוה און לויט דעם עיקר הדין קען מען יוצא זיין אויך מיט קידוש אויף חלה, און אזוי ווי דא האנדלט זיך דאך וועגן א דאורייתא, וועגן ארויסהעלפן א אידן פון דער נויט, האב איך געמאכט דעם רעכנונג, דאס אויב איך וועל שפארן אויף קידוש אין א צייט פון א יאהר קען איך אפשפארן א סומע פון צוואנציג פונט (א היבשע סומע אין יענע צייט). אלזא — פיהרט אויס ר׳ יהודה — גייט ארויף אין גרויסן גמילות חסד, (שערי חסד), זיי קענען מיר און געטרויען מיר, נעמט א הלוואה אויף מיין נאהמען אויף די סומע פון צוואנציג פונט, און איך וועל עס אויסצאלן יעדן מאנאט.

ערשטוינט זענען די צוויי אידן געבליבן צוזעהענדיג דאס גרויסע איבערגערעכנטקייט פון דעם צדיק ר׳ יהודה און פוהל מיט התפעלות פון זיין כח הצדקה.

און ווען ר׳ יהודה האט שוין איינמאל געמאכט אזא רעכענונג, האט ער שוין באשלאסן, דאס פון היינט און ווייטער זאל ער טאקע שפארן דאס ווייַן אויף קידוש און אנשטאט דעם מאכן קידוש אויף חלה, און פון דאס געלד וואס וועט דערפון בלייבן וועט ער טהון חסד, און אזוי האט ער זיך שוין געפיהרט זיין גאנצן לעבן.

און דאס איז געווען וואס ר׳ פנחס ב. האט געזעהן ר׳ יהודה׳ן מאכן קידוש אויף חלה אנשטאט אויף ווייַן.

קדוש אויף ברויט

דעריבער מאכט מען קידוש אויף ברויט ווען מען האט נישט קיין ווייַן און נישט קיין הבדלה, ווייל ווייַן מאכט שטענדיג פריילאך און זעטיגט, דאגעגן ברויט נאר ווען מען איז הונגעריג, דאס איז פאר קידוש, אבער ביי הבדלה וואו מען האט יעצט געגעסן שלש סעודות איז מען שוין זאט איז נישטא ביי דעם קיין שמחה.

(שלה״ק פ׳ יתרו)

ווייַן אויף קידוש

דער זיכלינער רבי זצ״ל האט געוואוינט א געוויסע תקופה אין די שטאט אזערקאוו. דארטן איז געווען איינער א ווייַן־סוחר וועלכער פלעגט שיקן דעם רבין יעדן ערב־שבת א פלאש גוטן ווייַן אויף שבת־קודש קידוש צו מאכן.

אין שטאט זיינען געווען מענטשן וועלכע האבן שטענדיג געזוכט צו טשעפען דעם זיכלינער צדיק. זיי האבן נישט געקענט פארטראגן פארוואס ער האט זוכה געווען צו אזא גרויסע מדרגה מיט א סאך חסידים. זיי האבן נישט אפגעלאזט קיין געלעגנהייט צו פרובן ״מכשיל״ זיין דער צדיק.

אמאל פאלט איין איינעם פון די חברה אז מען דארף דא מאכן עפעס א שפעקולאציע מיט די ווייַן וואס ער באקומט פון יענעם סוחר. ער האט זיך דערוואוסט אז דער סוחר גיט איבער יעדן פרייטאג די פלאש ווייַן פאר זיינעם א משרת, א פשוטער אינגל, וועלכער טראגט אריין די פלאש צום רבין אין נאמען פון דעם סוחר. האט מען דעם אינגל אריינגערוקט א מטבע אין האנד און ער האט צוגעזאגט אז בשעת דער סוחר וועט איהם געבן די פלאש גוטן ווייַן אוועקצוטראגן צום רבין, זאל ער עס אומבייטן אויף א אנדער ווייַן וואס דער סוחר האלט פאר די גוים און וועלכע ס׳איז ״יין נסך״ (ווייַן וואס גוים האבן געהאלטן און מען טאר עס נישט טרינקען), און אט די ווייַן זאל ער טראגן פאר דעם רבין. דער פשוטער אינגל וואס די מטבע האט איהם געשמעקט, האט אזוי געטהון.

עס איז געווען פרייטאג פארנאכט און דער סוחר גיט ווי זיין שטייגער די פלאש ווייַן פאר זיין משרת דער אינגל. האט זיך דער אינגל אויסגעמיטן פארן סוחר ער זאל איהם נישט באמערקן און האט אומגעביטן די כשר׳ע ווייַן אויף ״יין נסך״ און די ווייַן אוועקגעטראגן פאר דעם רבין, אזוי ווי יענער רשע האט איהם געלערנט.

פרייטאג־צו־נאכט ווען דער רבי גייט מאכן קידוש און די חסידים שטייען ארום דעם טיש, די פלאש־וויין שטייט אין מיטן טיש און מען גרייט זיך צו קידוש. אין דעם מאמענט האט קיינער נישט באמערקט ווי איינער האט זיך ארויפגעדראפעט אויפן פענסטער פון רבי'ן'ס שטוב. דאס איז געווען יענער רשע וועלכער האט געוואלט מכשיל זיין דעם רבין, ער האט געווארט אויף די מינוט ווען דער רבי וועט אויסטרינקען די וויין, וועט ער דאן מאכן א געוואלד, אז דער רבי האט געטרונקען "יין נסך". אזוי ווי דער פענסטער איז געווען אביסל הויך, האט יענער צוגעשטעלט א לייטער זיך צו שטעלן אויף איהם אריינקוקנדיג ביים רבין...

דער רבי האט שוין געענדיגט "שלום עליכם" און די אנדערע זמירות וואס מען זאגט פאר קידוש. דער משמש גיסט אן, ווי זיין שטייגער, די וויין אין דעם כוס און דערלאנגט עס דעם רבין. ווי נאר דער רבי איז געקומען אין באריהרונג מיטן כוס, האבן זיינע הענט א ציטער געגעבן. דער רבי האט גלייך גענומען דעם כוס־וויין און אויסגעגאסן אין א שיסל וואס איז דארטן געשטאנען.

ער האט באפוילן מען זאל גלייך ברענגען אנדערע וויין פון א אנדער פלאש, און אויך א אנדער בעכער. מען האט אזוי געטהון צו די ערשטוינונג פון אלע חסידים וואס האבן נישט פארשטאנען וואס דא קומט פאר ביים טיש.

מען קען זיך פארשטעלן די שרעק וואס האט באפאלן יענעם רשע וועלכער איז געשטאנען אויף די פענסטער. ער האט געוואלט אנטלויפן, אבער פון גרויס שרעק האט ער פארגעסן וואו ער שטייט און ער איז אראפגעפאלן פון פענסטער און זיך צובראכן א פוס. פון גרויס שמערצן האט ער געמאכט ביטערע קולות און מענטשן זיינען זיך צוזאמענגעלאפן. מען האט איהם געפרעגט ווי קומט ער פלוצים אויף דעם רבינ'ס פענסטער, האט ער געמוזט מודה זיין און זיי דערציילט די גאנצע מעשה וואס דא איז פארגעקומען. האבן אלע געזעהן ווי ווייט דער צדיק האט געזעהן מיט רוח הקודש און אז פון הימל האט מען איהם געהיט ער זאל נישט נכשל ווערן אין א דבר איסור, ווי די חז"ל זאגן, אז הקב"ה לאזט נישט אז צדיקים זאלן נכשל ווערן מיט א דבר איסור.

נשמות אין די פיש

אין דעם ליטווישן שטעטל מ. האט מיט יאהרן צוריק געלעבט א איד א תלמיד חכם און א בעל מדרגה מיטן נאמען ר׳ אברהם מקובל זצ״ל.

דעם נאמען מקובל האט ער באקומען, ווייל אויסער נגלה, האט מען געוואוסט, אז ר׳ אברהם איז אויך שטענדיג עוסק בקדושה וטהרה אין נסתר.

היות ווי זיין נאמען האט געשמ׳ט אלס גאון, פלעגן פון צייט צו צייט אנקומען צו איהם דעלעגאציעס פון פארשידענע שטעט און שטעטלאך און פארלאנגען פון איהם, אז ער זאל ביי זיי אין דער קהלה איבערנעמען א פריי געווארענע רבנות שטול.

אבער ר׳ אברהם מקובל האט דערפון קיינמאל נישט געוואלט הערן, טענה׳דיג אז ער וו״ל פון דער הייליגער תורה נישט מאכן קיין ״קרדום לחפור בה״.

ר׳ אברהם אליין, האט זיך אין קיין גרעסערע הוצאות נישט גענויטיגט, ווייל כל ימיו האט ער פארברייינגט אין תעניתים, בענוגנדיג זיך מיט די קלענסטע הצטרכות׳ן, זייענדיג פון יענעם טיפ צדיקי הדור, וואס זיינען מעהר נשמה ווי גוף.

דאס בני בית זיינע פלעגן ווערן אויסגעהאלטן דורך דער קהלה, אויך די רביצין פלעגט א ביסל צוהעלפן.

איז אבער דעם דאזיגן צדיק נישט באשערט געווען אויסצולעבן זיינע יאהרן במנוחה, אזוי ווי ער וויל, אין די ד׳ אמות של הלכה.

אין א געוויסן אוונד האט אין שטעטל אויסגעבראכן א שרעקליכע שריפה און געמאכט פון אלעס א תל עולם.

נאך די דאזיגע שרעקליכע סיבה, האבן ר' אברהם'ס בני בית שוין פארלארן די מעגליכקייט זיך צו קענען ווייטער מפרנס זיין, אויך די קהלה, וועלכע איז געווארן פאראעמט, האט זיי אויפגעהערט אונטערשטיצן.

ר' אברהם, וועלכער איז שוין אין לעבן דורכגעגאנגען פיהל מאמענטן פון עניות און האט דאך זיין הייליגע טראדיציע נישט געבראכן, איז אבער ביים איצטיגן מאמענט געווען גענויט אנצוהויבן טראכטן וועגן א רבנות אמט.

דאך איז ער געשטאנען פעסט נישט אנצונעמען קיין רבנות אין קיין גרויסע שטאדט, וואו עס זיינען דא פיהל שטערונגען און נעמען צו דעם קאפ פון לערנען, און זיך באנוגענען מיט א קליין שטעטל, וואס חאטש דער געהאלט איז א קלענערער, איז אבער דא מעהר צייט צו לערנען, ביז דערווייל וועט מען דאך נישט אויסגיין פון הונגער.

ר' אברהם האט זיך געלאזט מיטן בני בית אין וועג אריין, פאהרן צום שטעטל וואס האט איהם אויפגענומען אויף איהר כסא רבנות.

אין א געוויסן פארטאג איז ער אנגעקומען אין א דארף, דער קרעטשמער פון דארף, וועלכער איז געווען א איד, איז שוין גאנץ פריה געווען פארנומען ביי די פויערן אין שיינק. דערוויסנדיג זיך אז א אידישע פאמיליע איז אנגעקומען אין דארף און זייענדיג געוואוינט צו מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים, וועלכע טרעפט נישט אזוי אפט אין דעם פאררוקטן דארף, האט ער אלץ געלאזט שטיין און אנטקעגן געלאפן מיט גרויס פרייד די אנגעקומענע אורחים, זיי פארבעטן צו איהם אויף שבת.

א גאנצן ערב שבת האט דעם קרעטשמער באהערשט א אויסערגעוויינליכע שמחה, צוליב דער חשובע מצוה פון הכנסת אורחים, וואס מען האט איהם מזכה געווען מן השמים אין אזא פארווארפענעם ארט, וואו א איד פאלט זעלטן אריין. דערצו נאך, ווען ער האט דערקענט אין ר' אברהם'ס התנהגות, אז ער איז א געהויבענער איד, דאן איז שוין זיין שמחה געווען אן קיין ברעג, וויסנדיג אז דעם שבת וואס וועט קומען

וועט זיין פוהל מיט רוחניות, פארברייינגענדיג ביים טיש מיט דברי תורה.

פאר ר׳ אברהם׳ן מיט זיין בני בית האט מען ספעציעל אויפגעראמט א גרויסן צימער, וואו זיי זאלן זיך אויפהאלטן פאר דער צייט.

געווען איז ביים קרעטשמער א מנהג, אז פרייטאג צו נאכטס פלעגט דער בעל הבית פון דארף, דער פריץ, קומען צו רייטן, אויסטרינקען א היבשע כוסה שנאפס און דאן האט ער מיטגעהאלטן מיט דעם קרעטשמער די שבת׳דיגע פיש, אין וועלכן דער פריץ האט געפיהלט עפעס א באזונדערן געשמאק.

דעם היינטיגן פרייטאג צונאכטס, איז ביים טיש אויך אנוועזנד געווען ר׳ אברהם מיט זיין בני בית. ווען מען האט געהאלטן ביים טיילן די פיש, האט מען אנגעהויבן ווארטן אויפן פריץ, אז ער זאל קומען מיטעסן, ענדליך איז דער פריץ געקומען.

מען האט איהם געגעבן אויסזופן א שארפע כוסה מיט משקה און נאכהער א פארציע פיש צו פארבייסן.

ווי נאר דער פריץ האט גענומען ארייננשטעקן דעם גאפל אין די פיש און געוואלט דערלאנגען צום מויל, איז אין שטוב ענטשטאנען א שרעקליכע יללה, ווייל דער אורח ר׳ אברהם, וועלכער איז געזעסן אויבן אן ביים טיש, איז פלוצלונג אנידער געפאלן אויף דער ערד אין א שווערן חלשות.

אלע שטוב מענטשן האבן איהם גענומען ראטעווען, און אויך דער פריץ האט אוועקגעלייגט דעם גאפל מיט די פיש און געגעבן הילף דעם אורח.

נאכדעם ווי עס איז איהם א ביסל בעסער געווארן, האבן זיך אלע צוריק געזעצט.

דאן האט דער פריץ ווייטער געוואלט דערלאנגען צום מויל א שטיקל פיש, אבער ווידער געשעהט דאס אייגענע, ר׳ אברהם פאלט אין חלשות, נאך שווערער ווי פריער.

דער פריץ ווארפט ווייטער ארויס פון האנד דעם גאפל מיט די פיש און גייט ראטעווען דעם אורח.

אזוי האט זיך די דאזיגע געשיכטע איבער געחזרט איינעגע מאל, ווי נאר דער פריץ האט געוואלט עסן די פיש, האט דער אורח געגומען חלש׳ן.

ווען דער פריץ האט געזעהן, דאס עפעס א געהיימע קראפט לאזט איהם היינט נישט באקומען די שבת׳דיגע מאכלים, האט ער געלאזט שטיין דעם גאנצן טעלער מיט די פיש, אלעמען איבערגעלאזט מיטן פארחלשטן אורח און געפאהרן אהיים.

די סעודה האט זיך שוין ווי עס איז געענדיגט און אלע זיינען דערנאך געגאנגען שלאפן.

שפעט ביינאכט, האט מען אנגעקלאפט ביי ר׳ אברהם׳ס טהיר, דאס ער זאל שוין אריינקומען צום קרעטשמער, וועלכער האט פלוצלונג באקומען שווערע בויך קראמפן, און ער האלט ממש ביי יציאת נשמה.

ר׳ אברהם, וועלכער האט זיך אליין נאכן חלשן, געפיהלט שטארק שוואך, האט זיך געשטארקט און איז אריין צום חולה. עס האט געדויערט א געוויסע צייט ביז דעם קרעטשמער איז אביסל לייכטער געווארן. ער האט זיך אבער נאך אלץ געפיהלט ווי ער וואלט געווען שטארק קראנק.

ר׳ אברהם מקובל האט זיך אוועקגעזעצט ביים חולה נעבן זיין בעט און געזאגט:

— דו זאלסט וויסן, אז דיינע איצטיגע שווערע יסורים האבן א שייכות מיט מיין חלשן היינטיגן פרייטאג צו נאכטס. אין די הייליגע ספרי קבלה ווערט געברייננגט, אז עס זיינען פאראן אידישע נשמות, וואס באקומען זייער תקון נאך פיהל גלגולים דורך דעם, וואס זיי זיינען זיך מתדבק אין אזעלכע מאכלים, וועלכע ווערן דורך די אידן געקויפט ספעציעל אויף שבת, און ווען די נשמה האט א זכיה און דער דאזיגער מאכל פאלט טאקע אריין צו א איד, וועלכער עסט עס לכבוד דעם

הייליגסטן טאג אין דער וואך, לכבוד שבת, האט די נשמה דערפון א געוואלדיגע עליה. דו אבער מיט דיין שטענדיגן מנהג צו געבן אנצועסן א גויאישן חומר מיט די פיש פון שבת, האסטו שוין אפשר נישט איין נשמה מדחה געווען פון איהר תקון.

— אין די מאכלים וואס מען האט היינט ביי דיר אין שטוב צוגעגרייט לכבוד שבת — זעצט פאר ווייטער ר׳ אברהם — האט זיך געפונען די נשמה פון דיין פאטער, וועלכער האט ביי זיין אייגענעם זוהן געוואלט באקומען א תקון, בשעת ער וועט עסן די פיש לכבוד שבת. ווען דער פריץ האט דעם היינטיגן פרייטאג צו נאכטס געוואלט נעמען עסן די פיש, זיינען די בכיות און יללות פון דיין פאטערס נשמה דערגאנגען מסוף העולם ועד סופו, איך בין דעריבער בשעת מעשה אוועקגעפאלן אין חלשות צוליב דעם אויסערגעוויינליכן צער פון דיין פאטער׳ס נשמה. דו ביסט דערפאר נענש געווארן וואס דו האסט יעצט באקומען די יסורים. די איינציגע רפואה צו דיינע יסורים איז נאר, אויב דו וועסט אויף דיר מקבל זיין, אז פון היינט און ווייטער וועסטו נישט מהנה זיין א גויאישע נשמה מיט די אזוי הייליגע שבת׳דיגע מאכלים.

דער ישובניק, האט אויף זיך פייערליך מקבל געווען נוהג צו זיין א מנהג כבוד אין די שבת־דיגע מאכלים און זיינע יסורים האבן זיך באלד אפגעשטעלט.

לכבוד א חשובן גאסט

ווען צום צאנזער רב זצ״ל איז געקומען צום ערשטן מאל דער מונקאטשער רבי, הרה״ק רבי שלמה שפירא זצ״ל, האט דער צאנזער רב זיך אנגערופן צו זיין גבאי ר׳ זיינוויל:

— נו, וואס האב איך דיר געזאגט היינט אינדערפרי? אז היינטיגן שבת וועלן מיר האבן א חשובן גאסט, א רבי און ווייסט פארוואס — ווייל מיר האבן היינט באקומען א גרויסן העכט פיש, און אזא פיש קומט צו אונזער געגנד נאר דאן ווען א גוטער איד קומט צו אונז.

(בית שלמה)

פינפטער קאפיטל: **רעוא דרעוין**

מיטן כח פון תמימות
מוצאי שבת אין שוהל
א שלש סעודות תורה
א מאמענט פון התעוררות
דער כח פון נגינה
דעם זיידנס שלש סעודות
צו יציאת נשמה
פארן אויסגאנג
העלף, רבונו של עולם!
תחתונים למעלה....
שבת פארנאכטביים חפץ חיים
שמעקן בשמים
שבת אויסגאנג ביי חסידים

פינפטער קאפיטל

רעוא דרעוין

מיטן כח פון תמימות

באלד נאך זיין התגלות, האט דער בעש"ט אין בעגלייטונג פון זיינע ערשטע תלמידים, געוואנדערט פון דארף צו דארף. געוואלט האט ער די ערשטע שטראלן פון זיין גרויסע ליכט, אינ'ם פינסטערן עם־הארצ'ישן לעבן פון די ארענדארן און דארפס־לייט — אריינשיינען. אויך אינ'ם לעבן פאסירט אפט, אז די זון שיינט אריין אין די דלות'דיגע קעלער־שטיבלאך, פריהער ווי אין די 2 — 3 שטאקיגע רחבות'דיגע וואוינונגען...

און אזוי איז ער געגאנגען פון ישוב צו ישוב. דא א פארגרעבט אינגל — אידישקייט געלערנט... א אידיש הארץ דערפרייט... און די, וועלכע ער האט פון זייער שפל־המצב געוואלט אויפהויבן — האבן זיך פון איהם גערן געלאזט טראגן. זיי האבן דערפיהלט, אז אט דער איז עס זייער פרייד און וועג־ווייזער. האבן זיי דעריבער זייער גאנצן בינטל צרות פאר איהם געעפנט, און זייער ביטער הארץ פאר איהם אויסגעגאסן.

נישטא צו באצאלן חודש'ליכע ראטע... דער פריץ וועט די ארענדע צונעמען... א אנדערער וועט זי אויסדינגען... וואס טהוט מען, וואוהין זיך ווענדן?... א טאג נאך א טאג, און אט וועט מען בלייבן ווי אויפן ים... פערצווייפלט... יאוש. אין מוח האט אויפגעבליצט: צום בעש"ט! ער וועט גיין. ער וועט בעטןביים פריץ... ער וועט פועל'ן, אז א צווייטער זאל נישט שטייגן מיטן פרייז... ער וועט זיין דער, וואס — קודם כל — וועט ער מיטפיהלן מיט איהם אין זיין צרה, און וועט אויך אלעס טהון איהם פון איהר ארויסצונעמען.

איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס במשך די צייט האבן זיי זיך מיט איהם אזוי איינגעלעבט. גאנץ אפט, האט מען אין די נאטור־שיינע געגנדן וואס אין פאדאליען, אדער אין די באבערגטע און בעטאלטע

מקומות אין וואהלין, געקענט זעהן, ווי דער בעש״ט זיצט אונטערן פרייען הימל, אין די סביבה פון אידישע דארפס איינוואוינער און שמועסט מיט זיי.

שמועסן? צו וואס? צו ווירקן דען נישט זיינע ארייגדרינגענדע רייד, פוהל מיט מילדקייט און ליבע־אויגן אז זיי זאלן אנהויבן צו פערשטיין, אז די וועלט הויבט זיך ניט אן מיטן פריץ און ענדיגט זיך ביי די קרעטשמע? צו הערן זיי דען נישט די ריטמישע קלעפ פון זיין אהבת־ישראל־הארץ, ווי מען וואלט זיי איבער די קעפ געשלאגן, זיי זאלן זיך פערטראכטן איבער דעם תכלית פון לעבן — בפרט פון איד׳ס — אויף די וועלט? ניין! נישט קיין אויפקלערונג־דרשות אדער מוסר־תוכחות, זיינען זיי מסוגל צו הערן. זייער מוח פונקציאנירט שלאבערדיג. דערפאר אבער שלאגט זייער הארץ נארמאל. און ווער נאך האט געקענט מאכן דערפיהלן דעם טעם פון אידישקייט, ווי דער בעש״ט? און זיי האבן דערפיהלט. אויב זייער השגה איז געווען א קטנות׳דיגע איז זי אבער געווען מיט גרויס פשטות און תמימות, און צוליב דעם — אזוי בעהארצט.

פון אט יענער צייט — וואס איז דער עטאפ פונם זיג־רייכן טריאומף־מארש פונ׳ם חסידות איבער צעהנדליגער טויזנדער מוחות און הערצער — זיינען פערבליבן פיל ספורים, וועלכע שפיגלען אפ די תקופה פונם נץ־החמה פון חסידות־געדאנק.

יאנלאוויץ — איז דער נאמען פון א דארף, וואס ליגט נעבן הארעדענקא. ווי יעדעס דארף — אין יענער צייט — האט עס אויך געהאט זיין איד, וואס האט דארטן א קרעטשמע און ארענדע געהאלטן. ווי אלע ארענדארן, איז אויך ער קיין גרויסער תלמיד־חכם נישט געווען. קוים א שייטל עברי געקענט צוזאמען שטעלן. נישט קיין וואונדער: א גאנצן טאג געהאלטן אין מויל א שלעכטן פויליש מיט וועלכן ער איז מיט די שכורנדע פויערים אומגעגאנגען. אויסער צום ווייב, האט ער נישט געהאט מיט וועמען א אידיש ווארט צו רעדן.

צוליב א סבה — א אלט־נייע... א נאהנטער פריץ האט איבער

"זיינע" אידן א גירוש געמאכט — האט זיך דער קיבוץ אין זיין דארף פערגרעסערט. איינער פון די ניי־צוגעקומענע דארפס־איינוואוינער איז א גאנצער "ידען" געווען. די ידיעות זיינע, מיט וועלכע ער האט זיך בהרחבה'דיג געטיילט מיט זיינע אלטע און נייע שכנים, האט ער געשעפט פון די ספרים'לאך אויף "עברי־טייטש", וואס זיינען דעמאלט פיהל פארשפרייט געווען ביים ארענדארישן עולם.

דער תושב פון דארף, דער קרעטשמער, האט זיך אויף די תורות פון זיין נייעם שכן, געווארפן ווי א דורשטיגער אויף וואסער, און זיי איינגעשלונגען בנשימה אחת. קענטיג, אז א רצון צו וויסן איז אויך פריהער ביי איהם געווען, נאר ער האט נישט געהאט ביי וואס איהם אויסצוניצן. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האט ער איהם שפע'דיג אויסגעלערנט.

אין יענעם דארף האט אמאל דער בעש"ט שבת געהאלטן. מיט זיך האט ער געהאט א מנין פון זיין חבריא — אויף יעדן פאל צו קענען דאוונען בצבור.

שבת פארנאכט, — דעם בעש"ט'ס בעל־אכסניא, דער קרעטשמער, זיצט אין זיין שטוב, וואס דינט איהם אלס א אויפנאהם־צימער פאר זיינע געסט, מיט אלע אידישע דארפס לייט און ריכט־אפ שלוש־סעודות. זינט עס האבן זיך אהערגעצויגן די ארויסגעטריבענע אידן, רופט ער זיי צונויף יעדן שבת פארנאכט, צו די אבשיידס־סעודה לכבוד שבת. צו וועלכע ער גרייט אן פיש און פלייש. איינער פון די דארפס־איינוואוינער וואס געדיינקט עטליכע "סקארבאווע" נגונים, וואס ער הערט יעדן ימים־נוראים אין די דערבייאיגע שטאדט — זינגט זיי אויס אויף די שלש־סעודות'דיגע זמירות.

פון וואנען ווייסט אויך דאס דארף צו בעגלייטן דעם שבת בצוותא?... און דאך, שוין א צייט, ווי דער ישוב געזעגנט זיך מיט'ן שבת — זינגענדיג.

נישט ווייט, אינ'ם פערגרינטן גערטנדל, וואס ביים קרעטשמער,

פערברייינגט דער בעש״ט מיט זיין חבורה, די שעת רעוא דרעוא. דער קאליר פון זיין פנים בייט זיך... דא פייער רויט און אין א רגע ארום — פארמעט בלייך...

נאך הבדלה, גייט דער בעש״ט אריין אין די קרעטשמע, און ווענדעט זיך צום בעל הבית, ער זאל איהם זאגן וואס עס איז מיט זיין שלש־סעודות, וואס איז אזוי אנגענומען אינ׳ם הימל.

— איך ווייס פון גארנישט, איך פיהר זיך שוין אזוי זינט עס זיינען די אידן דא אהער געקומען, פון זיי האב איך דאס געהערט, אז א איד האט שבת א נשמה יתירה, וועלכע גייט פון איהם אוועק צוזאמען מיטן שבת. שוין לאנג, ווי איך האב געהערט פון מיין טאטן — א ארענדאר, וואס האט געוואוינט איין איד אין דארף — געהערט, ווי ער האט זיך שטענדיג געוואונטשן, אז זיין נשמה זאל אויסגיין צווישן אידן... אויב אזוי, האב איך זיך געטראכט, וויל איך אז מיין נשמה יתרה זאל אויך אויסגיין צווישן אידן... איבער דעם רוף איך צונויף די אידן יעדן שבת פארנאכט, און מען פארברייינגט אינאיינעם ביז א ליכט־אנצינדן. מעהר ווייס איך נישט, מעהר...

— מיין קינד! — זאגט איהם דער בעש״ט — ברויכסט גארנישט מעהר צו וויסן, דיין שלש־סעודות איז אין הימל זייער אנגענומען. פיהר זיך ווייטער אזוי און ג־ט וועט זיין אין דיין הילף...

צו די תלמידים זיינע וואס האבן איצט פארשטאנען דעם זין פון זייער גרויסן רבי״נס שמייכלען, האט ער צוגעזאגט, ווי פארענדיגנדיג: מיט׳ן כח פון תמימות...

נאכן ארומשפאנען איבערן צימער אהין און צוריק רופט ער זיך צו זיי אן:

— ווייסט איהר פארוואס דאס עבדות פון א איש פשוט איז אזוי לרעוא? משל למלך, וואס האט א פויגל, ווען מ׳דרעסירט אויס ער זאל קענען צווישטשענדיג ארויסזאגן עטליכע ווערטער... דער מלך, ביי

וועמען עס שטייען ארום די גרעסטע חכמים און יועצים, וואס פון זייער מויל גייען ארויס לויטער פערל־חכמות, האט מעהר הנאה בשעת דער פויגל "רעדט" ווי פון זייערע קלוגע רייד... פארוואס? ווייל דער איז פון וועמען מ׳הערט... דער חי איז ווייטער פון דבור, ווי דער מדבר פון חכמה... דעם נישט רעדעוודיגן פויגל׳ס רייד פערשאפן דעריבער איהם מעהר נחת־רוח ווי די דברי־חכמה פון מענטשן־פקחים... און דאס איז דער ענין פון תמימות׳דיגן עבודות פון אנשים פשוטים, וואס איז אזוי לרצון... דער עיקר ווער עס רעדט...

אין זכות פון שמירת שבת

געווען איז עס אין יאהר תרע"ב, קיין אמריקא האבן געשטראמט פיהל אימיגראנטן פון אייראפא, צווישן זיי האט זיך אויך געפונען א מלמד מיטן נאהמען פייוול סאסעוועד. ווען ער איז אנגעקומען קיין אמריקא האט מען איהם נישט ערלויבט אריינקומען אין לאנד וויבאלד ער האט נישט געקענט אויפווייזן אז ער האט אין לאנד קרובים און אז ער וועט באקומען א זיכערע פרנסה און נישט פאלן צו לאסט אויפן קהל.

די שיף האט געדארפט צוריק אפפאהרן אום שבת. די אידישע אינסטיטוטן וואס טהוען פאר אימיגראנטן האבן איהם צוגעשטעלט פאפירן ער זאל אונטערשרייבן אויף א ביטע מען זאל איהם לאזן אריינקומען, דער מלמד האט געדארפט אונטערשרייבן, אבער ער האט זיך ענטזאגט אונטערצושרייבן שבת.

— עס הארט מיר נישט מען זאל מיר צוריק שיקן קיין אייראפא אבער שבת וועל איך זיך נישט אונטערשרייבן.

דאס האט ארויסגערופן גרויס שטוינונג ביי די רעגירונגס קרייזן און דער באוואוסטער קאמאנדיר וויליאמס האט באפוילן מען זאל זיך פיהרן מיט דעם אידן לפנים משורת הדין.

און דאן האט זיך אויך געפונען א חברה וואס האט איהם אונטערגענומען אונטער זיין שוץ און איהם צוגעשטעלט פרנסה בריוח.

מוצאי שבת אין שוהל...

דער בעש"ט הק' זצ"ל האט דערצעהלט אז א פשוטער איד פלעגט צוזאמענקלייבן א מנין יעדן שבת פאר נאכט, צוליב "יציאת נשמה" פון די נשמה יתירה...

די זון איז שוין באלד איינגעזונקען;
איינציגע שטראלן אויפן האריזאנט־שפיגל,
ראנגלען זיך נאך און טרויעריג וואונקען
צום נאכט וואס שפרייט אויס זיינע פליגל...

אין קליינעם שוהל'כל א מנין אידן זיצן
מ'לאזט נישט דעם שבת פארשוואונדן...
זאל נאך די "נשמה יתירה" זיי שטיצן
און היילן זייערע בענקשאפט־וואונדן...

פון שבת קודש מ'קען זיך נישט שיידן
ס'שווער צו געזעגענען מיטן שבת־קעניגן
"מעין עולם הבא" א אונטערשטער גן־עדן
א העכערע פרייד, א ריינער פארגעניגן.

די שטערן לייכטן, וואכנדיגע שטערן...
אין ווינקל א איד זיצט פארטראכט
איינגעטוליעט אין שבת'דיגע ספערן
א חשבון הנפש א טיפן ער מאכט.

די פוהלע וואך דער שבת שפייזט
אזא "מן" פון הימל, רעגנט אויך היינט
צייגט פעלערן וואס דו מענטש גרייזט
מיט א תשובה ליכט גלייכצייטיג ער שיינט.

אין די זמירות שבת ווערן איינגעטונקען
ביינקשאפטן פון די טיפעניש וואס שווימען אויף
אין די שבת־טונקלקייט און שפריצן פונקען
אין דעם קליינעם שוהל׳כל — אינ׳ם קעניגליכן הויף...

מיטן דביקות׳דיגן ניגון ווערן אפגעשטופט
און פארשוואונדן פעקלאך מיט זארגן,
דער פרנסה־געדאנק וואס בויערט און צופט
ווערט פארטריבן צום וואכנדיגן מארגן...

די נשמה יתירה צאנקט, שוין געקומען איהר צייט...
וויל אויסגיין צווישן א מנין אידן אבער זיי כאפן
שיריים פון שבת־מזבח פון קעניגליכן מאלצייט
אויף די פוהלע וואך זיך זעטיגן, זיך אנזאפן...

אפפרעגן די תורה...

א בעוואסטער גאון, האט אמאל זייענדיג אין וועג, געהאלטן שבת אין א געוויסע אכסניא. האט גראדע געטראפן און צו די שלש־סעודות׳דיגע סעודה איז נישט געווען קיין לחם משנה, וואס האט דעם רב זייער פיהל מצער געווען.

— רבי! — רופט זיך אן איינער פון די אורחים — מיר ווייסן דאך אז אנדערע זיינען אויך יוצא שלש סעודות מיט א שטיקל תורה, וואס־זשע איז די ערגערניש, זאל דער רבי אונז זאגן א שטיקל תורה וועט שוין אלעס ווערן בסדר.

— גאנץ ריכטיג — ענטפערט ער איהם צוריק — ווען מ׳עסט חלה מיט פיש קען עס קיינער נישט אבווענדן, דאגעגן, אבער אז איך וועל זאגן תורה, קען גראד קומען א גרעסערער למדן און עס אינגאנצן אפפרעגן, וועל איך דאך בלייבן אן תורה און אן שלש־סעודות...

א שלש סעודות תורה

עטליכע וואכן פאר פורים, איז דוד הערש דער פעדלער אנגעקומען קיין זשעליכאוו ווי ער איז שוין געוואוינט געווען יארן לאנג. יעדן סוף ווינטער ברייננגט דוד הערש צו שלעפן די פעק אויף די פלייצעס און שטעלט אויס אין פאלוש פון גרויסן בית המדרש זיין "סחורה". די סחורה באשטייט פון סידורים, חומשים, ספרים, מעשה ביכלאך, צאינה וראינה׳ס, הבדלות, ציצית, גראגערס, קימפעט טאוולאך, און נאך אזא סארט סחורה.

ווי נאר ער האט אויסגעשטעלט זיין סחורה אויפ׳ן טיש, האט ער באמערקט אז עפעס א ענדערונג איז געשען אין שטעטל, עפעס א ערנסטע שטימונג קומט דא פאר. דוד הערש איז געווען געוואוינט אז וויבאלד ער האט אויסגעשטעלט די מטלטלין אויפ׳ן טיש, האבן די אינגלאך און די אינגערע בחורים׳לאך גענומען זיך פארען ארום אים, יעדער האט באטאפט, געקוקט, געפרעגט פרייזן — כאטש געוואוסט האט ער אז קיין ערנסטע קונים זיינען זיי נישט. אבער דאס מאל איז אנדערש. עפעס באפאלט מען אים נישט, אפילו בלויז צו באקוקן און ארומטאפן זיינע ספרים. הגם ער האט דוקא איצט געברייננגט אינטרעסאנטע זאכן.

וואס קען דאס באדייטן?

צווישן מנחה און מעריב האט דוד הערש שוין קלאר געזען אז זיין פארדאכט איז באגרינדעט. ער האט באמערקט אז די אידן אין בית המדרש סוד׳ן זיך און שושקען זיך איינער מיט׳ן אנדערן. דער פעדלער איז שטארק נייגעריג געווען צו וויסן וואס דא קומט פאר. ער האט זיך קוים דערוואַרט ער זאל קומען אין זיין קווארטיר און פרעגן דעם בעל הבית די סיבה דערפון.

קיין קונים האט ער שוין נישט געהאט. מען האט זיך אויף אים כמעט נישט אומגעקוקט. האט ער פארפאקט די סחורה אין די זעק, ארונטערגעלייגט אונטער די בענק, און אליין אוועק אין זיין אכסניא.

דארט איז ער טאקע געוואויר געווארן וואס ס׳איז געשען. און געשען איז טאקע א מעשה נורא. איינער פון די בעסטע בחורים׳לאך פון שטעטל, דער מתמיד און שארפער קאפ בערישל, איז פארנארט געווארן דורך די גלחים און ער געפינט זיך איצט אין קלויסטער, ווייט אוועק פון דער שטאט, און עס גייען ארום קלאנגען אז מען גרייט אים צו דארטן צו שמד רחמנא ליצלן.

ווי אזוי האט געקענט פאסירן אזא זאך?

זינט דער רבי ר׳ לוי יצחק זצ״ל, דער בעל קדושת לוי איז געקומען אהין אלס רב, האט ער א גרויסן עולם צוגעצויגן צום דרך החסידות. עס זיינען אבער געווען אזעלכע וואס האבן מצער געווען דעם רבי׳ן ר׳ לוי יצחק צוליב זיין דרך החסידות און איהם אפילו גע׳רודפ׳ט. דערפאר אבער האבן די בני תורה און בפרט די ישיבה בחורים זיך שטארק מתקרב געווען צום רבי׳ן און געווארן נאהנט צום צדיק מיט לייב און לעבן.

א אויסנאם איז געווען בערישל. ער איז טאקע געווען פון די בעסטע בחורים. זיין התמדה האט נישט געוואוסט קיין גרעניץ, און זיין שארפן חריפות׳דיגן קאפ האט יעדער איינער באוואונדערט. אפשר איז דאס טאקע געווען א חסרון. בערישל האט ביי זיך געפילט געהויבן און שטאלץ. און ווען אלע זיינע חברים זענען אבגעזעסן טאג און נאכט ביים רב, דער רבי ר׳ לוי יצחק, האט דאס שטאלצקייט נישט צוגעלאזט בערישלען, אז אויך ער זאל טאן ווי זיי. עס פאסט אים נישט. עס שטייט אים נישט אן. ער איז שוין נישט אנגעוויזן אויף קיין מדריך און רבי׳ן. ער קען זיך שוין אליין זיין שטעטל באשטיין...

דערצו האט ער מיטגעהאלטן מיט די מתנגדים פון רב. כאטש ער האט נאך ווייניג פארשטאנען וואס חסידות מיינט, האט ער געמיינט ביי זיך אז אזוי פיל פארשטייט ער שוין ער זאל זיין א מתנגד, א געגנער פון רב...

בערישל איז געווען דער זון פון דער אלמנה דבורה די בעקערין. דבורה איז געווען א באליבטע פערזענליכקייט אין גאנצן שטעטל. ביי חתונות און ביי יעדער שמחה פלעגט זי גיין ארויסהעלפן. קיין בעקערין איז זי אייגנטליך נישט געווען. מען האט זיך נאר גערופן "דבורה די בעקערן" צוליב איר מאן, ר׳ בצלאל, וועלכער איז געווען א בעקער. ר׳ בצלאל לעבט שוין אבער נישט א פאר יאר.

דער יתום בערישל האט געלערנט מיט פלייסיגקייט, ער האט זיך אלעמאל אויסגעצייכנט פון צווישן זיינע חברים, ביז — ביז ער האט געמאכט דעם ערשטן פאלשן שריט...

בערישל איז וואס אמאל געווארן אלץ מער דערוויטערט און פארפרעמדט פון זיינע געוועזענע חברים. און אזוי ווי אן חברותא קען מען דאך נישט אויסקומען, האט ער זיך אנגעפאנגען צו חבר׳ן מיט שלעכטע חברים. דווקא נישט קיין אויסוואורפן, דארט האט עס אוודאי נישט געהאלטן. נאר מיט משכילים, "אויפגעקלערטע", "געבילדעטע", וועלכע האבן שוין געלייענט ביכער און געוואלט "איינפירן נייע סיסטעמען אין דער וועלט ארדענונג"...

די דאזיגע נייע חברים זיינע האבן געגעבן פאר בערישלען צו לייענען קודם איין ביכל, שפעטער נאך איינס. דער שארפער קאפ זיינער האט שנעל אויפגעכאפט די ביכער. זיי האבן אים אויך באקאנט געמאכט מיט דער רוסישער אינטעליגענץ, און בערישל האט מיט זיי אפט געפירט וויכוחים. שפעטער האט ער זיך אויך באקענט מיט׳ן גלח פון שטעטל. דער גלח האט אויסגעזען ווי א פריינטליכער און סימפאטישער מענטש. צו בערישל׳ען האט ער ארויסגעוויזן עפעס א מין באזונדערן אינטערעס, און ער האט נישט געקארגט קיין קאמפלימענטן אויף זיין חשבון נאך יעדן וויכוח וואס ער האט מיט אים געהאט.

בערישל האט נישט גע׳חלומ׳ט אז דער גלח שפרייט אויס א נעץ פאר אים. אדרבא, ער האט גאר געהאלטן אז ער טוט א גוטע זאך וואס ער פירט וויכוחים מיט׳ן גלח און ער ווייזט אים אויף אז די אידישע אמונה איז די ריכטיגע אמונה, און אז זיי, די קריסטן, האבן נארישע פוסטע

גלויבנס. ער האט אויך נישט געפילט ווי ער ווערט ביסלעכווייז דערווייטערט פון זיין אמאליגן פרומען שטייגער. אין דער צייט וואס זיינע געוועזענע חברים פון דער ישיבה האבן זיך געוואלגערט הינטער די טישן פון דעם גאון און צדיק רבי לוי יצחק, האט זיך בערישל געלאזט אוועקפירן אויף די קרומע דרכים וואו די משכילישע יוגנט האט אים פארפירט.

ער האט זיך נישט געכאפט, אז אין דעם מאמענט וואס ער האט גענומען אין די הענט צום ערשטן מאל א טריפה׳נעם ביכל, איז ער שוין ארויף אויף די פאלשע רעלסן, וועלכע פירן גראד צו דער סטרא אחרא, רחמנא ליצלן.

אין איינעם א טאג, ווען בערישל האט געפירט א העפטיגן שמועס מיט׳ן גלח, האבן זיי שפאצירנדיק אוועקגעבלאנדזשעט ביז אויסער דער שטאט. הינטער דער שטאט איז געשטאנען א וואגן מיט געשפאנטע פערד. דער גלח האט פארבעטן דעם יונגן אידישן בחור׳ל ער זאל זיך ארויפזעצן אויפ׳ן וואגן און פארן מיט אים אין זיין רעזידענץ.

בערישלען איז דורך א סקרוך איבער די ביינער. וואס? ער וועט גיין מיט׳ן גלח צו אים אהיים? דארט וואו עס געפינט זיך א צלם אויף דער טיר? קיינמאל אין לעבן נישט!

דער גלח טענה׳ט אבער איין מיט אים. ער איז נישט קיין פאנאטישער גלויביגער, און אוודאי איז ער נישט קיין שונא ישראל. ער וויל נאר ער זאל קומען צו אים, וועט ער אים ווייזן פארשידענע אינטרעסאנטע זאכן, וואס זיין יונגע צאפלדיגע נשמה וועט דערפון הנאה האבן און א סך געניסן.

בערישל הערט אויס. עס איז אים שווער אנצונעמען דעם גלח׳ס פארשלאג און עס איז אים שווער אפצווארפן. ״נישט איצט״ — בעט ער זיך ביים גלח.

דער גלח זעט אז דאס אייז איז דורכגעבראכן, לאזט ער נישט אפ.

מ׳דארף שמידן דאס אייזן כל זמן ס׳איז הייס... ״קום מיט מיר. עס וועט דיר נישט באנג טאן. מיר זיינען דאך עפעס גוטע פריינט״...

בערישל איז נאך יונג, נישט דערפארן. ער קווייקלט זיך. דער גלח ווינקט צו פאר דעם טרייבער פון וואגן, ער זאל צוקומען נענטער מיט׳ן וואגן. ער אליין העלפט בערישלען ארויפקריכן אויפ׳ן וואגן. דער שמייסער האט באלד אנגעפאנגען צו טרייבן די פערד, גלייך ווי ער וואלט מורא געהאט אז דער אידישער בחור זאל נישט חרטה האבן.

מיט יעדן שריט וואס זיי זיינען אפגעפארן אהין־צו, האט בערישל׳ס הארץ געצויגן ווי מיט צוואנגען צוריק. ער וואלט גרייט געווען אפילו אראפצושפרינגען פונעם גאלאפירנדיגן וואגן. אבער דער גלח הערט נישט אויף צו רעדן צו אים. ווייזט אויס אז ער האט אויפגעכאפט זיינע מחשבות, און ער וויל אים נישט לאזן שפינען די געדאנקען, דערפאר האלט ער אין איין רעדן מיט אים.

נאך א האלבע שעה פארן איז דער וואגן אנגעקומען צום קלויסטער.

נישט איינמאל איז בערישל דורכגעפארן דעם קלויסטער. יעדן פאר פסח, ווען זיין מוטער, די אלמנה דבורה פלעגט פארן אין שכנות׳דיגן דארף נאך שטרוי כדי אנצופילן די שטרוי־זעק מיט פרישע שטרוי לכבוד פסח, עס זאל נישט זיין דערין קיין חמץ, פלעגט בערישל מיטפארן. און דעמאלט פלעגן זיי דורכפארן אויך דעם קלויסטער. בערישל פלעגט ווי אלע אידישע אינגלאך, נישט קוקן אפילו אין יענער ריכטונג, נאר ער האט ערליך געמורמלט דעם פסוק ״שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא״.

און דא פלוצים שטייט ער אליין ביים ארייגאנג פון קלויסטער. דער גרויסער צלם, דער שתי וערב הייגנט פון פארנט, און דער שפיציגער טורעם ווארפט אויף אים אן א שרעק. א צאן צו א צאן האט אים געקלאפט. ער וועט ליבער זיך אפבייסן די פינגער פון די הענט, און נישט אנכאפן די קליאמקע פון קלויסטער און ארייגיין.

דער גלח שטייט ווייטער נעבן אים. ער כאפט איהם אן ביי זיין רעכטער האנט און פירט אים אונטער מיט העפליכקייט. בערישל פילט אז

דעם גלח׳ס הענט האלטן אים ווי מיט צוואנגען. אין איין מינוט קומען אים אויף די געדאנקען זיינע קינדער יארן, ווען זיין פאטער עליו השלום האט נאך געלעבט און ער האט אים געטראגן אויף די הענט מיט צערטליכקייט אין בית המדרש. דאס הארץ האט אין אים געפלאטערט פון פרייד. די קדושה איז געווען אויסגעשפרייט אויפ׳ן חדר. און דא פירט מען אים יעצט אין דער פינסטערער טומאה, אין דער נעץ פון דער סטרא אחרא. דער ״אונטערפירער״ איז א גלח. געוואלד! וואס טוט ער?!

בערישל האט נישט קיין צייט געהאט צונויפצוקלייבן די געדאנקען. ער איז שוין געשטאנען אינווייניג אינעם קלויסטער. עס האט אים אנגעכאפט א שוידער פון דער אומהיימליכקייט. אין די זייטן ביי די ווענט פון קלויסטער זיינען געווען פיל טירלאך צו פארשידענע קאמערן. אלע ווילע זיינען פון די טירן ארויסגעקומען שקצים מיט גלחישע קליידער. געווען צווישן זיי עלטערע, יונגערע און אפילו גאר יונגע. אלע האבן זיי מיט רעספעקט געלאזט דעם גלח גיין מיט דעם יונגן בחור׳ל אין א פריוואטן צימער. די טיר האט זיך פארמאכט הינטער זיי.

★

דבורה די אלמנה האט געזען אז איר בערישל איז נאך נישט געקומען אהיים צום נאכטמאל, זי איז נישט געווען שטארק באזארגט. מסתמא האט ער זיך שוין ווידער פארלערנט אין קלויז. אבער וואו איז ער פארט אזוי לאנג? זי איז געווען ציטערדיג איבער איר עילוי׳אישן זון, בפרט נאכדעם ווי איר מאן ר׳ בצלאל דער בעקער איז געשטארבן, האט זי נאך מער אכטונג געגעבן אויף איר זון און אים געהיטן ווי די אויגן אין קאפ.

— ״עפעס גייט ער ארום לעצטנס ווי פארחלומט״ — האט זי ביי זיך געטראכט — זינט ער האט זיך אויפגעהערט צו חבר׳ן מיט די אנדערע בחורים אין חסידישן בית המדרש, פירט ער זיך אביסל מאדנע. זי האט אבער נישט פארדעכטיגט קיין שום ערנסטע זאך. דערווייל האט זיך דער גרויסער ווייזער אויפ׳ן וואנט זייגער גערוקט, און עס איז פארלאפן א שעה און נאך א שעה. — און בערישל איז נאך אלץ נישטא.

האט זי גענומען א פאטשיילע, זיך דערמיט איינגעוויקלט און זיך

געלאזט צו דער קלויז, אין קלויז איז נאך ליכטיג, אבער בערישל איז דארט נישט געווען. איז זי שוין געווארן אביסל באאומרואיגט. וואו קען ער פארט זיין? דאס איז דאך דאס איינציגע פלאץ וואו ער פלעגט פארברייינגען.

זי איז געגאנגען צו די שכנים, געפרעגט ביי אנדערע בחורים. קיינער האט איר נישט געקענט אויפקלערן וואו איר זון איז אהינגעקומען. די אלמנה איז ארומגעגאנגען פאר'צער'ט און פארוויינט. אין דער פרי האט מען שוין אין אלע בתי מדרשים פון זשעליכאוו געוואוסט אז בערישל איז ערגעץ־וואו פארשוואונדן געווארן.

אלע האבן געהאט מיטלייד מיט דער אלמנה. יעדער איינער אין שטאט האט זי ליב געהאט פאר איר גוטסקייט, און דא פלוצים אזא אומגליק. מ'האט געזוכט, זיך נאכגעפרעגט, אבער קיין שפור איז נישטא.

די משכילישע אידישע יונגען האבן זיך משער געווען, אז נישט אנדערש נאר דער גלח האט אריינגענארט דעם חריפישן עילוי בערישל צו זיך אין קלויסטער. זיי האבן דאך געוואוסט זייער חלק אין דער מעשה. דאס זיינען דאך געווען טאקע זיי, וועלכע האבן אים צום ערשט צוגעשטעלט טריפה'נע ביכער און שפעטער צונויפגעפירט מיט'ן גלח. פונדעסטוועגן האבן זיי נישט געקענט צוזען דעם צער פון דער אומגליקליכער אלמנה, און זיי האבן איר דערציילט, אז זיי האבן א חשד אז דער גלח האט בערישלען אוועקגעפירט אין קלויסטער.

דער אלמנה איז פינסטער געווארן אין די אויגן. אויף אזא בראך האט זי זיך נישט גערעכנט. איר איינציגע ליכט, דאס שווארצאפל פון אויג איז געפאנגען ביים גלח. זי איז שיעור אראפ פון זינען.

אויך די גאנצע שטאט זשעליכאוו איז געווארן אויפגעציטערט. באלד האבן זיך די בעלי בתים און פרנסים פון דער שטאט גענומען אינטרעסירן מיט דער גאנצער שרעקליכער געשיכטע, און עס האט לאנג נישט גענומען און זיי האבן אויסגעפונען אז עס איז ליידער אמת. יא, בערישל געפינט זיך ביים גלח אין קלויסטער. מען קען צו אים נישט צוקומען. דער גלח

זאגט אז ער איז געקומען אהין פון אייגענעם ווילן און ער איז גרייט זיך צו שמד'ן רח"ל.

מען האט גענומען זוכן איינפלוסרייכע מענטשן, באקאנטע פונעם גלח, וועלכע האבן ביי אים פראטעקציע, אבער ער האט אלעמען געגעבן דעם זעלבן ענטפער: בערישל וועט אננעמען דאס קריסטליכע גלויבן, ווייל ער האט זיך איבערצייגט אז דאס איז דאס ריכטיגע גלויבן...

די אלמנה האט זיך געבראכן די הענט. זי איז ארומגעגאנגען פארוויינט. זינט בערישל איז פארשוואונדן געווארן האט זי נישט צוגעמאכט קיין אויג און נישט גענומען אין מויל קיין שום זאך. זי איז געפאלן פון די פיס. דער צער איז געווען שרעקליך.

מיט די לעצטע כוחות האט זיך די אלמנה דערשלעפט צום בית המדרש פון רב, דער צדיק רבי לוי יצחק. דער רבי האט נאך געהאלטן אין מיט'ן דאווענען. בשעת דער איש האלקים רבי לוי יצחק האט געדאוונט האט קיין שום באשעפעניש נישט געוואגט צוצוגיין. די תפילות פון הייליגן רבי'ן ר' לוי יצחק האבן געשפאלטן הימלען. ווען ער האט געדאוונט איז ער געווען אויסגעטאן אינגאנצן פון דער וועלט. די געשרייען און בכיות, דאס ווארפן זיך צו דער ערד איז נישט געווען צו באגרייפן מיט'ן מענטשליכן שכל. א פחד און ציטערניש האט אנגעכאפט יעדערן ווער עס האט עס צוגעזען.

די אלמנה איז געווען פארביטערט און פארצווייפלט, האט זי זיך אריינגעריסן אין בית המדרש און אויסגעבראכן אין א יאמערליכן געוויין.

דער רבי ר' לוי יצחק האט געהאלטן ביים ענדיגן דאווענען. ער האט שוין געהערט פון דעם שרעקליכן פאל. ער האט טאקע מתפלל געווען און געבעטן רחמי שמים אז דער בחור זאל זיך ארויסרייסן פון דער נעץ פון דער סטרא אחרא, אבער דאס הארץ-רייסנדע געוויין פון דער אלמנה האט צוריסן זיין הארץ אויף פיץ-פיצלאך. זיין הייליגע צורה איז געווארן ווי פארשטארט. פון די אויגן זענען גערונען טרערן. ער איז שיעור אויסגעגאנגען פון מיטלייד מיט א אידיש קינד.

מיט גרויס התרגשות האט דער רבי אויסגערופן:

— ״גייט אהיים, אידענע, נעמט עפעס אין מויל און רוהט אייך אויס. מ׳דארף האבן כח. אט איז שוין מארגן ערב שבת, און מען דארף מאכן די צוגרייטונגען צום הייליגן שבת. מיר האבן א גרויסן פאטער אין הימל. לאמיר בעטן צו אים און האבן בטחון אז ער וועט שיקן זיין ישועה״.

דאס שטעטל איז ווי איינגעהילט אין טרויער. א קליינינקייט, איינער פון די בעסטע בחורים אין שטעטל, ממש א שפיגעלע. ווער האט געדולד אנצוגיין מיט די טעגליכע באשעפטיגונגען, אז דארט אין דעם פינסטערן קלויסטער זיצט דער חריפישער בחור און מ׳גרייט זיך אים אפצושמד׳ן ר״ל.

דבורה די אלמנה האט געפאלגט וואס דער רב האט איהר געהייסן. זי האט זיך געשטעלט קאכן אויף שבת. די מאכלים זיינען אבער נישט געווען באשמאלצן מיט פעטן, נאר באגאסן מיט טרערן, הייסע זודיגע טרערן פון א אידישער אומגליקליכער אלמנה.

דער הייליגער שבת איז אנגעקומען. יעדער איינער האט פרובירט צו באהאלטן דעם אינווייניגסטן צער. ס׳איז דאך שבת. אבער מען האט אים נישט געקענט באהאלטן. אויפצומארגנס נאך שבת, זונטאג אינדערפרי גרייטן זיך דאך די גלחים אפצושמדן דעם טייערן בחור, דעם עילוי בערישל! וועלכעס אידישע הארץ קען דאס רוהיג אויפנעמען?

דאס מנחה דאווענען פון הייליגן בעל קדושת לוי יענעם פרייטאג־פאר־נאכט איז געווען עפעס אויסערגעוויינליך, מיט בכיות און השתפכות הנפש, אזוי ווי ביי כל נדרי. אויך ביים טיש האט מען געזען אז דער צדיק שוועבט אין די עולמות העליונים. דער עולם איז געשפאנט, מ׳נייגט אן די אויערן צו הערן די תורה, וואס וועט מסתמא אויך זיין נישט ווי געוויינליך.

די תורה איז טאקע געווען מיט גרויס התעוררות. אזוי אויך די תורה בייטאג און די תפילות פון א גאנצן שבת. אבער דער קלימאקס איז געווען ביי שלש סעודות. אין דער טונקלקייט פון בין השמשות זיינען געווען די

אידן צוניפגעפרעסט אינעם בית המדרש, געזונגען מיט השתפכות הנפש די זמירות און געוואָרט מיט שפאנונג די שלש סעודות תורה.

עס איז געווען שבת פאר פורים. עס איז געווען א עיבור־יאר און מ׳האט געליינט די סדרה ויקרא. דער רבי האט זיך געשטעלט אויפ׳ן פסוק ״ונפש כי תחטא״ אז א אידיש נפש זינדיגט נעבאך, אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאנען האט מען געברייינגט א קרבן און די זינד איז פארגעבן געווארן. אבער יעצט בעונותינו הרבים איז דאס בית המקדש חרוב. איז דער טיש פון א אידן במקום א מזבח. מ׳דארף פירן א ריינעם הייליגן אידישן טיש, ריין פון מאכלות אסורות, און מ׳דארף היטן די אויגן און די מחשבות מ׳זאל נישט מפגל זיין און אומווירדיג מאכן דעם קרבן. ווארום אז א מענטש האט ריינע מחשבות, אז ער פארדארבט נישט זיין נשמה מיט קיין טריפה׳נע ביכער און מיט קיין שלעכטע חברותא, קומט מען נישט צו זינדיגן. דאס איז דער ערשטער שריט פון בעל דבר, דערנאך האט ער שוין דעם מענטשן אין די הענט און טהוט מיט אים וואס ער וויל...

דער עולם זיצט און הערט אויס מיט ציטער. אלע פארשטייען צו וואס דער רבי צילט. עס הערשט א פארכטיגע שטילקייט אין בית המדרש.

דער רבי זעצט פאר:

— דער פסוק זאגט ווייטער: ״ושמעה קול אלה״ — אז א אידיש נפש הערט א שבועה — טאקע א פלא: א אידיש נפש וואס האט געהערט די פיהל שבועות אויפ׳ן בארג סיני וואס הקדוש ברוך הוא האט באשוואוירן דאס אידישע פאלק צו האלטן די תורה הקדושה, ווי קען גאר אזא אידיש נפש זינדיגן און פארקריכן אויף א שלעכטן וועג? א איד דארף זיך דאך שעצן איבערגליקליך וואס ער איז געבוירן א איד, און מיר מאכן יעדן טאג א ברכה דערויף און דאנקען און לויבן דעם באשעפער וואס מיר זיינען א חלק אלוק ממעל, טא ווי קען מען זיין אזא פאררעטער און אראפקריכן פון אידישן וועג און זינדיגן? בפרט אז יעדן טאג גייט ארויס א בת קול פון הימל און רופט אויס און שרייט: ״שובו בנים שובבים״ — קערט אייך אום צו מיר אידישע פארבלאנדזשעטע...

אלע פילן בחוש, אז דאס איצטיגע תורה זאגן איז נישט קיין איינפאך תורה זאגן. דער רבי צילט איצט מיט זיינע ווערטער ארויסצוראטעווען דעם געפאנגענעם בערישל פון די נעגל פון דער סטרא אחרא.

— ״עס איז פאראן א עצה: זיך פארצושטעלן דאס געשטאלט פון טאטן, אויב מען האט א ערליכן פאטער, צו זיין מקושר צו צדיקים און ערליכע אידן, און זיין גרייט אויף מסירות נפש. אויב מ׳איז גרייט אויף מסירות נפש פאר אידישקייט, ווערט מען אויסגעהיטן פון זינד...

אין בית המדרש איז שטיל און טונקל. מ׳הערט בלויז דאס זיפצען און שלוכצען פון עולם. פון דרויסן הערט זיך דאס וואויען פון א שטארקן ווינט. דער ווינט פייפט, רייסט דעכער, טירן, פענסטער. דאס אלץ מאכט נאך מער אימה׳דיג. עס איז שוין לאנג אויס שבת, דער עולם זיצט נאך אלץ ביים טיש. דער ווינט ווערט וואס אמאל אלץ שטארקער און שטורעמדיגער, און ווען דער רבי ענדיגט דאס זאגן תורה, הערט זיך פונדרויסן דאס וואיען פון שטורעמווינט.

ענדליך האט מען אנגעצונדן ליכט. נאך הבדלה, נאך איידער דער עולם האט גענומען זינגען ״המבדיל״. האט זיך די טיר פון בית המדרש האסטיג אויפגעעפנט און אויף דער שוועל פון דער טיר איז געשטאנען נישט קיין אנדערער ווי בערישל. די קניען האבן זיך ביי איהם ווי אונטערגעבראכן און ער איז געפאלן אין אנמאכט...

ס׳איז געווארן א רעש און א טומל. אלע זיינען געווען אויסערגעוויינליך איבערראשט און געפלעפט. אנשטאט צו פרייען זיך איז יעדער געשטאנען ווי פארגליווערט.

באלד האט איימיצער אנגעזאגט דעם רבי׳ן אז בערישל איז נאר וואס אריינגעלאפן אין בית המדרש, און אז ער איז אוועקגעפאלן אויף דער ערד אין חלשות. אט ליגט ער דארט ביי דער טיר פון פאליש.

דער רבי ר׳ לוי יצחק, דער קדושת לוי איז צו אים צוגעגאנגען און מיט פאטערליכער צערטליכקייט געהאלפן אויפשטיין פון דער ערד. בערישל האט זיך געשעמט אויפצוהויבן די אויגן. דער קדושת לוי האט

אים בארואיגט, געגלעט. דער רבי האט געהייסן אריינברייגנען טיי און קיכל, ער זאל זיך דערכאפן דאס הארץ.

בערישל האט זיך נישט צוגערירט, נישט צו די קיכל און נישט צו די טיי. ער איז געזעסן שווייגנדיג, מיט די אויגן אראפגעלאזט און האט נישט אויפגעהערט צו שלוכצען און וויינען.

דער גרויסער אוהב ישראל, דער קדושת לוי האט געפילט אז דער בחור דארף זיך אפרעדן דאס הארץ, כדי עס זאל אים גרינגער ווערן, ער זאל זיך באפרייען פון די שולד וואס ער פילט אויף זיך. האט ער געהייסן בערישל׳ען ער זאל דערציילן אלץ וואס האט מיט אים פאסירט זינט ער איז פארשלעפט געווארן דורכ׳ן גלח און ווי אזוי ער האט זיך פון דארט ארויסגעראטעוועט.

נישט גערן האט בערישל געעפנט דאס מויל. ער האט דערציילט אז ער האט לכתחילה נישט געוואלט מיטגיין מיט׳ן גלח, אבער יענער האט אים מיט זיסע רייד פארנארט און שפעטער, ווען ער האט זיך שוין געכאפט, איז שוין געווען צו שפעט. ער איז שוין געווען פארשפארט אין קאמער אין קלויסטער.

״זיצנדיג איינזאם אין דער קלויסטער קאמער, — האט בערישל ווייטער דערציילט — בין איך געווארן פוהל מיט חרטה געפילן. וואס האב איך דא געטאן? ווי האב איך דאס געקענט אזוי נידריג זינקען? ווי וועט דאס מיין מאמע די ארימע אלמנה נעבאך קענען אויסהאלטן? איך האב זיך נישט געקענט געפינען קיין ארט.

״פרייטאג נאכמיטאג איז מיר געקומען אויפ׳ן זינען, אז מיין אומגליקליכע מאמע וויינט נעבאך און קלאגט. ווי קען זי צוגרייטן די מאכלים אויף שבת, אז איר קינד איז נישטא? עס האט מיך אנגעכאפט א אומענדליכע רחמנות צו איר נאך מער ווי צו מיין אייגענעם ביטערן גורל. מילא איך בין שוין פארפאלן, אבער ווי וועט זי דאס איבערלעבן? וויניג צער און צרות האט זי געהאט ביז איצט? פארוואס האב איך זיך געלאזט פארפירן פון די שלעכטע חברים? האט דאס מיין טייערע איידעלע מאמע פארדינט פון מיר?

״פארשאלטן זאלן זיין די טריפה׳נע ביכער וועלכע האבן מיין נשמה אזוי פארסמט׳ט, אז איך האב זיך אפילו נישט אין אכט גענומען. ווער ווייסט צו איצט איז שוין נישט צו שפעט...

״פרייטאג צו נאכטס איז מיין בייגקשאפט אהיים נאך מער געשטיגן. איך האב זיך פארגעשטעלט דאס הייליגע בילד ווי אלע אידן גייען דאווגען אין די בתי מדרשים, מ׳זעצט זיך צו די הייליגע שבת׳דיגע סעודות — און איך בין דא פארשפארט אין א קלויסטער, אין דער נעץ פון דער טומאה. געוואלד! ווי קען מען דאס איבערטראגן?!

״איך האב זיך נישט צוגערירט צו די מאכלים. אין האלז איז מיר ענג געווארן. איך האב קיין אויג נישט צוגעמאכט. איך האב זיך פארגעשטעלט די אנדערע שבתים, ווען איך פלעג מעביר סדרה זיין. און אט בין איך דא אין טומאה. פסוקים פון דער פרשה פון דער וואך זענען מיר דורכגעפלויגן דעם מוח און איין פסוק האט זיך מיר שטענדיג ווידערהאלט אין געדאנק ״ונפש כי תחטא ושמעה קול אלה״... דער פסוק האט מיך נישט אפגעלאזט א גאנצן שבת. אין משך פון שבת׳דיגן טאג האב איך אנגענומען א פעסטן באשלוס אז איך טאר מיך נישט פון אייגענעם ווילן איבערגעבן אין זייערע הענט. אויב זיי וועלן מיך נישט באפרייען מיט גוטן, וועל איך זיך ארויסרייסן פון דארט מיט געוואלד. אבער ווי אזוי טוט מען דאס? די טיר איז דאך שטענדיג פארשפארט און אין דרויסן שטייען וועכטערס. וועל איך זיך מוסר נפש זיין! — האב איך באשלאסן.

״פארנאכט, ווען ס׳איז טונקל געווארן בין איך געוועזן גרייט צום ריזיקאלישן שריט. דער קאמער איז פארשפארט. דאס איינציגע פענסטער פון דער קלויסטער קאמער איז הויך. וועל איך זיך אפילו אראפווארפן פון פענסטער, אבער קיין לעבעדיגן וועלן זיי מיך נישט ארייגקריגן אין זייערע הענט...

״עס האט געבלאזן א שרעקליכער שטורעם ווינט. איך האב געזאגט וידוי, געבעטן אז מיין טויט זאל זיין א כפרה פאר די זינד וואס איך בין

באגאנגען, און מיט די ווערטער פון "שמע ישראל" האב איך זיך ארויסגעווארפן פון פענסטער — — —

"אלעביינער און אינווייניגסטע איברים זענען מיר אויפגעטרייסלט געווארן — אבער איך בין געבליבן לעבן. איך בין געלעגן אויף דער ערד, און געציטערט, אז אט וועלן אנקומען די גלחים און מיך פייניגן. זיי זיינען אבער נישט געקומען. דער מורא'דיגער שטורם האט ווייזט אויס גורם געווען אז קיין שום באשעפעניש זאל זיך נישט באווייזן אין דער גאנצער געגנט ארום. איך האב צוזאמענגענומען די לעצטע כוחות און אריבערגעשפרונגען דעם פלויט. ווען איך בין שוין געווען אויף יענער זייט פון פלויט האב איך אין איין אטעם גענומען לויפן ביז אהער, צום בית המדרש פון רבי'ן.

— און יעצט רבי — האט בערישל אויסגעפיהרט — גיט מיר ארויס א תשובה ווייל מיין חטא איז זייער גרויס!...

דער קדושת לוי האט געקוקט אויף אים מיט רחמנות, און אים בארוהיגט:

— "דערמיט וואס דו האסט דיך מוסר נפש געווען, האסטו שוין אויסגעקויפט דיין זינד. אבער זאל דאס דינען א מוסר השכל פאר אנדערע, אז דער ערשטער מינדעסטער אפנויג פון ריכטיגן אידישן וועג, ווי חבר'ן זיך מיט שלעכטע חברים, זוכן און שעפן השפעה פון נישט ערליכע קוואלן, לייענען ביכער און שעדליכע ליטעראטור, קען חלילה דערפירן ביז צום שאול תחתית, דערפאר מוז א איד זיין שטענדיג באהאפטן צום דרך האבות, צום דרך פון דער תורה הקדושה און פון די הייליגע צדיקים.

א עת רצון

דעריבער ווערט אנגערופן די צייט פון שבת פארנאכט, רעוא דרעוין, א עת רצון, ווייל די בריאה פון דער וועלט האט זיך אנגעהויבן נאכט פון זונטאג, דאס איז אנהויב מוצאי שבת קודש, און די צייט פאר דעם איז געקומען דער רצון ביים באשעפער צו באשאפן די וועלט.

(רבי מענדעלע מרימינוב)

א מאמענט פון התעוררות

עס איז א פייערליכער מאמענט אין יעדן חסידישן שטיבל. עס איז די הארציגסטע צייט פון דער שבת־קודש. ווען די קדושה פון שבת און די קדושה פון רבי׳ן ווערן פעראייניגט און דער חסיד ווערט פערטראגן אין וועלטן פון כולו קודש.

ווען חסידים זיינען אליין, זיצן זיי ארום די טישן אין זייערע שטיבלאך און האלטן זייערע געדאנקען קאנצענטרירט אויף זייער רבי׳ן. זיי קוויקן זיך מיט די מעשה׳לאך, וואס ווערן דעמאלס דערציילט פון רבי׳ן, און זיי זיינען מכוון ווי זיי וואלטן געזעסן פאר זייער רבי׳ן און געזעהן פאר זיך זיין הייליגע צורה.

פארשטייט זיך, אז דער גאר העכסטער אויסדריק קריגט דער שלש סעודות אין רבין׳ס הויף, אין דעם זאל וואו ער פראוועט דעם טיש פאר דעם גרויסן עולם חסידים.

★

אין טאלנער הויף האט דער שלש סעודות געהאט זיין אייגנטימליכן כאראקטער, חסידים האבן אויפן שלש סעודות ארויסגעקוקט מיט דער גרעסטער שפאנונג, עס איז געווען פאר זיי א מאמענט פון הרהור תשובה, פון בטול היש.

חסידים האבן געזאגט, אז אויב ר׳ דוד׳ל איז שטענדיג געווען קודש, איז ער צו שלש סעודות געווען קדש קדשים, ער האט זיך דעמאלס דערהויבן צו דער גרעסטער מדריגה פון א בשר ודם.

חסידים האבן עס נישט בלויז געפיהלט, נאר טאקע געזעהן — געזעהן מיט זייערע אייגענע אויגן בפועל ממש, מען האט עס געזעהן אויף זיין פנים, וואס לויט ווי חסידים האבן געזאגט, האט ער צו שלש

סעודות געלויכטן ווי די לבנה, בעזונדערס דעמאלס ווען ר׳ דוד׳ל פלעגט זיך צוווארעמען אין זיין תורה און אריין אין התלהבות.

אין גרויסן זאל איז דעמאלס געווען טונקל, א קליינע גרויקייט וואס האט זיך דורכגעריסן דורך די פענסטער, האט דעם עולם חסידים איינגעוויקלט ווי אין א נעפל, מען האט נישט געקענט אונטערשיידן קיין פנימער מיט קיין גופים, דער גאנצער עולם איז צוזאמען געשמאלצן געווארן אין איין גרויסער מאסע, בלויז דא און דארט האט מען געקענט אויפכאפן דעם פינקל פון א פארטרערטע אויג, וואס איז געווען געריכטעט אויפן רבין, אויבנאן ביים טיש.

אלעמענס הערצער האבן געשלאגן ווי ביי איין מענטשן, אלעמענס געדאנקען זיינען געווען פערנומען מיט איין זאך, מיט ר׳ דוד׳לען, און ר׳ דוד׳לס שטימע האט זיך געהאלטן אין איין שטארקן, זיך דערהויבן טענער ווייז, ביז זי האט אויסגעפיהלט דעם גאנצן חלל און דורכגענומען אלעמענס הערצער.

ר׳ דוד׳ל פלעגט שטענדיג אנהויבן שטיל, ממש שעפטשענדיג, וואס האט געקלונגען ווי דער געמורמל פון א קליין וואסער׳ל, האלבע טענערווייז, און גאנצע טענערווייז. אבער מיט א מאס ווי פון א געניטן מנגן, מיט א מוזיקאלישן רעגלמעסיגקייט, פלעגט זיך זיין שטימע הויבן און ווערן שטארקער, ביז זי פלעגט זיך דערהויבן צו דער קראפט פון א מעכטיגן שטראם, און זיין שטימע האט געקלונגען הימל זיס, ווי די שירה פון מלאכים. א הייליגער פחד פלעגט דורכנעמען די חסידים, און ווי פארשטיינערט איימיצנס הארץ איז נישט געווען, פלעגט עס דערפיהלן א הרהור תשובה.

נישט איין זינדיגער איז פון ר׳ דוד׳לס שלש סעודות אוועק א פוהלשטענדיגער בעל תשובה און אויף אייביג א געטרייער חסיד פון טאלנער.

קיין טאלנע פלעגן אפט קומען נישט נאר חסידים, נאר אויך מתנגדים. די הנהגה פון טאלנער הויף, דער פראכט און גלאנץ וואס זיי

פלעגן דארט זעהן, האט אויף אלעמען געמאכט א גרויסן רושם, זיי האבן אבער נאר געדארפט בייוואוינען א שלש סעודות און זיי זיינען שוין אויף שטענדיג צוגעבונדן געווארן צו ר׳ דוד׳לען און געווארן זיינע איבערגעגעבנסטע חסידים.

דערציילט מען אז אין טאלנע איז אמאל ארונטער געקומען א בערלינטשיק, א שטיק משכיל, וועלכער האט זיך אויסגעלאכט סיי פון חסידות און סיי פון אידישקייט.

וואס עס האט איהם געבראכט קיין טאלנע האט מען נישט גענוי געוואוסט. ער איז דארטן געבליבן ביז איבער שבת. האבן זיך שוין געפונען אזוינע וואס האבן איהם אנגעהויבן צו רופן צום רבין, ער האט אבער דערפון נישט געוואלט הערן.

— קום צום רבינ׳ס טיש, הער זיין תורה, זעה צו די הנהגה, און דו וועסט ווערן ר׳ דוד׳לס א חסיד — האבן איהם די טאלנער געזאגט.

דער בערלינטשיק האט זיך אויסגעלאכט, ער האט עס געהאלטן פאר א שפאס. האבן חסידים איהם נישט אפגעלאזט און בלויז געוואלט פועלן אז ער זאל גיין צום טיש, ער האט זיך געלאזט איבעררייידן.

ער איז געגאנגען פרייטאג צו נאכטס צום רבינ׳ס טיש, אויסגעזעסן די גאנצע צייט און זיך צו אלץ צוגעקוקט און צוגעהערט, און ווען מען האט איהם שפעטער געפרעגט, וואס ער האט וועגן דעם צו זאגן, האט ער א מאך געטאהן מיטן האנד, ווי ער וואלט עס אינגאנצן מבטל געמאכט.

— אך, מיט אזוינע זאכן קען מען מיר נישט נעמען! — האט ער געענטפערט.

דאס אייגענע איז אויך געווען אויף מארגן צו דער צווייטער סעודה, דאן איז געקומען שלש סעודות — און דער בערלינטשיק איז געווארן גאר א אנדערער.

די זמירות וואס זיינען געזונגען געווארן, די תורה וואס ר׳ דוד׳ל האט געזאגט, און דער פארעם ווי אזוי ער האט עס געזאגט, זיין

דורכנעמענדיגער טאן, זיין פייערליכקייט — האבן אויפן בערלינטשיק געהאט א שטארקן ווירקונג.

א פחד איז איהם בעפאלן, ווען ער האט מיט אמאל דערזעהן דאס ליכט וואס שטראלט פון ר׳ דוד׳לס פנים, און דער גרעסטער מאמענט פון אמת׳דיגע התעוררות איז געקומען ווען ער האט געזעהן ווי פון ר׳ דוד׳לס אויגן גיסן זיך שטראמען טרערן.

ר׳ דוד׳ל איז בטבע נישט געווען קיין בעל בכי, ער האט אבער פערגאסן טרערן זייער אפט, דערהויפט ווען ער האט געזאגט תורה. דאס איז געקומען פון זיין אייגענער התעוררות, פון זיין אייגענער דערוואַרעמונג.

חסידים האבן זיך שטענדיג געוואונדערט פון וואנען עס נעמען זיך ביי איהם אזוי פיהל טרערן, און געזאגט האט מען אז ר׳ דוד׳ל פערגיסט טרערן כדי אנצופיהלן דעם בעכער, וואס שטייט, פאר הקדוש ברוך הוא און אויף וועלכן עס ווערט געזאגט, אז ווען ער וועט פוהל ווערן, וועט קומען די גאולה.

ר׳ דוד׳לס טרערן פלעגן אויך ארויסרופן טרערן ביי די חסידים, מען פלעגט זיך דעמאלס באדן ממש אין זייערע אייגענע טרערן.

דער בערלינטשיק איז אזוי צונומען געווארן. אז ער האט זיך צווויינט און האט נאכער אליין מודה געווען, אז ער קען מער פון טאלנע נישט אוועקפאהרן ביז ער וועט נישט זיין ביים רבין און נעמען זיין ברכה.

דער סוף איז געווען אז דער דאזיגער משכיל איז געווארן א אפטער בעזוכער אין טאלנע און געווען איינער פון ר׳ דוד׳לס פייערדיגע חסידים.

איין שעה

— דאס וואס די חז״ל זאגן — האט דער קאצקער רבי געזאגט — אז ״יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה״, דאס מיינט מען די שעה פון שלש סעודות, ווי עס שטייט אין דעם זמר ״חדו השתא בהאי שעתא״.

דער כח פון נגינה

צווישן מאדזשיצער חסידים דערציילט מען פאלגענדע געשיכטע, וואס באווייזט ווי גרויס עס איז געווען דער כח פון מאדזשיצער רבי׳ן און זיין נגינה.

דער אלטער רבי, ר׳ ישראל זצ״ל האט ווי באוואוסט געוואוינט אין שכנות מיט די רוסישע פעסטונג איוואנגראד. דארט אינ׳ם קליינעם שטעטל מאדזשיץ, האט ער אויפגעשטעלט זיין הויף. דארט זיינען געקומען זיינע חסידים און אנהייגער, כדי פארברייגען מיט זייער רבי׳ן אין א וועלט פון גייסט און דערהויבנקייט, פון תורה און נגינה.

דעם הויך־פונקט פון גייסטיגער התנשאות, האט מען דערגרייכט אין מאדזשיץ אין צייט פון ״שלש סעודות״ — אין די שבת־פארנאכטן. אין גרויסן בית המדרש איז געווען שטאק־פינסטער. חסידים זיינען געשטאנען קעפ אויף קעפ און איינגעזאפט די הימלישע טענער, וועלכע זיינען געפלאסן פון רבינ׳ס מויל, וועלכער האט אליין געזונגען די אייגענע שאפונגען אויף ״בני היכלא״, ״מזמור לדוד״ און ״ידיד נפש״.

און נישט בלויז דאס בית מדרש איז געווען פול געפאקט, נאר אויך אין דרויסן הינטער די פענסטער זיינען געשטאנען הונדערטער מענטשן. דארונטער אויך פיל נישט־אידן, וואס האבן זיך איינגעהערט צו דעם דאזיגן אריגינעלע מאדזשיצער נגינה.

★

אין דער פעסטונג האט געדינט א הויכער אפיציר אלס קאפעלמייסטער וועלכער האט אנגעפירט מיט׳ן גרויסן ארקעסטער פון פולק. געקומען איז דער קאפעלמייסטער פון טאשקנט, און געשטאמט האט ער פון אידן. אבער אפילו ער אליין האט שוין געהאט פארגעסן פון

זיין אפשטאמונג, אויך זיין אויסזעהן האט נישט עדות געזאגט אז ער קומט ארויס פון אידן.

איינמאל איז דער דאזיגער קאפעלמייסטער פארבייגעגאנגען אין א שבת פארנאכט ביי שלש סעודות דעם רבינ׳ס בית המדרש און דערהערט א זאנדערבארע נגינה. די דאזיגע נגינה האט איהם, דעם רוסישן אפיציר אזוי פארכאפט, אז ער האט זיך אריינגעכאפט אין בית המדרש, — פינסטער איז דאך סיי ווי געווען, און קיינער האט איהם נישט באמערקט — און איינגעזאפט אין זיך דעם רבינ׳ס נגינה, נישט קענענדיג זיך אפרייסן פון ארט.

ווען מען האט געמאכט ליכטיג און מען האט דערזען דעם גאסט, איז געווארן א רעש אין בית מדרש, א קלייניגקייט, דער הויפט־קאפעלמייסטער פון פעסטונגס־ארקעסטער איז דא?! דער קאפעלמייסטער האט געבעטן איינעם פון די ארומיגע אידן, ער זאל צוגיין צום רבי׳ן בעטן איהם אז דער רבי זאל איהם אויפנעמען.

דער רבי האט מסכים געווען איהם אויפצונעמען נאך הבדלה אין זיין פריוואטער וואוינונג. אריינקומענדיג צום רבי׳ן, האט דער קאפעלמייסטער אויסגעבראכן אין א געוויין און געזאגט:

— הייליגער רבי, איך שטאם פון טיף רוסלאנד. מיינע עלטערן זיינען געווען אידן, אבער מיין מוטער האט זיך געטויפט צוזאמען מיט אלע איהרע קינדער. אויך איך האב שוין לאנג פארגעסן פון מיין אידישן אפשטאם. אבער דעם רבינ׳ס ניגון האט אין מיר דערוועקט די אידישע נשמה. וואס מער איך האב זיך איינגעהערט אין רבינ׳ס ניגון, אלץ מער האט אין מיר דערוואכט דאס אידיש געפיהל. הייליגער רבי, איך פיהל, אז איך בין א איד, און איך וויל זיין א איד, און איך נויטיג זיך אין אייער הילף, אין אייער גייסטיגער השפעה.

דער רבי האט געטרייסט דעם קאפעלמייסטער און געפרעגט איהם צו ער געדיינקט נאך עפעס א אידיש ווארט, א ווארט פון דאווענן.

— ניין רבי, איך האב שוין אלעס פארגעסן. איך געדיינק נאר בלויז די צוויי ווערטער, "ברוך אתה" און מער נישט.

— גוט, גוט, — האט דער רבי זיך דערפרייט מיט אט די צוויי ווערטער ווי מיט א טייערן אוצר — גיי אהיים און יעדן פריה־מארגן, ווען דו וועסט זיך נאר אויפכאפן פון שלאף זאלסטו זאגן עטליכע מאל "ברוך אתה". און אין א וואך ארום זאלסטו ווידער קומען צו מיר.

דער קאפעלמייסטער איז אוועק א געטרייסטער,. ווי א נייע נשמה וואלט אין איהם אריין, אבער ער האט זיך נישט געקענט דערווארטן אויפ'ן סוף פון דער וואך. אין צוויי טעג ארום איז ער ווידער געקומען צום רבי'ן, און דאסמאל, צוזאמען מיט דער פרוי.

— הייליגער רבי, איך האב געטאן ווי דער רבי האט מיר געהייסן. אויך מיין פרוי זאגט א גאנצן טאג: "ברוך אתה", אבער מיר פיהלן אז דאס איז נישט גענוג, מיר נויטיגן זיך אין מעהר גייסטיגע שפייז...

דער רבי האט זייביידן פריינדליך אויפגענומען. קודם כל האט ער זיי באפוילן וואס ווייניגער מחלל שבת זיין, מען זאל אין הויז נישט קאכן שבת, און בכלל זאל ער זיך באמיהען איבער דער דינסט־פליכט אבצוהיטן שבת.

דער קאפעלמייסטער האט פארשפראכן אלץ אבצוהיטן. ביסלאכווייז האבן זיי זיך אנגעהויבן פירן ווי אידן. קויפן כשר פלייש, דאס ווייב האט געצונדן ליכט, ווי יעדע אידישע טאכטער.

דער קאפעלמייסטער איז געווארן א אפטער גאסט ביים רבי'ן, איבערגענומען זיינע ניגונים און אויסגענוצט זיי פאר'ן ארקעסטער. ווען עס זיינען געקומען אין פעסטונג געהויבענע געסט פון ווארשא, פון פעטערבורג, האט ער געשפילט מיט זיין ארקעסטער מאדזשיצער מארשן און מאטיוון, וואס האבן איבערגעלאזט א טיפן רושם און אלע גרויסע שררות האבן איהם דערפאר געלויבט.

ווען עס איז געקומען דער יום טוב פסח, האט דער קאפעלמייסטער

באשלאסן צו היטן פסח ווי אלע גוטע און פרומע אידן. אלץ וואס דער רבי האט איהם געזאגט, איז געווען ביי איהם הייליג, און נישט קוקנדיג דערויף וואס ער האט געלעבט אין פעסטונג, אין איין הויז מיט אנדערע אפיצירן, האט ער אפגעהיט דעם פסח, מיט מצה און מיט כשרות און דעם דינער זיינעם האט ער נישט געלאזט עסן קיין חמץ ביי זיך אין הויז.

איינמאל, ווען דער דענטשיק (דינער) איז געשטאנען אין דרויסן און געגעסן, איז פארבייגעגאנגען א אפיציר און איהם געפרעגט פארוואס ער עסט אין דרויסן.

— מיין בעל הבית האט מיר ארויסגעווארפן, ווייל איך עס ברויט. דער קאפעלמייסטער עסט נאר מצה, ווי אלע אידן.

— אזוי גאר?! דער קאפעלמייסטער איז א יעוורעי, און ער האט ארויסגעווארפן פון זיין שטוב א פראוואסלאוונעם, — האט יענער אפיציר זיך צושריגן — אה, דאס וועט איהם נישט פארשוויגן ווערן.

דער אפיציר האט גלייך געמאלדן דעם קאמענדאנט פון פעסטונג און אין עטליכע טעג ארום האט דער קאפעלמייסטער באקומען פון דעם קאמענדאנט א מיטטיילונג, אז אין משך פון צוויי וואכן זאל ער פארלאזן זיין אמט, און ער זאל זיך זוכן א צווייטן זשאב.

באקומענדיג דעם בריוו איז דער קאפעלמייסטער אוועק צום רבי'ן און דערציילט איהם וועגן זיין מצב. דערביי האט דער קאפעלמייסטער דערציילט, אז ער גיט דעם פאלקאווניק א לעקציע אין פידל־שפילן, ווייסט ער נישט וואס צו טאן, זאל ער גיין צו איהם געבן די לעקציע אדער נישט.

דער רבי האט געהייסן איהם גיין צו דער לעקציע און ביי דער געלעגנהייט איהם דערציילן, אז מען האט איהם ענטזאגט.

קומענדיג אין הויז פון פאלקאווניק, איז דער לעצטער ארויס מיט א ווילדן געשריי:

— ווי האסטו געוואגט צו קומען אהער? דו ווייסט דען נישט דעם

טומל, וואס דו האסט ארויסגערופן אין פעסטונג מיט דיין אידישקייט, מיט דיין ארויסטרייבן דעם דענטשיק צוזאמען מיט דער דינסט פון דיין עסן אין קיך.

— וואשע בלאגאראדיע, זאל מיר ערלויבט זיין צו זאגן א פאר ווערטער אין מיין פארטיידיגונג.

דער פאלקאווניק האט אויסגעהערט די לעבנס־געשיכטע, ווי ער איז געבוירן געווארן א איד, און ער האט פארגעסן פון אידישקייט, ווי אזוי עס האט זיך אין איהם דערוועקט דאס פינטעלע איד, פארבייגייענדיג דעם רבינ׳ס בית מדרש, און הערנדיג זיין נגינה.

— אזוי שטארק האט אויף דיר געווירקט דעם רבינ׳ס זינגען? — האט דער פאלקאווניק געפרעגט — איך וואלט וועלן הערן עפעס וואס פון די שאפונגען פון דעם וואונדערבארן מאן.

דער קאפעלמייסטער האט גענומען דאס פידל און אנגעהויבן אויספיהרן דעם מאדזשיצער ניגונים. דער קאפעלמייסטער האט זיי געשפילט מיט אלע ניואנסן, קנייטשן און השתפכות הנפש, דער פאלקאווניק האט זיי צוגעהערט מיט א געוואלדיגן ערנסט און מיט האלב־פארמאכטע אויגן. ווען ער איז פארטיג געווארן, איז דער פאלקאווניק צוגעגאנגען צו זיין שראנק, ארויסגענומען פון שיפלאד א פאפיר, און געזאגט:

— זעה, דאס זיינען דיינע פאפירן, וואס דער קאמענדאנט האט מיר צוגעשיקט אונטערצושרייבן. איך צורייס דעם פראטאקאל פאר דיינע אויגן, דעם רבינ׳ס נגינה איז באמת הימליש און איז אימשטאנד צו באגייסטערן און משפיע זיין נישט נאר אויף אידן פון געבורט, נאר אויך אויף א קריסט, איך ערקלער דיר אז דו בלייבסט אויף דיין אמט, אבער בתנאי, אז דו זאלסט מיר ערמעגליכן צו הערן די נגינה פון רבינ׳ס מויל. נאטירליך טאר קיינער דערפון נישט וויסן ווער איך בין...

זייט דאמאלס פלעגט מען זעהן אין די שבת׳דיגע פארנאכטן ביי די פענסטער פון רבינ׳ס בית המדרש דעם קאפעלמייסטער מיט דעם

פאלקאווניק, פארקליידט אלס ציווילע, וועלכע האבן זיך איינגעהערט צום "בני היכלא" און צום "ידיד נפש"...

דער קאפעלמייסטער האט נאך דער דאזיגער געשיכטע מעהר נישט באהאלטן זיין אידישקייט. ווען עס איז געבוירן געווארן ביי איהם א זוהן, האט ער געבראכט דעם רבין מיט א מנין אידן אין פעסטונג אריין וואו מען האט געפראוועט דעם ברית, און דער מאדזשיצער רבי איז געווען סנדק...

דער פאלקאווניק איז געווארן א הייסער אנהיינגער פון רבי'ן און זיין נגינה. און ווען דער רבי האט זיך געקליבן צו פראווען א חתונה פון זיינס א אייניקל, און דער קאפעלמייסטער האט ביים פאלקאווניק געבעטן די ערלויבעניש צו באנוצן דעם פעסטונג־ארקעסטער ביי דער שמחה, האט דער פאלקאווניק נישט בלויז דערלויבט, נאר ער איז אויך געקומען צו דער חתונה, און בכדי צו היטן דעם ארדענונג צווישן די טויזנטער געסט און סתם צושויער, האט ער געשיקט א גרופע קאזאקן פון פעסטונג צו היטן די ארדענונג.

נישט צורייסן דעם בונד

דעם שבת קודש רופן אן די חז"ל מתנה טובה, וואס הקב"ה האט פרעזענטירט צו ישראל צו דינען אלס צייכן ביני וביניכם.

פאסירט אמאל א ברוגז צווישן חתן כלה, דאן אזוי לאנג ווי די כלה האט דעם חתן נישט צוריקגעגעבן זיינע מתנות, ווייסט מען אז דער שידוך איז נישט צושטערט. אזוי איז אויך מיט דער מתנה פון שבת, כל זמן די כלה — כנסת ישראל — האלט זיך מיט דער מתנה. איז עס א צייכן אויפן וארשתיך לי לעולם, אז דער בונד צווישן ישראל וקודשא בריך הוא איז נישט געבראכן.

דעם זיידנס שלוש סעודות

מיט הארץ־קלאפעניש זיינען מיר, די יונגסטע אייניקלאך, אריין צום זיידן זיך ״פארהערן״ לכבוד שבת.

דער ווייס־געדעקטער טיש האט זיך געבראכן פון די פארציעס שבת־אויבס. איך האב געווארפן גיריקע בליקן צו די טוי באדעקטע פירות, וואס זומער־צייט איז כמעט יעדעס מאל געווען דארט בנמצא עפעס נייעס אויף א ״שהחיינו״.

דער גן־עדן מיט די טייערע פירות האט אויף אונז געווארט ערשט נאכן ״פארהערן״, און דערווייל האט געפאכעט ביי מיר די נשמה: ווער ווייס, צו איך וועל היינטיקן שבת נישט פארשעמט בלייבן ביים זיידנס ״נסיון״?...

מיר האט געדריקט ביים הארצן און דער זיידע אליין איז דווקא געווען אזוי הארציק צוגעלאזן. דער געבלימטער שבת׳דיקער שלאפראק, מעשה מלך, וואס איז אויך געווארן געברייינגט ערגעץ פון ווייטן, שיינעם אויסלאנד, האט דעם זיידן צוגעגעבן נאך מער חשיבות און הדרת־פנימ׳דיקן חן.

דער זיידע האט אנגעהויבן, ווי זיין נוסח איז געווען, ביים קלענסטן אייניקל. ״וואספארא סדרה גייט היינט?״, האט ער געפרעגט. ״נשא״ — האט דאס אייניקל זיך צוגעאיילט מיטן ענטפערן. ״וואס איז ער ״נשא׳ געווען, א גוי צו א איד?״ האט דער זיידע שטיפעריש געפרעגט מיט א פארשטעקט שמייכעלע. ״נשא״ — איז גארנישט געווען, אבער די ״נשיאים״ זיינען געווען אידן — האט דאס יונגיטשקע אייניקל אפגעענטפערט מיט חריפות. איז דער זיידע אריין אין התפעלות פון

דאזיקן תירוץ, און נישט יוצא געווען בלויז מיט א קניפ אין בעקל, ווי יעדעס מאל, נאר געכאפט דאס גערעטענע אייניקל אויף דער שויס ארויף.

אין דעם קליינעמס זכות, איז שוין דער גאנצער — "פארהער" דורכגעגאנגען מיט חסד, מיר האט דער זיידע אויסגעפרעגט אין משניות, אין "המפקיד", דעם דריטן פרק פון "בבא מציעא", און דאס מאל האט דער זיידע מיך נישט געוואלט דווקא "כאפן", בין איך ארויס א גאנצער למדן. דאס עלטסטע אייניקל, דער גמרא־בחור, וואס האט געדארפט פארלייענען פארן זיידן א אפענעם "תוספות", גלייך אויפן ארט, איז אויך אפגעקומען מיט בלויז שרעק, דער זיידע האט מטיב געווען, ער האט יוצא געווען בלויז מיט תוספות׳עס קשיא, און די שבת־אויבס זיינען שנעל אריין אין באוועגונג.

ווי לאנג האט דער זיידע געהאט צייט זיך צו פרייען מיט די אייניקלעך? אז באלד האבן גענומען זיך שטיל ארייזשארן היימישע חסידים צו מנחה. דער זיידע האט זיך אויף די עלטערע יארן נוהג געווען צו פראווען שלש סעודות ביי זיך אין שטוב, אביסל האט זיך דער דאזיקער מנהג גענומען, מחמת דעם זיידנס חלישות, וואס פאר אים איז שוין געווען א טירחא צו גיין אין חסידים־שטיבל אריין; און אביסל האט זיך דאס גענומען צוליבן זיידנס חשיבות, וואס היימישע אידן האבן אים געוואלט אנטאן כבוד און געבן אים דעם שאנס צו פראווען שלש סעודות אין דער היים.

בקיצור, — דער היימישער מנין האט זיך שנעל אנגעקליבן. אייניקע ארעמע אידן האבן זיך נאך מקדים געווען נהנה צו זיין פון שבת׳דיקן "כיבוד" ביד רחבה. די אנדערע למדנים פון שטיבל, האבן געוואלט ארייכאפן מיטן זיידן א שארפן שמועס אין לערנען. דער זיידע האט נישט מסיח דעת געווען פוןביידע זאכן. מיט איינעם האט ער זיך שארף מתווכח געווען. דעם אנדערן האט ער אונטערגערוקט כיבוד מיט א שמייכלדיקן וואונק; מען דארף משלים זיין די "מאה ברכות". און דא האט דער זיידע געווארפן א בליק דורכן פענסטער און דערזען די שאטנס ארויסקריכן אויף דער שטילער שבת׳דיקער גאס. "מנחה"! "מנחה"! — האט דער זיידע זיך אליין מזרז געווען.

דעם זיידנס "שמונה עשרה" ביי מנחה האט זיך געצויגן באזונדערס לאנג. עס איז אים געווען א שאד דער שבת און די תפלה פון "אתה אחד" איז אים געווען גאר־נאנט צום הארצן. "אתה אחד, ושמך אחד, ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ". די גאנצע "שמונה עשרה" פלעגט ער דאוונען מיט א געפליסטער, די ליפן האבן געציטערט און קיין שארך האט מען נישט געהערט.

אלע זיינען שוין לאנג אויסגעגאנגען די שטילע "שמונה עשרה" און דער זיידע שטייט אלץ אין זיין ווינקל, צווישן דעם ספרים־שאנק. די שאטנס ווערן דרייסטער, זיי וואקסן־אויס פון אלע זייטן, דער זיידע פארענדיקט מנחה מיט א צוגעאיילטן "עלינו לשבח". מען וואשט זיך שווייגנדיק צו שלש סעודות. די שבת־מלכתא נעמט זיך גרייטן אין וועג אריין — שווייגט מען.

מען שווייגט ביז דער מנגן ר׳ יצחק לאזט הערן זיין לייכטן הוסטעלע, אזוי ווי ער וואלט אנגעשטעלט דעם קאמער־טאן, און א שאלעריי צושטערט דאס שטיל־שווייגעניש: "יצוה צור חסדו קהלותיו לקבץ"... מיט דער זעלבער עקשנות, וואס אלע האבן מיט א מינוט פריער געשוויגן, כאפן זיך אלע אן אין דעם הילכיקן געזאנג, אלע צוזאמען אין איין געזאנג — אלע, ארעם און רייך, למדנים און בעלי־בתים, זקנים און אינגלאך, ביז ר׳ יצחק גיט א שיס־אויס: "אבי עד שר שלום". דער עולם האט פארענדיקט דעם חסידישן ניגון און ר׳ יצחק דער מנגן, ציקלט נאך אלץ ווי א ליכטל, וואס וויל זיך נישט פארלעשן, און ער ציט נאך אמאל דעם לעצטן פאל, פאנגט־אן מיט שטורעם, און פארלעשט זיך שטילערהייט, מיט א צארטן ווידער־קול: "ש־לום"...

ווידער איז שטיל־שא. אבער דאס איז א שטילקייט ווי פאר א שטורעם, אין דער שטילקייט פילט מען, אז עפעס גרייט זיך. יא, איצט איז דער זמן, ווען דער זיידע אליין וויל עפעס זאגן. וואס וועט ער זאגן? נישט קיין אייגענע "תורה" און אויך נישט קיין חסידיש־רבי׳שע שמועסן. דער זיידע פלעגט זיך ביי שלש סעודות נוהג זיין בלויז נאכצודערציילן א חסידישע מעשה, נאר די דאזיקע חסידישע מעשה האט שוין כולל געווען

אין זיך אלץ צוזאמען: חסידות און מוסר, אמונה און יראת שמים, און טאקע דער עיקר — אמונת צדיקים...

דאס זיינען געווען דעם זיידנס חסידישע מעשיות!

און דערווייל איז נאך אלץ שטיל. דער זיידע ציט־אן דעם אטעם. אלעמענס אויגן ארום בליצן אין דער טונקלקייט, אלעמענס בליציקע אויגן זיינען אנגעשטעלט אין דער ריכטונג פונעם זיידן, און פון די בליציקע אויגן, איז דער זיידע, משמעות, געווארן צובליצט און צוצונדן, אבער מסתמא כדי צו באהערשן זיין גרויס התרגשות האט דער זיידע אנגעלענט דעם קאפ אויףביידע הענט און גענומען דערציילן.

דערציילט האט ער א מעשה דורכגעווייקט אמונת צדיקים, עס איז געווען שטיל, א שאדע א ווארט צו פארפעלן.

דער זיידע האט פארענדיקט — אבער דער עולם איז אלץ ווייטער פארחלומ׳ט, פארשוועבט אויף די פליגל פון דער וואונדערליכער מעשה.

— א ניגון! — באפעלט דער זיידע מיט א הילכיקן קול.

נעמט ר׳ יצחק ווייטער זינגען מיט א עכט־טריאומפולן געזאנג:

״יום זה מכובד מכל ימים, כי בו שבת צור עולמים״...

און דער עולם כאפט זיך צום ניגון, ווי צו א טאנץ, דאס התלהבות שטייגט איבער אלע ברעגעס, די לעצטע מינוטן פון שבת־קודש, און מען מוז אוועקכאפן די השפעה פון דער הייליקער שמחה אויף א גאנצע וואך.

דער מנגן ר׳ יצחק דערגייט ענדליך צום לעצטן פסוק פון שבתדיקן זמר, און גיט א הויב די שטימע זיינע ביז דער העכסטער אקטאווע:

— כי הוא הצור פעלו תמים!

דא איז שוין דאס התלהבות ארויס פון די צוימען און פארפלייצט אלץ ארום. דער עולם וויל נישט אפלאזן, מען זינגט נאכאמאל און נאכאמאל:

— כי הוא הצור"...

און מען טייטשט אויס אזוי זינגענדיק: "כי הוא כי הוא" — ווייל נאר ער, נאר ער, ער איז דער באשעפער, ער און קיין אנדערער, און זיין ווערק איז שלימות'דיק. "כי הוא הצור — פעלו תמים"...

אין דרויסן, אויף דער שטעטלדיקער גאס, הערשט שוין א וואכעדיקייט. לאדנס און קראמען ווערן צועפנט, דער שווערער עול פון די "ששת ימי המעשה" כאפט אלעמען ארום — און ביים זיידן אין שטוב גייט נאך אלץ דאס געזאנג פון בטחון און אמונה:

— כי הוא הצור פעלו תמים...

א שפע פון שפייז

דעריבער פיהרט מען זיך צו זאגן דעם קאפיטל "מזמור לדוד ה' רועי" ביי די סעודה שלישית, ווייל דאס ענטהאלט נ"ז ווערטער, וויפל עס באטרעפט דאס ווארט "זן", אז עס זאל קומען א השפעה פון שפייז אויף די גאנצע וואך.

(בני יששכר)

דער שבת פון לעתיד לבא

לעתיד לבא, וועט מען דאך נישט דארפן ארבעטן, וואס זשע וועט זיין דער אונטערשייד צווישן די וואכנטעג און שבת?

— נאר — ענטפערט דער סאטמאר רבי זצ"ל — דער עיקר עונג שבת איז דאך די רוחניות, צו וואס די נשמה דערגרייכט, און דאן וועט שבת זיין א גרויסע השפעה פון קדושה און די השגות וועלן זיין העכער ווי אין די וואכנטעג.

(מתורתו של רבינו, ערך שבת)

צו יציאת נשמה

שבת פארנאכט —
דער הייליגער בעל שם
שטייטביים פענסטער —
אנגעשפארט דעם קאפ פארטראכט.

אין דרויסן א וועטער —
עס קעהרט וועלטן, א זאווערוכע, א שניי
אויף דער גאס קיין לעבעדיגן נפש
— נישט זעהט ער.

אינמיטן דערינען
האט זיך א איד דערנומען —
איינגעבויגן, געשווינד ער לויפט
— צו איז ער אראפ פון זינען?

— ר׳ איד, ר׳ איד
קומט נאר אהער —
פונוואנען, וואוהין
ערשט דא וואס איהר טוט?!

איהר ווייסט נישט וואס?
— שטעלט אויס דער איד
א פאר אויגן פארחידושט
— וואס פאר א שאלה איז דאס?!

די נשמה יתירה —
גייט דאך שוין באלד אוועק —

דעמאלס נישט צו זיין צווישן אידן
— עס איז דאך פשוט א מורא!...

אט לויף איך זוכן א מנין
ביי שלש סעודות צו זיין,
יציאת נשמה צווישן אידן
— עס איז א גרויסער ענין!...

שלש סעודות

דעריבער ווערט אנגערופן די דריטע סעודה וואס מען עסט שבת מיטן נאמען "שלש סעודות", ווייל דורך די סעודה דערקענט מען אז דער מענטש האט געגעסן די אלע דריי סעודות לשם שמים.

ווייל די ערשטע צוויי סעודות, איז מעגליך אז ער האט עס געגעסן ווייל ער איז געווען הונגעריג, דאגעגן די דריטע סעודה, ווען ער איז זאט און דאך עסט ער דאן א סעודה, איז עס א בעוויז אז ער מיינט עס טאקע לשמה.
(החוזה מלובלין)

נאך אלע זמירות

דער מונקאטשער רב, הגה"צ רבי שלמה שפירא זצ"ל, פלעגט זיך פיהרן צו זאגן שבת תורה ביים טיש נאכן ענדיגן עסן אלע געריכטן, ער פלעגט זאגן די סיבה, ווייל ער האט אמאל געהערט אין צאנז פון דעם צדיק רבי אהרן קראקעווער זצ"ל אין נאהמען פון זיין טאטן, דער מאור ושמש זצ"ל, אז ער פלעגט זיך פיהרן צו זאגן תורה ביים טיש צווישן איין געריכט און צווייטן, ער האט אבער אזוי לאנג מאריך געווען ביז וואנען די געריכטן האבן זיך אויסגעקיהלט, האט מען פון הימל אויף איהם מקפיד געווען, ווייל צוליב איהם עסט מען קאלטע עסן אום שבת.
(דרכי חיים ושלום אות ת"ד)

פארן אויסגאנג

עס איז שבת פארנאכט, אין דרויסן איז בין השמשות׳דיג, דער עמוד הענן גייט אוועק, דער עמוד האש קומט אן, די אייביג שמייכלדיגע צארטע און מונטערע זון טרעט אפ אונטערטעניג אן ווידערשטאנד, און ווערט פארלוירן אין אונענדליכקייט פון דעם וועלט רוים, ווי נישט ווי. פאלן נאך עטליכע רויטע שטראלן און ווערן באלד פארשוואונדן.

דער העל בלויער הימל איז פערצויגן געווארן מיט טונקעלע אונדורכזיכטיגע וואלקענעס. פארנעפלט איז דער הימל, שווערע שווארצע שאטנס האבן געצומען די וועלט באדעקן, אלס איז איינגעהילט אין א צודעק פון פינסטערניש, און דאס אלעס רופט און וועקטביים מענטש מוטלאזיקייט און אומעט.

★

אין דער צייט קומט נאך א עולם אידן צוזאמען אין בית המדרש אריין, יעדערער איז נאך האלב צובראכן, ערמידעט, פארשלאפן, נאר וואס מקיים געווען דעם ״שינה בשבת תענוג״. יעדער איילט זיך, עס איז שוין שפעט, מען הערט זאגן ״וידבר״ ״אשרי״ ״ובא לציון״, מען לייענט. אט האט מען שוין מנחה אפגעדאוונט, יעצט וואשט זיך דער גאנצער עולם צו שלש סעודות, אלע טישן ווערן באזעצט, מען טיילט זיך מיט כזיתים, מען פערווירקליכט אין פוהלן זיך פון ווארט דעם ״שלי שלך״, די מימרא וועלכעס שאפט אהבה און אחדות פון איינעם צום צווייטן.

דערווייל ווערט וואס אמאל טונקעלער, און לאנג געדויערט נישט און מען קען פארגעסן, אז עס האט אמאל טאג עקזיסטירט.

און אין א שטום פינסטערניש ווערט איינגעהילט דאס גאנצע בית המדרש, אלץ ווערט אזוי איינזאם און היימליך, שטילקייט און רוהיגקייט

שוועבט ארום די שטוב. אלץ האט צערטליך איינגעדרימלט, און אט די אטמאספערע שאפט ערנסטע שטימונג ביים איד, דער גאנצער עולם זיצט פאר׳דבקה׳ט, פאר׳מוח׳ט, ווי מקובלים. עפעס א קדושה רוהט אויף אלץ און אלעמען, עס וואגט נישט קיינער — און עס וואלט א זינד געווען צו שטערן אזעלכע הערליכע מאמענטן.

איבערן בית המדרש שפרייזט ווער אהין און צוריק, אבער מען זעהט נישט קיין געשטאלט נאר שאטנס, מעהר ווי שאטנס קען מען נישט זעהן.

★

די לאנגווייליגע שטילקייט אין וועלכן יעדערער איז פארזונקען ווערט פלוצלונג געשטערט דורך ברומען פון טענער, דאס זינגט ווער די שלש סעודות זמירות, אין חלל פון בית המדרש קלינגט הערליך אפ די פריידיגע צארטע און רוהיגע קלאנגען וועלכע שאפן א אידיליש רייצנדע שטימונג. דער בעל מנגן נעמט זיינע טענער וואס אמאל העכער, באגייסטערט ווערט יעדער איינער פון מאראלישקייט און הארציגקייט וואס עס האט אין זיך דער נגון. עס איז א סימפאניע פון אומעט מיט פרייד וואס ברענגט דעם מענטשן אויף דער העכסטער שטופע פון התלהבות.

עס געדויערט אבער נישט לאנג, עס קערט זיך אום צום פריערדיגן מאנאטאנעם מצב, יעדער איינער איז נאך אזוי פערטראכט, עס מורמלט ווער עפעס, אין די שטילקייט הערט מען כמעט דאס בעוועגן זיך פון די מענטשליכע ליפן, אט קומט פאר א אויסטויש פון דברי תורה, אבער עס האלט נישט לאנג, עס איז דאך עפעס אנגענעמער און הערליכער אז עס איז שטיל.

עס איז א צייט פון התבוננות, פון א ערנסטן באטראכטן וועגן שבת וואס גייט אוועק, און די טאג־טעגליכע וואכעדיקייט קומט, און מען דארף זעהן אז די וואכעדיקייט זאל נישט זיין אזוי וואכעדיק...

★

עפעס א אומגעריכטע בעוועגונג האט אדורכגעשניטן דאס שטילקייט און פינסטערניש, עס איז שוין געווען דער זמן פון ליכט אנצינדן, די

שארפע ליכטיגקייט האט גענומען יעדערן אין די אויגן שפריצן און שטערן, עס איז געווען דוכט זיך א קליין פלעמעלע, און צושטערט האט עס א גרויסע וועלט.

דער עולם האט זיך ווי נאך א טיפן שלאף אויפגעחאפט, אלץ איז באלד פון געדאנק אפגעווישט געווארן, א וואכנדיגקייט האט אלעמען באהערשט, מען איילט זיך שוין, מען בענטשט און מען דאווענט מעריב, אלץ קומט פאר מיט וואכנדיגקייט, מיט שנעלקייט, מען זאגט זיך דעם "גוט וואך", עפעס אומהיימליך איז אויפן הארץ, אלץ איז ביז דעם צווייטן שבת וואכנדיג געווארן. באזונדער די געהויבענע שעה פון די "שלש סעודות" איז די "טרייבקראפט" וואס גיט כח אז אויך די וואכעדיגע טעג פון שבת ביז שבת זאלן זיין געווידמעט אין א געוויסע מאס צו עבודת השם.

תוך כדי דבור

פרייטיג צו נאכט נאך שמונה עשרה זאגט מען ויכולו, וועלכע איז א עדות אויף מעשה בראשית, און אזוי ווי עס שטעהט דאך אין דער תורה "על פי שנים עדים יקום דבר" — אז עדות איז דורך צוויי. דעריבער זאגט מען נישט "ויכולו" אליין נאר צוזאמען מיט א צווייטן, אויב איינער דאווענט לענגער שמונה עשרה און ווען ער שטעהט אויס האט שוין דער גאנצער עולם געענדיגט צו זאגן ויכולו, אויב נאר דער חזן האט נאך נישט געענדיגט, אדער ער האט נאר וואס געענדיגט, קען מען אויך זאגן און עס איז גלייך ווי צוויי זאגן צוזאמען, ווייל אין הלכות עדות איז אזוי דער דין אז אויב איין עדות זאגט זיינע רייד תוך כדי דבור פון צווייטן איז גלייך ווי זיי זאגן ביידע צוזאמען זייער עדות.

העלף, רבונו של עולם!

שבת פארנאכט, ביי די שלוש סעודות
זיץ איך מיר ביי דעם טיש,
עס איז פינסטער און איך בין ביחידות,
אזוי טאפ איך אין די פיש...

און איך זינג מיט א ניגון גאר פאמעלאך,
דווקא גאר נישט פויל,
אין מיר אבער רודערט, עס איז נישט פריילאך,
ס'איז נישטא וואס צו נעמען אין מויל...

איך טראכט מיר ביי זיך: איך וויל וויסן,
וואס איז דער טעם, דער פשט,
די סעודה קומט מען אפ מיט איין ביסן —
אבי נאר יוצא צו זיין גלאט...

א שטיקל חלה בלויז אויף "המוציא"
און דערצו א ברעקל קאלטע פיש,
און דערמיט איז מען שוין יוצא,
און עס רעכנט זיך ווי א טיש...

אין דער פרי איז א קוגל און א טייגאכץ,
וועלכע איז פארנאכט נישטא,
יעצט לייגט מען צו א מאמר א זאגאכץ
א גאנצע קיילעכדיגע שעה...

"א־ל מסתתר" און נאך זינגט דער מנגן
מ'זאגט און מ'זינגט פיהל,

עסן כמעט גארנישט, דער עיקר דאס זאגן,
איך האב אזא געפיהל...

ווייזט אויס יעצט גייט נישט איין קיין עסן,
דער שבת קודש גייט אוועק,
די נייע וואך קומט און עס ווערט פארגעסן...
א כמארע רוקט זיך, א שרעק...

ווייטער לויפן, ווידער פליהען
זוכן א שטיקעלע ברויט
ווידער דעם קאפ מוטשען, באמיהען
אין מאנגל און נויט...

די לבנה שיינט אריין גלייך דורכן פענסטער
און עס שפיגלט זיך אפ אויף דער וואנט,
אין הארץ ווערט ענג און די אויגן פינסטער,
אבער איך מאך עס אוועק מיטן האנט...

עס איז גאר א נאריש לעבן,
כ'לעבן, עס איז צו טראכטן נישט כדאי,
און איך נעם זיך ווידער צום ניגון
און איך זינג זיך אונטער דערביי...

רבונו של עולם איך קום צו דיר מיט א טענה,
עס קומט דאך א נייע וואך,
די גאנצע וועלט, אלע און איך זיינען דאך דיינע,
אן דיר איז דאך אלס א בראך...

העלף מיר רבונו של עולם מיין פרנסה בכבוד
איך מיט מיין שטוב, ברויט צו זאט,
איך זאל קענען זינגען דעם "מזמור לדוד"
און יעדן טאג לערנען גמרא א בלאט...

תחתונים למעלה...

אין שכנות פון איינעם פון די צדיקים פון די תלמידי הבעל שם טוב זי"ע, האט געוואוינט א מתנגד, וואס פלעגט מאכן צרות פאר זיין שכן דעם רבי'ן. ער האט זיך נישט אפגעהאלטן פון מבזה זיין איהם און באליידיגן אויפן געמיינסטן אופן.

דער רבי האט זיך געפירט, ווי ביי רוב צדיקים, צו זיצן לאנג ביי שלוש סעודות, וואו עס האט געהערשט גרויס התעוררות און דביקות, ווי דער שטייגער איז ביי צדיקים ואנשי מעשה.

דאס בית המדרש איז געווען טונקל, און אלע צוזאמען האבן געזונגען שירות ותשבחות פארן בורא כל העולמים, פול מיט הארץ און בייגקשאפט.

ווען דער הייליגער שבת האלט שוין ביים אוועקגיין, די נשמה יתירה האלט שוין ביים פארלאזן, ווען דער בין השמשות'דיגער שאטן האט שוין פארנעפלט די שמאלע געסלאך, אין דער צייט פון רעוא דרעווין, איז דער פאסיגסטער עת רצון, וואס מען קען זיך אויסבעטן וואס נאר א אידישע נשמה פארלאנגט.

און וואס פארלאנגט דען א אידישע נשמה אין אזא הייליגע און געהויבענע צייט? אט קומען שוין די וואכן טעג, די ששת ימי המעשה, ווען מען איז פארנומען "בחומר ובלבנים" — פארעלטערט און ווייס ווערט מען מיט חומריות... ווי דערווייטערט און אפגעזונדערט שפירט מען זיך, אז מען קען נישט ווי געהעריג נאכקומען די נשמה באדערפענישן. איז דעריבער אין די צייט פון שלוש סעודות ווען די הייליגע שכינה איז מער דערנענטערט צו אידישע קינדער מיט ליבליכקייט און צערטליכקייט, איז די פאסיגסטע געלעגנהייט אויסצובעטן דאס

בעסטע פאר די נשמה. פון די זמירות ווערט ארויסגעברייינגט דאס בייינקשאפט צו די גאולה שלימה, ווען מען וועט קענען דינען השי״ת אומגעשטערט, אידישע קינדער זיינען ממליך און מייחד שמו הגדול, טהוען מקבל זיין אויף זיך עול מלכות שמים, און מיט התרגשות רופט מען אויס — ד׳ מלך, שמע ישראל וכו׳.

דער רבי זאגט דברי תורה, און מיט זיינע הייליגע ווערטער דרינגט ער אריין אין די טיפענישן פון הארץ, און גאנץ אפט ווערט געעפנט דער טרערן קוואל, און טהוען אדורכווייקן די עצמות היבשות, צוברעכן דאס הארץ שטייפקייט, און טהוען דערלייטערן די נשמה...

אזוי ציט זיך דער שלוש סעודות ביים רבי׳ן ביז שפעט, שפעט אין דער נאכט...

דער שכן, דער מתנגד, האט געהאט גאנץ אנדערע באגריפן וועגן די געהויבענע שלוש סעודות צייט. ער האט באלאנגט צו די וועלכע פארברייינגען די טייערע צייט מיט דברים בטלים, פלוידערן צוזאמען אלע סארט שטותים און הבלים און יעצט איז ביי זיי די פאסיגסטע צייט דערצו, ווייל מ׳דארף נישט דאוונען, די גאנצע וואכעדיגע געשעפטן און סענסאציעס קענען יעצט רואיג באהאנדלט ווערן... נאכדעם וואס ער האט שנעל אפגעדאוונט, האט ער זיך גענומען דערקוטשען דעם צדיק.

ער איז געשטאנען אינדרויסן, געקלאפט אין די שויבן און אריינגעשריגן אויפן קול, ״עס איז שוין דער זמן... מען מעג שוין בענטשן... קוקט ארויף צום הימל, ס׳איז שוין דא דריי שטערן, מען מעג שוין דאוונען מעריב״.

ער האט געשריגן און גערודערט, און געשטערט דעם רבי׳ן און די חסידים. אזוי איז עס אנגעגאנגען וואך נאך וואך.

נישט איינמאל האבן די חסידים געבעטן דעם רבי׳ן, וואס איז געווען א איש קדוש, אז ער זאל טאן עפעס וועגן דעם שכן, וואס איז זיי מבלבל, און שטערט זיי אין עבודת ה׳. זיי האבן ערקלערט אז עס איז א חלול

השם צו דערלאזן אזא פארשוין אזוי אנצוגרייפן און פוגם זיין דעם כבוד התורה.

ס׳האט נישט גענומען לאנג, און דער שכן איז פלוצים אוועק פון דער וועלט. אלע האבן געזען קלאר אז עס איז געווען א עונש פאר דאכ׳ טשעפען זיך מיטן צדיק וואס האט אים פריצייטיג אוועקגעריסן.

א צייט שפעטער, ווען דער רבי איז געזעסן ביי שלוש סעודות, ס׳איז שוין געווען ליכטיג אין בית המדרש, האט זיך דער רבי צושמייכלט זאגנדיג, ״עליונים למטה, ותחתונים למעלה״. (א אויסדרוק אין די גמרא, וואס לערנט, אז די וועלכע זיינען חשוב אויף דער וועלט קענען זיין אויף יענער וועלט נידריג, און די וועלכע זיינען נידריג און מינדערוויכטיג אויף דער וועלט, קענען צוליב זייערע זכותים און ערליכקייט זיין גאר חשוב און דערהויבן אויף יענער וועלט. — די אויבערשטע זיינען אונטן און די אונטערשטע אויבן).

און דער רבי האט דערציילט: ווי עס פירט זיך אויף יענער וועלט, האבן די געשטראפטע אין גיהנום מנוחה אין שבת קודש, מען באפרייט זיי פון גיהנם ביז איבער שבת. מוצאי שבת גייען זיי צוריק צו זייערע ליידן.

אזוי האט אויך פאסירט מיט אונזער אמאליגן שכן, מען האט אים ארויסגעלאזט אויף שבת. עס איז געקומען דער זמן פון מוצאי שבת האט מען אים גענומען פירן צוריק אין גיהנם. ער האט זיך מיט ביטערע קולות און תחנונים געפרובט איינבעטן אז מען זאל אים נאך נישט צוריקטראגן, ער האט אראפגעוויזן אויף אונזער בית המדרש זאגנדיג: ״קוקט דארט אונטן, מען זיצט דאך נאך ביי שלוש סעודות, עס איז נאך שבת...

— ״תחתונים למעלה״, — האט דער רבי אויסגעפירט, — ״ווען ער איז נאך געווען דא אונטן האט ער אנגעוויזן אויף ארויף — ״קוקט אויבן, ס׳איז שוין דא דריי שטערן״ — ״ועליונים למטה״, ווען ער איז שוין אויבן, ווייזט ער אן אויף אראפ, קוקט ס׳איז נאך שבת, מ׳פראוועט נאך שלוש סעודות...״

די נשמה יתירה

א חסיד איז אמאל געקומען צום ריזשינער זצ״ל און זיך פאר איהם פארקלאגט, אז כאטש ער איז עוסק אין תורה און אין תפלה, פונדעסטוועגן איז ער נאך נישט געקומען צו דער מדריגה ער זאל פיהלן שבת די ״נשמה יתירה״ אין אלע רמ״ח איברים.

— ״גיט מיר א עצה, רבי — האט דער חסיד געזאגט מיט תחנונים — וואס איך זאל טהון כדי צוקומען צו דער דאזיגער מדרגה״.

האט דער ריזשינער צו איהם אזוי געזאגט:

— ״נישט מיט בלויז לערנען תורה און דאוונען עטליכע שעות קען מען משיג זיין די הבנה פון דער נשמה יתרה. מען מוז דערצו האבן א באזונדער עבודה, און אט וועל איך דיר דאס געבן צו פערשטיין:

— די תפלה פון ״מוסף״ וואס מען דאוונט שבת האט מען מתקן געווען לכבוד דעם שבת׳דיגן גאסט, די נשמה יתרה. דעריבער ווערט אויך די ״נשמה יתרה״ אנגערופן ״מוסף״ (א צוגאב). איצט הער זיך צו:

אין תהלים זיינען פערהאנען צוויי פסוקים, וועלכע ענדיגן זיך מיט׳ן ווארט ״תמיד״ און זיינען דער תמצית פון דער אמת׳ער עבודה צו ג־ט ברוך הוא. דאס זיינען די פסוקים ״שויתי ה׳ לנגדי תמיד״, אז דער מענטש טאר נישט אראפלאזן פון דער מחשבה אפילו אויף א רגע דעם בעשעפער פון אלע וועלטן און נישט אויפהערן צו טראכטן כסדר פון גדלות הבורא. דאס איז איין ״תמיד״.

דער צווייטער פסוק איז: ״וחטאתי נגדי תמיד״, מען דארף נישט אויפהערן צו טראכטן יומם ולילה, אז מען איז א זינדיגער מענטש, און וויפל מען זאל דינען דעם בורא כל העולמים, קען מען אלץ פאר איהם נישט יוצא זיין; דאס איז דער צווייטער ״תמיד״. אט אין די דאזיגע צוויי ״תמידים״, דארף דער מענטש געדיינקען שטענדיג, ערשט דאן קען ער קומען צו די נויטיגע מדרגות וואס א איד דארף האבן.

דאס איז די כונה פון די ווערטער אין דער מוסף׳דיגער שמונה עשרה: ״תמידים כסדרם״ וויבאלד דו ביזט שוין ביי דער מדרגה אבצוהיטן דיביידע פסוקים פון ״תמיד״ אין ארדענונג, דעמאלט ערשט ״ומוספים כהלכתם״, איז דער מוסף, דאס הייסט די ״נשמה יתרה״, ווי עס געהער צו זיין.

זיי מקיים די צוויי תמידים, וועסטו דאן פיהלן דעם אמת׳ן טעם פון דער שבת׳דיגער ״נשמה יתרה״.

שבת פארנאכטביים חפץ חיים

קדושה און מנוחה פיהלט אן דעם גאנצן חלל פונם קליינעם שטיבל, אין וועלכן ס'שטייען אין געשפארטע איינגשאפט, צונויפגעפרעסט, הונדערטער בחורים, וועמענס בליקן ס'זיינען אנגעשפיזט צו יענעם פונקט ביים פענצטער, וואו ס'זיצט דער הייליקער זקן, וועלכער איז באגאסן מיט די לעצטע רויטע שבת־שטראלן וואס פאלט פון מערב. זיין בליק איז ערנסט און די ערנסטקייט פונם הייליקן זקן שאפט א גאר ערנסטע שטימונג.

פון דער ערנסט־געשפאנטער שטילקייט, טיילט זיך אויס אזא נעימות'דיק קול: "יעדער איד איז מחויב צוצוגרייטן זיך צו נבואה ווי דער אויבערשטער האט אנגעזאגט: "כי אשפוך רוחי על כל בשר". די מדרגה פון נבואה וועט זיין נאך דער הבנה נאך, ווי דער גאון זאגט אויף דעם פסוק "ומלאה הארץ דעה את ד' כמים לים מכסים". דער אויבערפלאך פון ים איז אומעטום גלייך, אבער דארט וואו ס'איז דא א גריבעלע, דארט איז דא מער וואסער...

די מדרגה פון נבואה איז דעריבער תלוי אין תשובה און הכנה.

"בשוב ד' את שיבת ציון היינו כחולמים" — דערפאר אליין וואס א איד איז מקבל אויף זיך מסירות־נפש על קדוש השם, איז ער גלייך זוכה צו נבואה בבחינת "היינו כחולמים".

זיין פנים שטראלט פאר שמחה, די באקן באקומען א ראזיקע פארב, פונקט ווי א צייטיג עפעלע וואס האט זיך געווארימט אונטער די זון און פון דעם הויכן גאונישן שטערן ווערן אויסגעגלייכט די קנייטשן און ער איינגאנצן צאפלט מיט צופרידנקייט און נצחון־פעסטקייט... און די שטים הייבט זיך העכער:

״אז יאמרו בגוים הגדיל ה׳ לעשות עם אלה. הגדיל ה׳ לעשות עמנו היינו שמחים״ — איז פארהאן א שאלה אין ש״ס צו איז א בן־נח מצווה על קדוש־השם? און די מסקנה איז אז ער איז פטור. און דאס וועלן טענה׳ן אלע גוים: — ״הגדיל ה׳ לעשות עם אלה״ — די אידן איז גוט, זיי האט דער רבונו של עולם מחייב געווען קדוש השם, ״הגדיל ה׳ לעשות עמנו היינו שמחים״, ווען מען וואלט אונז מחייב געווען אויף מסירות נפש על קדוש השם, וואלטן מיר דאך אויך זוכה געווען צו נבואה...

זיי וועלן מקנא זיין אין אונז!

חז״ל זאגן, לימות המשיח וועט יעדער איד האבן הונדערט עבדים, מיינט איהר אז דאס וועלן זיין פשוטע משמשים?! — חלילה!...

דאס וועלן זיין די וואס וועלן מכיר זיין די גדלות פון מעלות ישראל.

ווי אין פסוק שטייט:

״מלכים ראו קמו שרים וישתחוו״ — און דער גאנצער המון וועט זאגן — ״אך שקר נחלו אבותינו״, די גאנצע אמונה אין עבודה־זרה איז געווען א נחלת שקר...

דאס איז געגליכן צו איינעם, א שיכור, וואס איז ארויסגעפארן דער ערשטער אין א וועג, נאכדעם וואו ס׳איז אנגעפאלן א נייער שניי און דער פערד איז זיך געגאנגען ווי ס׳האט געוואלט, שפעטער איז ארויסגעפארן א צווייטע פור און אזוי ווי זי האט שוין געפונען א פארטיק אויסגעטראטענעם וועג, האט זי געמיינט אז דאס איז דער אמתדיקער וועג און אזוי איז אויסגעטראטן געווארן א קרומער וועג.

״לימות המשיח״ וועלן די עכו״ם זיך ארומזעהן אז ״אך שקר נחלו אבותינו... הבל ואין בם מועיל״, זיי וועלן זיך ארומזעהן אז זייער גאנצע אמונה איז גארנישט בכלל, הבלים. תאווה איז אויך עפעס א דבר מועיל, אבער בשכר זה וואס זיי פלעגן זאגן ״לעץ אבי אתה״ האבן זיי גאר קיין תועלת נישט געהאט. עס איז אינגאנצן הבל... און דאן ערשט וועלן זיי

מכיר זיין דאס גדלות פון א אידן וואס האט מיט מסירות נפש לוחם געווען פאר דעם אמת.

און ווידער טרעט אריין א פויזע אין דעם שמועס. דאס קליינע חדר׳ל ווערט אנגעפילט מיט בין־השמשות טונקלקייט. ס׳דערהערן זיך שטילע געוויין־טענער וואס ווערן באגלייט מיט די קלאנגען ״שובה ה׳ את שביתנו... כאפיקים בנגב״.

עס פיהלט זיך דער צער־פולער מאמענט ווען די נשמה יתירה שיידט זיך מיט די שבת מלכתא.

ס׳איז נישט קיין גסיסה, קיין צאנקעדיקע שווערקייט, נאר א געזעגענונגס צער, דער אנהייב פון א ביינקשאפט נאך שבתדיקייט, נאך קדושה ומנוחה. דאס ביינקען נאכן גואל צדק, נאך ימות המשיח, וויפל צער, גלות־השכינה ס׳איז פאראן אין אלע דורות שפירט זיך דעמאלט אין יאמערליכן קול פונ׳ם זקן.

״הזורעים בדמעה ברנה יקצורו... הלך ילך ובכה נושא משך...״ — און דער פויער זארגט נעבאך אויף זיינע לעצטע תבואות, זייט און וויינט... זיינע לעצטע קערנער האט ער פארזייט און ער איז נעבאך געבליבן אן ברויט. ווען וועט שוין מקוים ווערן ברנה יקצורו?

״אין די צייטן פון די קאנטאניסטן, שפאצירט ארום א קליינער אכט־יאריקער אידישער פאסטאכל צווישן די רייכע פויערן און אזוי שפאצירט ער ביז אכצן יאר, דער קליינער סאלדאטשיק... דעם אויבערשטנס נאמען הערט מען נישט אויף די פעלדער, נאר פון דעם מויל פונ׳ם קינד וואס פיטערט די גענז הערט זיך א פסוק תורה: ״שמע ישראל ה׳ אלקינו, ה׳ אחד״.

א שטיק הייטערקייט צולייגט זיך אינ׳ם קול פונם זקן:

והפיצך ה׳ שמה — ג־ט האט דיך פארשפרייט מיט דער כוונה כדי זאלסט פארשפרייטן דעם שם־שמים.

דורך דעם גלות האבן מיר פארדינט, מיר האבן אויסגעפוצט דעם

גאנצן ש״ס, נישטא קיין ווינקעלע וואו מ׳האט פארפעלט אויסצופוצן.

אבער פארוואס קומט ער שוין נישט? מיר האבן דאך לכבוד אים אויסגעצאצקעט די גאנצע תורה!

און ווידער טרעט אריין א קורצער הפסקה, נאך וועלכער ס׳רופט אויס מיט נצחון דאס קול פונ׳ם זקן:

״כי פתאום יבוא אליך האדון אשר אתם מבקשים״.

נו, זאל מען זאגן ברכו!

און ווען ס׳פאלט א תשובה: ס׳פעלט נאך א מינוט צום זמן, ענטפערט ער:

״אפשר איז גראד די מינוט באשערט אויף תשובה״!...

״כי הנה החושך יכסה ארץ וערפל לאומים ועליך יזרח ה׳!״

מען דארף דאך ציטערן טאמער קומט ער באלד אן!...

צווישן ווילנע און קאוונע ווען מען פארט, איז דא א טונעל, האט זיך איינער מיישב געווען, אזוי ווי בעת מען פארט אין א טונעל איז דאך פינצטער, וועט ער איבערטוישן זיינע שמוציקע מלבושים. ווען ער האט זיך אויסגעטון און האט נאך נישט באוויזן צוריק אנצוטון זיך איז מען ארויס פונם טונעל און ווען מ׳האט איהם דערזען אין דער ליכטיגקייט האט מען דאך איהם אנגענומען פאר א משוגענעם...

נו גוט, איצט איז פינצטער, אבער טאמער ווערט מיט אמאל ליכטיג, וועט מען דאך ווערן פארשעמט, מען וועט דאך בלייבן אן קליידער!

מען דארף דאך ציטערן — איצט איז ה״חושך יכסה ארץ״, אבער ס׳מוז דאך ווערן ליכטיג.

אויב מען וועט דיך פרעגן: — מארגן וועט זיין טאג?! וועסטו ענטפערן: א וודאי יא! פון וואנען ווייסטו?

— ווייל ס׳שטייט ״יום ולילה לא ישבותו״.

נו, היינט אז דער אויבערשטער האט געשוואוירן ״חי אני וימלא כבוד ה׳ את כל הארץ״, וועט דאס נישט ווערן מקוים?״

און א התלהבות׳דיקער תחנונים׳דיקער ״מעריב״ שפירט זיך אין דעם חושך צווישן די ווענט, וואס זיינען אנגעפילט מיט צער ישראל און גאולה־ביינקשאפט און דער זקן וויינט:

השיבה שופטינו כבראשונה... והסר ממנו יגון ואנחה ומלוך עלינו אתה ה׳ לבדך בחסד וברחמים...

און ווען דאס הבדלה־ליכט פאקלט, דערזעט מען ערשט די צופלאשעטע אויגן און דאס אלץ איז באגאסן מיט דעם חן פון נשמה יתירה.

איז די נשמה יתירה אוועק?!

ניין! דאס אלץ וואס קומט נאר אין קאנטאקט מיט דעם מענטש פארבלייבט עס ביי איהם פאראייביקט.

די נשמה יתירה האט נאר אויפגעהערט צו צינדן.

״נר אלקים נשמת אדם״ — דעם מענטשס נשמה איז א ליכט. קומט דער פלאם פון נשמה יתירה און צינדט דאס נשמה־ליכט.

און דער שבת צינדט א גאנצן ״שבת״ און יעדער צוגעקומענער פלאם, בלייבט שוין אייביק ביים מענטש. און ווען דער שבת גייט אוועק, הערט עס אויף מער צו צינדן — מוסיף צו זיין פייער. אבער דאס אנגעצונדענע בלייבט שוין אייביק.

און ווען די הונדערטער נשמות פארלאזן דאס שטיבל, פילן זיי לאנג, לאנג, דאס צינדן פון נשמה־יתירה אין אזא הייליקער סביבה.

שמעקן בשמים

אין קאזשניץ האט געוואוינט א איד מיטן נאמען ר׳ יודל פעלדשער. מען האט איהם גערופן פעלדשער טאקע צוליב זיין פאך, אין וועלכן ער פלעגן פארבאנדאזשירן און צולייגן זאלבן פאר די קראנקע, און טאהן די איבריגע זאכן וואס זיין פאך האט געפאדערט.

מאכט זיך אמאל און עס וואקסט איהם אויס אויף דער נאז א שווארצער בלעטל. אין יענע צייטן האט מען געוואוסט דאס אזא בלעטל איז זייער געפעהרליך. אויב מען מאכט נישט בעצייטנס א אפעראציע, איז דער מענטש איינגעשטעלט מיטן לעבן רח״ל. זיינע פריינד און בעקאנטע האבן איהם געגומען יאגן, דאס ער זאל נישט קיין סך ווארטן דערמיט, און שוין פאהרן אין א שפיטאל זיך לאזן אפערירן.

ער אליין האט גאנץ גענוי געוואוסט און גוט פערשטאנען, אז דאס איז נישט קיין שפילעכל, מיט יעדע מינוט וואס ערווארט, מיט יעדע סעקונדע וואס ער פערזאמט זיך, קען ער נאך חלילה דערנאך בעצאלן זייער א טייערן פרייז, ער האט אבער נישט געקענט באשטימען ביי זיך אליין וואו אהין ער זאל פאהרן, צו קיין ווארשע אדער קיין ראדאם, עפעס האט ער אזוי מורא געהאט זיך אונטערגעבן צו א אפעראציע, חאטש פיהל מאל האט ער שוין בייגעוואוינט אפעראציעס איבער פערשידענע קראנקע אין די שפיטעלער, וואו ער איז געקומען גלייך ווי אנדערע פון זיין פאך, צו בעקומען פראקטיקע אין דער מעדיצין. רעדנדיג אזוי מיט דער פרוי, רופט ער זיך אפ:

— איך קען עס נישט פארשטיין? מענטשן האבן מאדנע נאטורן. דוכט זיך וויפל מאל ווען מען איז געקומען צו מיר פרעגן וועגן זיך לאזן אפערירן, האב איך יענעם ליב געהאט צו בערוהיגן און זאגן: גייט שוין,

עס איז א קליינינגקייט, עס איז נישטא וואס צו שרעקן זיך, מען מאכט די אפעראציע און פערטיג — און יעצט ווען עס האלט ביי מיר צו מאכן די אפעראציע, האב איך עפעס אזוי מורא דערפאר. איך ווייס אליין נישט פארוואס עס איז אזוי.

— ווייסט נישט? — ענטפערט די פרוי — אזוי איז עס שטענדיג, יענעם איז גאנץ לייכט צו זאגן. אבער ווען עס קומט צו זיך איז שוין אנדערש, איך פארשטיי דיר גאנץ גוט.

דער פעלדשער האט זיך געזעגנט מיט זיינע בעקאנטע און גוטע פריינד, ווינטשנדיג איהם דאס די אפעראציע זאל דורכגיין ווי געהעריג, און ר׳ יודל איז אוועקגעפאהרן.

אבער באמת איז ער גאר פערפאהרן צום רבי׳ן קיין בלענדאוו, צום הייליגן צדיק ר׳ יעקב יצחק זצ״ל, כדי צו פרעגן, אויב ער זאל זיך לאזן אפערירן, און וואו ער זאל עס אויספיהרן, אין ווארשע אדער אין ראדאם. ער האט געלאזט אנשרייבן א קוויטל, און דערמיט אריין צום רבי׳ן. דער רבי לייענט איבער דאס קוויטל, און גיט איהם א פרעג:

— איהר שמעקט בשמים אום מוצאי שבת?

דער פעלדשער האט זיך גארנישט געריכט אויף אזא פראגע, און אנגעהויבן שטאמלען מיט׳ן מויל. פערשטייט זיך דאס ער האט נישט געהאט וואס צו זאגן, ווייל באמת האט ער טאקע נישט געשמעקט קיין בשמים. דער רבי האט אבער באלד פערשטאנען פון זיין צוטומלען זיך ווי אזוי דער ענין האלט, און ער רופט זיך אן צו איהם:

— אויב איהר וועט שמעקן בשמים מוצאי־שבת, וועט איהר קיין אפעראציע נישט דארפן דורכפיהרן!

און אזוי איז עס טאקע געווען, ער האט געווארט אין בלענדאוו ביז איבער שבת, ביי הבדלה האט ער געשמעקט בשמים, און נאכן שמעקן די בשמים איז דאס בלעטל פולשטענדיג אינגאנצן פערשוואונדן געווארן אזוי, אז עס איז נישט געבליבן דערפון אפילו קיין צייכן.

ווען ער איז נאך שבת אהיים געקומען קיין קאזשניץ, האבן זיינע בעקאנטע נישט געוואוסט וואס מיט איהם איז פארגעקומען, זיי האבן גערעכנט איהם צו זעהן פערבאנדאזשירט, און דא זעהען זיי נישט קיין צייכן, נישט פון קיין בלעטל און נישט פון קיין אפעראציע.

ענדליך האט זיי ר׳ יודל פעלדשער געמוזט דערציילן, אז די "אפעראציע" האט אדורכגעפיהרט נישט קיין אנדערער ווי דער הייליגער בלענדאווער רבי זצ"ל.

א דין און א מנהג

צום חפץ חיים איז אמאל געקומען אלס גאסט דער סלאנימער מגיד, הרב סרנא. ווען ער האט דערזעהן אז דער חפץ־חיים האט נישט באנוצט קיין בשמים צו הבדלה, האט ער זיך פאר איהם אנטשולדיגט און געפרעגט פארוואס: "תורה היא וללמוד אני צריך?"

האט דער חפץ־חיים געענטפערט:

— איהר מיינט, אז איך זשאלעווע, חלילה, צוויי קאפיקעס אויף צו קויפן בשמים? ניין. ווען איך מאך הבדלה, איז שטענדיג דא א גרויסער עולם וואס הערט זיך צו. כדי יוצא צו זיין די ברכה פון הבדלה איז א חיוב על פי דין, דאגעגן אבער "על הבשמים", איז בלויז א מנהג, כדי די נשמה יתירה זאל זיך פיהלן מבושם׳דיג פאר איהר אוועקגיין מוצאי שבת קודש.

— אויב איך וואלט באנוצט בשמים, וואלט יעדערער, וועלנדיג א שמעק טהון, דערווייל פארהערט די ברכה פון הבדלה, וואס דאס איז א עיקר...

א זכות פאר די רשעים

מוצאי שבת קודש פלעגט דער חפץ־חיים ווארטן מיט מעריב לענגער ווי אלעמען.

— זאלן זיי דערווייל אויך האבן א זכות — האט ער געזאגט — באטאנענדיג, אז פאר די רשעים אין גיהנם איז נאך אלץ שבת, כל זמן קהל דאוונט נישט קיין מעריב צוליב ספק שבת.

שבת־אויסגאנג ביי חסידים

אין א שעה, געוועבט פון לויטער בייבקען,
זיצן זיי, די אידן, פול גליענדן דיינקען,
אין גארטן פון סודות, צויבער און פראכט
און זינגען זייער הארץ ארויס אין דער נאכט.

א, "רעוא דרעוא", געבענטשט איז די שעה!
קומט נאר און זעט — אייער האר איז דא!
אט שיינקט ער אייך וועלטן, הייליג און צארט,
"בילנדע הינט" שטייען אין דרויסן פארשטארט.

און פלוצים... א ליכט... דער חלום צעפליסט,
און אומעט אין הארצן טיף זיך צוגיסט:
"א, ג־ט פון אברהם, באהיט אונז פון בייזן"...
ווער וועט אונז דערהויבן, ווער וועט אונז דערלייזן?

פלאקערט שוין העלער דאס ליכטל און טרייסט
און ס'פלאמט אויף דאס הארץ, וואס פילט און ווייסט:
"א, שבת קודש, וואס גייסט אט אוועק".
גיס אויס דיין גלאנץ אויף נעכט און טעג.

זיי, ווי א מאמע, טריי צו איר קינד:
"די וואך זאל קומען צו ישועה און געזונד!" —
שיין, ווי א מילדער שטערן פון אויבן:
"ס'זאל קומען א וואך פון מעשים טובים!"

און פעסט ווערט די שטים און קלינגט אזוי ריין,
ס'שמעקן די בשמים און ס'פינקלט דער וויין,
ס'פלאמט די הבדלה און ס'פערלט ג־טס ווארט —
שטיל שוועבן מלאכים און בענטשן דאס ארט...

זעקסטער קאפיטל: סעודתא דדוד מלכא משיחא

וועו מען קען זיך אויסבעטן
צוליב א ריינע כוונה
א סגולה צו דערציילן
דער אלטער ביי די סעודה
די ביטע פון דוד המלך
אנשטאט צו ברעכן אייז
נישט צושטערן די שמחה
ווער איז דער פריץ
דערלאנגט א זכות אין הימל
באשיצט פון אלע צרות
נאר איין כזית
נאך איין "מלוה מלכה"
באגנבעט די פיש
בעקומען זיין תקון




זעקסטער קאפיטל

סעודתא דדוד מלכא משיחא

ווען מען קען זיך אויסבעטן

גרויס איז געווען די שמחה אין די גאנצע שטאט ווען מ׳האט זיך דערוואוסט אז דער קעניג איז אין וועג, און ער גייט זיך אפשטעלן אויף א באזוך דא אין שטאט, וואו ער וועט ווערן אויפגענומען מיט גרויס פאראד און וועט דא ווײלן עטליכע טעג.

דער אויסגעבייינקטער טאג איז אנגעקומען, אלע איינוואוינער פון שטאט האבן זיך שיין אויסגעקליידט און אקעגנגעגאנגען מיט געזאנג און טענץ צו אויפנעמען דעם גרויסן קעניג וואס הערשט איבערן גאנצן לאנד.

יעדערער האט פארגעסן און אוועקגעקוקט די אייגענע אינטערעסן, מ׳האט נישט געטראכט פון די טענות וואס מען האט צום קעניג איבער די שווערע שטייער־צאלונגען וואס ליגט אויף די מאסן, און מ׳דארף עס נאכקומען מיט גרויס מיה און פלאג, וואס דאס אלעס ליגט דאך אין די הענט פון דעם קעניג.

עס איז אבער נישט יעצט די צייט דערפון. אין דער צייט וואס דער קעניג האט באוויליגט צו געבן פאר די שטאט אזא גרויסע עהרע, אליין צו קומען אויף א באזוך, דארף מען זיך צוזאמענעמען אלע אין איינעם און מיט גרויס געטריישאפט אים אויפנעמען ווי עס דארף צו זיין, און מיט א שטארקע פרייד ארויסווייזן ווי ערנסט מען טהוט אפשאצן די גרויסע געלעגנהייט ווען מען קען פארברייינגען צוזאמען אזוי נאהנט צום קעניג.

ווען די עטליכע טעג זיינען אריבער און דער קעניג האט שוין געהאלטן ביים פארלאזן די שטאט, דעמאלט האט מען זיך שוין ערלויבט צוצוגיין צום קעניג אויך מיט אייגענע בקשות. עס האבן זיך צוזאמענגענומען א גרויסע גרופע מענטשן און זיינען געפאלן פארן קעניג׳ס פיס מיט זייער בקשה:

— אדוננו המלך! אונזער האר דער קעניג. דו האסט אונז זייער דערפרייט מיט דיין באזוך וואס דו האסט אונז באגנעדיגט דערמיט. אונזער שמחה איז געווען זייער גרויס און מיר האבן זיך טאקע געהאט אויף וואס צו פרייען, ווייל דו ביסט דאך דער קעניג צו וועמען מיר דינען און צו וועמען מיר ווענדן אויך ווייטער דינען געטריי. איין זאך זיינען מיר אבער געצוואונגען ארויסצורעדן זיך פון הארץ: אז די שטייערן וואס די רעגירונג האט לעצטנס ארויפגעלייגט אויף אונז איז זייער שווער פאר אונז נאכצוקומען, אונזערע כחות קענען עס נישט פארטראגן...

אט דערפאר — גנעדיגער קעניג — בעטן מיר דיך, אז דו זאלסט מיט דיין פיל גוטסקייט אונז צוליב טהון און פארגרינגערן אביסל פאר אונז דעם גרויסן עול.

ווען דער קעניג האט געהערט די הארציגע בקשה פון זיינע געטרייע מענטשן, האט ער זיי גלייך נאכגעגעבן און ער האט זיי פארגרינגערט פון זייערע שוועריקייטן.

☆ ☆ ☆

דאס זעלבע — האט הרה״ק ר׳ אלעזר ליזענסקער זי״ע ערקלערט — איז אויך ביי אונז. די גאנצע וואך איז מען פאריאגט מיטן עול פון פרנסה, פארפלאגט מיטן עול הגלות, וואס מיר דארפן ליידן ביז עס וועט קומען די צייט וואס השי״ת וועט אונז אויסלייזן. מ׳באגעגנט זיך טאג טעגליך מיט פארשידענע שוועריקייטן.

ווען עס קומט אבער דער שבת, דער הייליגער און ליכטיגער טאג, וואס השי״ת גיט פאר יעדן איד א נשמה יתירה, פילט מען א דערהויבנקייט ביי זיך. יעדער איינער ווארפט אראפ פון זיך די וואכעדיגע מלבושים צוזאמען מיט די דאגות און שוועריקייטן וואס נעמען ארום דעם מענטש דורך די וואך, מ׳פארגעסט פון אלעס און מ׳וויל נישט וויסן נאר פון איין זאך, אויפצונעמען דעם הייליגן גאסט ווי עס דארף צו זיין, מ׳פריידט זיך וואס מ׳האט די זכי׳ צו ״השראת השכינה״.

אזוי פארברייגט מען דעם גאנצן שבת מיט פרייד און געזאנג,

זמירות, שירות, ותשבחות, אזויביים דאווגען און אזוי ביי די דריי סעודות, און קיין אייגענע פריוואטע געברויכן בעט מען אינגאנצן נישט.

ווען דער שבת ענדיגט זיך אבער, מ'האלט זיך שוין ביים געזעגענען מיט דעם גרויסן טאג, און מ'מאכט די סעודת "מלוה מלכה" צו באגלייטן דעם הייליגן שבת, דעמאלט איז די ריכטיגע צייט וואס א פארשטענדליכער מענטש ווייסט ווי אזוי עס אויסצונוצן, אז ביים געזעגענען זיך מיטן ליכטיגן שבת וואס מ'האט אדורכגעלעבט מיט אזא גרויסע פרייד לכבוד דעם גרויסן קעניג, זאל מען זיך אויסרעדן דאס הארץ פאר השי"ת, אז ער זאל מיט זיינע פיל רחמים וחסדים אביסל פארגרינגערן פון אונז דעם עול הפרנסה און דעם עול הגלות מיט אלע זיינע שוועריקייטן, און די וואך וואס קומט אונז אקעגן זאל דער "אב הרחמים והסליחות" בענטשן עס זאל זיין פאר אונז א ישועה'דיגע וואך, געהאלפן צו ווערן מיט אלעס גוטן.

דאן, אין מוצאי שבת איז טאקע א גרויסער "עת רצון" אז אונזערע תפלות און בקשות זאלן אנגענומען ווערן פאר השי"ת לרחמים ולרצון.

א שעת הכושר

דער ריזשינער צדיק זכרונו לברכה, האט גאר שטארק געהאלטן פון דער מצוה פון מלוה מלכה און אויב עס האט זיך אמאל ביי איהם געמאכט א דבר הקשה אז א איד האט געדארפט געהאלפן ווערן אין זייער א וויכטיגן ענין, פלעגט ער איהם הייסן זיין ביי דער מלוה מלכה און זיך דאמאלס פאר איהם מזכיר זיין, ווייל ער האט געהאלטן, אז עס איז דאמאלס דערצו דער ריכטיגער שעת הכושר.

ער פלעגט גאר אפט וועגן דעם ריידן און זאגן, אז דאס איז מרומז אין דעם פסוק "והנה סלם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה", סלם זיינען די אותיות פון סעודת מלוה מלכה, אבער מוצב ארצה, ער איז נעבאך בשפל המדרגה, ווייל די וועלט איז אין דעם נישט שטארק נזהר, אבער וראשו מגיע השמימה, עס דערגרייכט ביז צו די הימלען, ומלאכי אלקים עולים ויורדים בו, די מלאכים גייען ארויף און אראפ. ב"ו — דאס הייסט ביום ואו, פרייטאג, און קומען צוריק ארונטער בשעת מלוה מלכה און דערפאר איז דאמאלס דער בעסטער שעת הכושר, דאס אידן זאלן געהאלפן ווערן אין אלע זייערע הצטרכות'ן...

צוליב א ריינע כוונה

דער הייליגער אלשיך זי״ע איז אין זיינע יוגנד יארן געווען א פשוטער סוחר אין די שטאט צפת אין ארץ ישראל. ער איז געווען א עושר, א תלמיד חכם און זייער א עהרליכער איד, אבער ער איז נאך דעמאלס נישט געווען קיין בעל דרשן.

איינמאל מוצאי שבת קודש איז ער פארבייגעגאנגען א הויז און ער הערט פון דארטן ארויס געמישטע קולות, גייט ער צו נענטער און זעהט ווי א איד זיצט ביי אליידיגן טיש און זינגט מיט גרויס התלהבות אליהו הנביא, אליהו הנביא — דאס ווייב שטייט ביים זייט פון טיש זייער פארביטערט און זאגט צו איהם: דו זעהסט דאך ווי אין שטוב איז נישטא קיין שטיקל ברויט צו עסן, דאס דלות שרייט ארויס פון אלע ווינקלען, און דו זינגסט דיר אזוי געמיטליך אלי׳ הנביא? פארוואס קומט ער נישט צו אונז ארויסצוהעלפן פון אונזער שווערע לאגע?!

ווען רבי משה אלשיך האט דאס דערהערט האט ער שטארק רחמנות באקומען אויף דעם ערליכן חשוב׳ן איד וואס געפינט זיך אין אזא גרויסן נויט. ער איז שנעל אהיים געלאפן, געכאפט א זעקל מיט גאלדענע רענדלאך און איז דערמיט צוריק געלאפן צו יענעם הויז. ער מאכט אויף שטילערהייט דאס פענסטער אוןווארפט אריין דאס בינטל געלט און גייט זיך ווייטער זיין וועג.

ווען דער איד איז פארטיג געווארן מיטן זינגען, זעהט ער מיטאמאל ווי עפעס ליגט אויף דער ערד נעבן פענסטער. רופט ער שנעל זיין ווייב און זאגט איהר: ״קום, לאמיר זעהן וואס דארטן ליגט״.

זיי גייען צו און מאכן אויף דאס בינטל, צו זייער גרויסן ערשטוינונג זעהען זיי אז עס איז פול מיט גאלדענע רענדלעך. רופט ער זיך אן צו זיין ווייב:

— ״זעסטו אז מען דארף זינגען און זיין אלעמאל פריילאך אפילו ווען מען האט גארנישט, ווייל דער באשעפער קען העלפען אין איין מינוט, מען טאר זיך נאר נישט פארלירן.

״אט זעהסטו אז אין זכות פון מלוה מלכה און די זמירות וואס איך האב געזונגען מיט גרויס שמחה און בטחון אין השי״ת, האט מיר השי״ת געשיקט זיין געטרייען שליח און אונטער געווארפן דאס זעקל מיטן געלט״.

אין שטוב איז געווארן ליכטיג און לעבעדיג. מען האט געהאט וואס צו געבן צו עסן און קליידן די אויסגעהונגערטע און אפגעריסענע קינדער. עס פארשטייט זיך אז די פרוי איז אינגאנצן אנדערש געווארן, זי האט זיך פארגענומען אז זי וועט שוין פון היינט אן מער נישט גרינגשעצן די סעודת מלוה מלכה מיט די זמירות, און איבערהויפט די זמירות פון אליהו הנביא.

זי האט אינגאנצן חרטה געהאט פארוואס זי האט פריער גרינגעשעצט איהר מאן, אט האט זי געזעהן ווי שנעל דער אויבערשטער העלפט אים און ווי חשוב ביי השי״ת עס איז זיין בטחון און ערליכקייט.

אין הימל איז געווארן א גרויסער רעש פון די מעשה, א איד טוט אזא גרויסע זאך און טאקע לשם שמים, ער איז מחי׳ א גאנצע משפחה. אפילו ״המקיים נפש אחת מישראל״, ווען ער דערהאלט נאר איין מענטש זאגט די גמרא אז ״כאילו קיים עולם מלא״, איז גלייך ווי ער וואלט אויפגעהאלטן א גאנצע וועלט, ווער רעדט נאך פון מחי׳ זיין א גאנצע שטוב, דאס איז דאך גערעכנט ווי ער וואלט אויפגעהאלטן גאנצע וועלטן. דערצו האט דאס ר׳ משה געטאן באהאלטענערהייט, קיינער ווייסט נישט דערפון, אפילו דער נעמער ווייסט אויך נישט פון וועמען ער האט באקומען דאס געלט, און ער דארף זיך גארנישט שעמען פאר קיינעם, דאס איז דאך א געוואלדיגע זאך.

האט מען באשטימט פון הימל צו געבן א מתנה פאר ר׳ משה׳ן. אזוי ווי עס איז דא זיבעציג ערליי וועגן וואס מען קען דרש׳נען די הייליגע

תורה, וועט מען איבערגעבן פאר ר׳ משה אלשיך איין וועג ווי אזוי צו דרשנ׳ען די הייליגע תורה, אבער מיט איין תנאי אז ער וועט ביישטיין נאך א נסיון וואס מען וועט איהם פרובן פון הימל, צו איז ער טאקע ווערט צו באקומען אזא גרויסע מתנה.

באלד איז געקומען צו לויפן דער בעל דבר, דער שטן, און טראגט זיך אן אויסצופירן די ארבעט, צו גיין אויספרובירן דעם צדיק ר׳ משה אלשיך. ער וועט שוין וויסן ווי אזוי צו מאכן דעם נסיון עס זאל אים זיין שווער בייצושטיין.

ווען אלי׳ הנביא האט דאס דערהערט, איז ער שנעל געקומען צו גיין און זאגט פארן בית דין של מעלה, אז דא ביי דער מעשה האט קיינער נישט קיין רעכט זיך אריין צו מישן, ר׳ משה האט זיך דאך אנגענומען פאר מיר, וועל איך איהם גיין אויספרובירן.

דאס בית דין של מעלה האט מסכים געווען, און מען האט אראפגעשיקט אלי׳ הנביא ז״ל אויף דער וועלט אויסצופרובירן ר׳ משה אלשיך.

אין א שיינעם טאג רוקט זיך אין צפת א אורח, אפגעריסן און אפגעשליסן, דער אורח קומט צום ערשט, גלייך אין בית המדרש אריין.

עס ווערט פארנאכט. מען קומט זיך צוזאמען צום דאווענען. נאכן דאווענען באמערקט ר׳ משה אלשיך א פרעמדן איד, גייט ער צו צו אים, ער גיט איהם א ברייטן שלום עליכם און פרעגט איהם צו ער האט ביי וועמען צו עסן.

דער איד ענטפערט איהם אז ניין, ער איז טאקע זייער הונגעריג און ער זוכט אוואו צו עסן.

ר׳ משה האט זיך דערפרייט. ער קען יעצט מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים, ער רופט איהם צו זיך אהיים אויף נאכטמאל.

מען וואשט זיך צו דער סעודה, מען האט קוים געמאכט א המוציא און דער אורח רוימט אלעס אראפ פון טיש, ער איז געווען אזוי הונגעריג,

אז וואס מען האט נאר אריינגעברייינגט האט ער אלעס גלייך אויפגעגעסן. ער האט געבעטן נאך און נאך ווייל ער איז זייער הונגעריג.

מען האט שוין אריינגעברייינגט אלע מעדנים און אלע פיינע מאכלים. דער אורח האט אלעס שנעל אויפגעגעסן, און ער בעט שוין ווידער נאך — —

ר׳ משה איז נישט געווארן אין כעס, נאר ער איז שנעל געלאפן צו אלע שכנים צוזאמענבארגן אביסל עסן כדי מחי׳ צו זיין דעם אורח, דעם אפגעריסענעם ארימאן.

אבער גלייך ווי מען האט דאס אראפגעלייגט אויפן טיש האט דער אורח אלעס פארברענט — און ווייטער געשריגן אז ער איז נאך אלס הונגעריג.

ר׳ משה איז ארויסגעגאנגען שחט׳ן א בהמה כדי דער איד זאל דערפון קענען זאט ווערן. מען האט געשחט׳ן א בהמה, מען האט דאס בודק געווען און עס איז ארויס טרפה.

האט מען גע׳שחט׳ן נאך א בהמה איז עס אויך געווען טרפה, אזוי האט מען געשחטן צוועלף בהמות און אלעס איז ארויס טרפה. ר׳ משה האט אבער נישט געקוקט אויף קיין שום שאדן, אים האט נאר געארט פארוואס דער איד זאל זיין הונגעריג. ביז ענדליך מען האט גע׳שחט׳ן די דרייצנטע בהמה און עס איז ארויסגעקומען כשר.

די שמחה פון ר׳ משה׳ן איז געווען זייער גרויס, דעמאלס האט זיך דער גאסט גלייך ענטפלעקט פאר ר׳ משה׳ן און האט איהם אויסגעזאגט אז ער איז נישט קיין מענטש, נאר אלי׳ הנביא זכור לטוב, און אז ער איז איהם געקומען אנזאגן די בשורה, אז מען האט באשלאסן אין הימל צו געבן פאר אים א מתנה, ער זאל קענען דרש׳נען די הייליגע תורה אויף איינעם פון די זיבעציג ערליי וועגן וואס די תורה ווערט גע׳דרש׳נט.

און אלי׳ הנביא איז פארשוואונדן געווארן.

ווען ר׳ משה אלשיך איז אויפגעשטאנען אינדערפרי האט ער געפילט

א גרויסע ענדערונג, אין וואס ער קוקט אריין, וואס ער לערנט פארשטייט ער זייער טיף און פיין. האט ער זיך זייער געפריידט און ער האט אפגעגעבן א דאנק פארן באשעפער פארן גרויסן חסד וואס ער האט איהם געעפנט די אויגן צו פארשטיין אזוי טיף די ווערטער פון די הייליגע תורה. ר׳ משה אלשיך האט אבער פאר קיינעם גארנישט דערציילט ווייל ער איז געווען א אמת׳ער ערליכער איד, א גרויסער עניו.

☆ ☆ ☆

אין דער זעלבע צייט איז געווען אין די שטאדט צפת דער גאון און צדיק ר׳ יוסף קארו וואס האט מחבר געווען דעם בית יוסף און דעם שלחן ערוך.

ווי באוואוסט האט דער הייליגער בית יוסף געהאט א מגיד, א מלאך פון הימל, וואס פלעגט קומען צו איהם יעדן טאג, און האט מיט איהם געלערנט און מגלה געווען סודות התורה און אויך פארשידענע אנדערע ענינים, אויך פלעגט ער איהם זאגן מוסר יעדן טאג לויט זיין הייליגע מדרגה.

דער מגיד האט מגלה געווען פארן בית יוסף די גאנצע זאך וואס דער סוחר ר׳ משה אלשיך האט געטהון און וואס פאר א מתנה מען האט איהם דערפאר באשטימט פון הימל.

עס איז געקומען שבת, ווען דער בית יוסף איז אריין געקומען אין בית המדרש, האט ער גערופן ר׳ משה׳ן און ער האט איהם געזעצט אויבן אן. ר׳ משה האט נישט געהאט קיין ברירה, ער האט געמוזט פאלגן דעם בית יוסף.

שבת נאכמיטאג איז געווען דער מנהג אז מען פלעגט זיך צוזאמענקומען און דער רב פלעגט זאגן א דרשה. יענעם שבת ווען דער גאנצער עולם איז שוין געווען אין בית המדרש און מען האט שוין געווארט אויפן רב ער זאל שוין אנהויבן זאגן — האט דער רב א וואונק געגעבן פאר ר׳ משה אלשיך ער זאל צוגיין און דרש׳נען.

ר׳ משה האט זיך געשעמט, ער האט נאך קיינמאל פריער נישט

געדרשנ׳ט און דער עולם האט זיך אויך געוואונדערט, ביז דער רב, האט איהם שטילערהייט געזאגט אז ער ווייסט אלעס, ער זאל זיך גארנישט שעמען ווייל אזוי וויל מען פון הימל.

ר׳ משה אלשיך איז ארויף אויף דער בימה, און האט אנגעהויבן צו דרשנ׳ן דברי מוסר און אזעלכע וואונדערליכע פשטים און דרשות אויף דער תורה וואס מען האט נאך קיינמאל פריער נישט געהערט.

פון דעמאלס אן האט שוין דער אלשיך יעדן שבת נאכמיטאג געדרשנט, און עס איז אזוי פארבליבן. ווי וואונדערבאר איז דאן געווען: דער הייליגער בית יוסף איז דאן געווען דער רב, דער אר״י הקדוש וואס איז אויך געווען אין יענער צייט איז געווען דער רבי, דער אלשיך הקדוש איז געווען דער מגיד, און דער הייליגער חרדים איז געווען דער שמש.

די זמירות פון אליהו

דער ענין וואס מען זאגט זמירות מוצאי שבת ווערלכע האבן א שייכות צו אליהו הנביא, איז, ווייל עס ווערט געבראכט פון תוספתא: דאס יעדן מוצאי שבת זיצט אליהו הנביא אונטערן עץ החיים און שרייבט איין די זכיות פון די ווערלכע האבן געהיט שבת.

(מהרי״ל)

אנדערש פון די בהמה

דער פסוק זאגט דיר אן: ״זכור את יום השבת לקדשו״ דו זאלסט זעהן צו הייליגן דעם שבת, מעהרן קדושה און זיך נישט באגנוגענען מיטן היטן דורך נישט צו טהון קיין ארבעט, ווייל דאס טהוט דאך אויך דיין קנעכט, דיין דינסט און דיין קיה, מיט וואס ביסטו אויב אזוי חשובער פון זיי?!

(אלשיך)

א סגולה צו דערציילן

עס איז באקאנט אז דער הייליגער בעל שם טוב זי״ע האט געזאגט: ווען אידן וועלן דערציילן פון אים ביי מלוה מלכה מוצאי שבת קודש, וועט עס זיין א סגולה צו פרנסה.

האט אויף דעם דער הייליגער ערשטער בעלזער רב ר׳ שלום זי״ע באמערקט, אז אין דעם דאזיגן מאמר פון דעם בעל שם טוב הקדוש זיינען דריי זאכן לאו דווקא, ער האט נישט פונקטליך אינגאנצן אזוי געמיינט ווי עס איז געזאגט.

1) נישט דווקא מוצאי שבת, נאר אלעמאל ווען מען דערציילט זיי, זיינען די מעשיות מסוגל צו פרנסה.

2) נישט נאר צו פרנסה זיינען די מעשיות פון הייליגן בעל שם טוב מסוגל, נאר צו אלע סארט ישועות אין וואס אידישע קינדער נויטיגן זיך.

3) נישט נאר דערציילונגען פון בעל שם טוב זי״ע זיינען מסוגל, נאר אויך מעשיות פון אלע צדיקים זיינען מסוגל דערצו.

☆ ☆ ☆

אין צוזאמענהאנג מיט דעם אויבן דערמאנטן, וועלן מיר ברייגנען א מעשה פון הייליגן בעל שם טוב זי״ע, וואס דער הייליגער צדיק פון קאמינקא זי״ע האט דערויף געזאגט אז עס איז א סגולה צו דערציילן ביי מלוה מלכה מוצאי שבת קודש.

☆ ☆ ☆

איינמאל איז געקומען צום בעל שם טוב א צובראכענער איד, א ארימאן, און זיך באקלאגט איבער זיין שווערן צושטאנד, ווי ער מאטערט זיך אויף פרנסה, אבער ער קען זייער שווער באווייזן צו שפייזן זיין שטוב

מיט קינדער, ער האט געבעטן דעם רבי׳ן ער זאל אים געבן א ברכה אז ער זאל געהאלפן ווערן.

דער הייליגער בעל שם טוב האט אים געראטן: אז ער זאל גיין אונטער א געוויסן בריק און ער זאל דארט גראבן, וועט ער געפינען א אוצר מיט געלד, אזוי אז ער וועט מיט׳ן הילף פון השי״ת אויפגעראכטן ווערן.

פוהל מיט האפענונג איז דער איד געגאנגען צו יענע שטאט וואו דער בעל שם טוב האט אים אנגעוויזן, און גלייך צוגעגאנגען אונטער יענעם בריק און גענומען גראבן.

דער איד גראבט און זוכט, אבער אן ערפאלג, ער האט גארנישט געפונען. ער גייט ארום אנטוישט און פארצווייפלט און קרעכצט זיך אונטער אויף זיין ביטערן שיקזאל.

מיטאמאל גייט פארביי א שניידער, אויך א איד א ארימאן און באמערקט יענעם ווי ער זוכט און נישטערט, און זיין געזיכט איז ערנסט, באזארגט און פארטראכט.

— ״וואס זוכט איר מיין ליבער איד?״ — פרעגט אים דער שניידער.

דער איד האט אים דערציילט די ווערטער פון דעם בעל שם טוב און אויסגעפיהרט:

— ״אט שטיי איך שוין דא א לאנגע צייט און זוך, אבער עס איז צוועקלאז. איך האב גארנישט געפונען״ — האט ער אויסגעפירט מיט ביטערניש.

— ״אויך מיר האט דער בעל שם טוב געזאגט אז איך זאל גיין אין יענע שטאט — דערביי האט ער אנגעגעבן דעם נאהמען — און איך זאל גראבן ביי א געוויסן מענטש — דא האט ער געזאגט דעם נאמען פון יענעם — אין שטוב הינטערן אויוון, וועל איך געפינען א מאיאנטעק, א אוצר, אבער איך פויל זיך צו גיין אהין, ווייל איך ווייס נישט ווי אזוי זיך

ארייַנצובאַקומען צו אַ פרעמדן אין שטוב און נעמען גראָבן הינטערן אויוון כּדי צו זוכן אַ אוצר״, — האָט דער שניידער דערציילט.

איבערראַשט איז דער אָרימאַן געוואָרן, ווען ער האָט עס דערהערט, ווייל דער ״הינטערן אויוון״ ביי ״יענעם פרעמדן אין שטוב״ איז טאַקע נישט קיין אַנדערער געווען נאָר ער זעלבסט. ער איז עס געווען צו וועמען דער בעל שם טוב האָט געשיקט יענעם שניידער.

דער אָרימאַן איז שנעל אַהיים געגאַנגען פוהל מיט האָפענונג, טראַכטנדיג צו זוכן הינטער זיין אויוון, און יענער אָרימער שניידער איז געבליבן הינטער די בריק.

אַ געדאַנק איז אים פאַרבייגעלאָפן: איך געפין זיך דאָך דאָ וואו דער בעל שם טוב האָט יענעם געשיקט זוכן אַ אוצר, אפשר וועט עס מיר געלינגען צו געפינען?

דער אָרימער שניידער האָט זיך טאַקע גלייך גענומען צו דער אַרבעט און אָנגעהויבן צו גראָבן, עס האָט נישט גענומען לאַנג און אַ אוצר פון אַ פאַנטאַסטישע סומע געלד האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן — ער האָט עס געפונען!

אין דער זעלבער צייט איז דער אָרימאַן, וואָס האָט באַקומען פון דעם שניידער די ״אינפאָרמאַציע״ וואו צו זוכן, געשטאַנען הינטער זיין אויוון, און געגראָבן, און אויך ער האָט געפונען אַ באַהאַלטענעם אוצר — ער איז פּלוצים רייך געוואָרן!

ביי ביידן, סיי ביי דעם געוועזענעם אָרימאַן, ווי אויך ביי יענעם שניידער, איז אַרויף אויפן געדאַנק: מיין יעצטיגן גליק און רייכטום האָב איך צו פאַרדאַנקען פאַר מיין חבר, וואָס ער האָט מיר געגעבן די עצה וואו צו גראָבן. יענער איז אַ ביטערער אָרימאַן קומט זיך אים, אַז איך זאָל אים עפּעס געבן פון דעם פאַרמעגן.

ביידע האָבן אַזוי געטאָן. יעדערער האָט גענומען אַ טייסטער און עס אָנגעפּילט מיט גאָלד און זילבער, און זיך געלאָזט צום חבר.

ווי גרויס איז געווען די שמחה צווישן זיי ווען זיי האבן זיך אונטערוועגנס באגעגנט!

מיט גרויס איבערראשונג האבן זיי דערציילט איינער דעם אנדערן וואס עס האט פאסירט.

וואס טוט מען אבער מיט'ן געלד, די מתנות וואס זיי האבן געברייינגט איינער צום צווייטן?

האבן זיי באשלאסן זיך משדך צו זיין, און דאס געלד איז געגעבן געווארן אלס נדן פאר די קינדער.

☆ ☆ ☆

דער קאמינקער רב האט אויסגעפירט, אז עס איז א סגולה צו דערציילן די מעשה ביי מלוה מלכה, און גלייך דערנאך צו בענטשן. ער אליין פלעגט זיך פירן נאכן פארענדיגן די מעשה אויסצופירן "מזל טוב, שיר המעלות..."

דער קאמינקער רב זי"ע האט ערקלערט: עס איז אפט פארהאן אז עס איז באשערט פאר איינעם א ישועה, און מען קען עס ערגרייכן נאר דורכ'ן הילף פון א גוטן חבר, וואס איין איד העלפט דעם צווייטן.

א וואך פון לעבן

די סעודה וואס מען עסט מוצאי שבת ווערט גערופן אויפן נאהמען פון דוד המלך ע"ה "סעודתא דדוד מלכא משיחא", ווייל לויט ווי עס ווערט געברענגט אין גמרא (שבת ל ב) האט דוד המלך אנגעפרעגט אין הימל ווען ער וועט שטארבן? האט מען איהם געענטפערט: אום שבת! דעריבער ווען עס איז אריבער דער שבת און ער איז געבליבן לעבן האט ער זיך זייער געפרעהט און געמאכט א סעודה, זייענדיג זיכער דאס די קומענדיגע וואך וועט ער נאך געוויס לעבן.

דער אלטער ביי די סעודה

דער צדיק ר׳ משה פון פשעווארסק זצ״ל האט אין זיינע יונגע יאהרן בעשלאסן אפצוריכטן גלות. דאס מיינט, ארומצוזואנדערן פון ארט צו ארט, פון שטאדט צו שטאדט, ניט צו פערבלייבן א לאנגע צייט אויף דעם זעלבן ארט. ער האט אזוי געזאגט: די הייליגע ספרים שרייבן דאך בפירוש, אז זינט דעם חורבן בית המקדש, געפינט זיך די שכינה הקדושה אין גלות, דאס הייסט, אז זי, כביכול, האט ניט קיין מנוחה, — טא פאר וואס זשע זאל איך זיין בעסער פון איהר און יא האבן מנוחה?

האט ער דעריבער ביי זיך אפגעמאכט ארומצוזואנדערן אויף דער וועלט, אין ערטער וואו מען קען איהם ניט און מען ווייס ניט ווער און וואס ער איז. און כדי מען זאל איהם ניט אנטהאן קיין כבוד צוליב זיין גרויסקייט אין תורה און אין יראת־שמים, האט ער זיך אויף זיין וואנדערונגס־נסיעה אויסבעהאלטן. ער האט זיך פארשטעלט אלס א פשוט׳ער אומוויסנדער איד. אזוי ארום, וועט איהם קיינער ניט שיינקען קיין אויפמערקזאמקייט, נאר אים בעהאנדלען ווי מען בעהאנדלט אנדערע פשוטע מענטשן. אזוי איז געווען זיין רצון און אזוי האט ער ארומגעוואנדערט א לאנגע צייט.

אין דעם דערפעלע יאנאווצע זיצט זיך א איד, מיטן נאמען ר׳ חיים. א גוטהאלטער און אייגנטימער פון א בראנפן ברענעריי. דאס געשעפט גייט נישט שלעכט. ער האט ב״ה פרנסה בריווח. די בראנפן ברענעריי איז איינע אין דעם געגנט. די קונים זיינען צופרידן און זיי האבן ליב צו מאכן געשעפטן מיט דעם אידישן גוטהאלטער ר׳ חיים, צוליב זיין אנשטענדיקייט און איידלקייט.

ר׳ חיים איז א גרויסער בעל מכניס אורח. אידן ווייסן שוין אז אין

יאנאווצע וועלן זיי קריגן א ווארימע שטוב מיט א גוטן געלעגער, ברויט צו עסן און צו טרינקען און זיי קענען דארט פארבלייבן ווי לאנג זיי ווילן נאר. דערצו איז ר׳ חיים זיך נוהג צו געבן א שיינע מטבע פאר יעדן אורח.

מאכט זיך א מעשה און דער פארוואלטער פון דער בראנפן ברענעריי, א טיכטיגער פאכמאן, וועלכער האט אנגעפירט מיט דער ברענעריי לאנגע יארן, האט מיטאמאל אויפגעגעבן זיין פאסטן און איז אוועק. ר׳ חיים איז געבליבן געפלעפט. וואס וועט ער איצט טאן, אז זיין הויפט־פאכמאן האט אים פארלאזט. ווי וועט ער קענען אנפירן זיינע געשעפטן, אז ער ווייסט אפילו נישט ווי אומצוגיין מיט די מאשינעריע אין דער בראנפן ברענעריי און ער ווייסט נישט וואס צו הייסן פאר די ארבעטער צו טאן. ר׳ חיים איז געווען אינגאנצן פארצווייפלט.

אין דער זעלבער צייט איז ארומגעגאנגען דער הייליגער צדיק דער רבי ר׳ משה פון פשעווארסק זי״ע אפריכטן גלות און אזוי וואנדערנדיג איז ער אנגעקומען אויך קיין יאנאווצע, און פארשטייט זיך אויך אריינגעגאנגען צום בעל מכניס אורח, דער גוטהאלטער ר׳ חיים. ר׳ חיים האט אים אויפגענומען בסבר פנים יפות, מיט א פרייליכן שמייכל און מיט א ליכטיגן פנים. ער האט אים איבערגעגעבן א פיינע שטוב און אים מכבד געווען מיט אלעס בעסטן.

קוים וואס ר׳ משה איז אנדרימלט געווארן, האט זיך צו איהם בעוויזן אין חלום אליהו הנביא און צו איהם אזוי געזאגט:

— ר׳ משה, ״מקומך אל תנח״, לאז ניט איבער דאס דאזיגע ארט. פערבלייב דא ביים דאזיגן ארענדאר. בעהאלט דיך אויס פאר איהם ווי לאנג עס וועט זיך לאזן. איך וועל אפטמאל קומען צו דיר און דיר זאגן ווי זיך צו פיהרן. מחמת באלד וועט קומען די צייט דו זאלסט נתגלה ווערן אלס א פיהרער פון אידן, טארסטו ניט מסרב זיין.

דער רבי ר׳ משה איז דארט געזעסן עטליכע טעג, און ער האט באלד באמערקט אז עפעס דריקט דעם בעל הבית. כאטש לפנים ווייזט ער נישט ארויס אז ער האט שברון לב, קען מען אבער דערקענען זיין צער. ער האט

באמערקט אז דער בעל הבית מיט זיין ווייב סוד'ן זיך אפט און זיינען זייער באזארגט, אבער ווען זיי האבן אין אכט גענומען אז מען באמערקט עס, האבן זיי אויפגעהערט צו רעדן.

אין יענער פרימארגן ווען ר' משה האט זיך אויפגעכאפט פונ'ם שלאף איז צו זיינע אויערן געקומען א שמועס וואס דער בעל הבית האט איבערגערעדט מיט זיין ווייב.

פון דעם שמועס האט ר' משה פערשטאנען, אז דער בראנפן ברענער פון דער ברענעריי וואס געהער צום ארענדאר, איז אוועק און זיי זיינען זייער פארזארגט צו בעקומען א מענטשן, א פארלעסליכן, וואס זאל אכטונג געבן און פיהרן די ברענעריי.

האט ר' משה דעם דאזיגן שמועס צוזאמענגעפארעט מיט דעם חלום וואס ער האט געזעהן און דערפון פערשטאנען אז די ביידע זאכן האבן א גרויסן שייכות, ער וועט דא געפינען א געלעגנהייט צו פערבלייבן אלס בראנפן ברענער אין דעם דאזיגן דארף און זעהן וואס ווייטער וועט דא זיין. טאמער געלינגט איהם צו ווערן אנגעשטעלט ביים ארענדאר אלס בראנפן־ברענער, איז קיין ספק ניט מעהר, אז דער חלום איז אמת פון אנהויב ביזן סוף. ער האט געהאט צום ערשטן מאל "גילוי אליהו".

דער רבי ר' משה איז צוגעשטאנען צום בעל הבית ער זאל אים דערציילן פון וואס ער איז אזוי שטארק באזארגט און צוטראגן. האט אים דער בעל הבית דערציילט, אז שוין עטליכע טעג האט אים דער הויפטארבייטער וועלכער האט אנגעפירט מיט דער בראנפן ברענעריי פארלאזט, און ער קען זיך קיין עצה נישט געבן, ער קען נישט געפינען קיין אנדערן מענטש וואס זאל זיין פאסיג צו פארנעמען זיין ארט.

האט אים דער רבי ר' משה גענומען בארוהיגן און טרייסטן, ער זאל נישט זיין באזארגט, ווארום ער פארשטייט דאס פאך, און ער איז גרייט אנצופירן מיט דער בראנפן ברענעריי. פארשטייט זיך אז דער רבי ר' משה איז קיינמאל נישט געווען קיין אייגנטימער פון א בראנפן ברענעריי, אבער כדי מחיה צו זיין א איד, האט ער אויף זיך גענומען די ארבעט, מיט דער

האפענונג און בטחון אין השם יתברך, אז עפעס וועט שוין געשען און דער מסחר פון דעם בעל מכניס אורח וועט ווייטער קענען אנגיין.

ר׳ חיים און זיין פרוי זיינען ביידע געווען איבערגליקליך. זיי האבן געדאנקט פאר השם יתברך וואס ער האט זיי צוגעשיקט א מענטשן ממש אין דער ריכטיגער צייט. זיי האבן אפילו נישט געפרעגט דעם פרעמדן מאן וויפל ער וויל פאר זיין שכירות, נאר זיי האבן אים תיכף אפגעפירט אין גוט, דארט וואו עס האט זיך געפונען די בראנפן ברענעריי און אים איבערגעגעבן די גאנצעווירטשאפט. דער בעל הבית האט אנגעזאגט פאר די גוים און פאר אלע בעלי מלאכות, אז זיי זאלן אלעס גענוי פאלגן וואס דער נייער פארוואלטער וועט זיי הייסן טאן.

אויף מארגן זיינען די גוים און בעלי מלאכות געקומען צו דער ארבעט, האבן זיי געפרעגט דעם נייעם ״פארוואלטער״ וואס זיי דארפן טאן. דער רבי ר׳ משה האט דאך נישט געוואוסט וואו מ׳הייבט אן און וואו מ׳לאזט אויס, האט ער זיי געזאגט אז דערווייל זאלן זיי ארבעטן פונקט אזוי ווי זיי האבן פריער געארבעט און שפעטער וועט מען זען.

און ג־ט האט געשיקט א גרויסע ברכה אין דער ברענעריי צוליב דעם זכות פון דעם צדיק ר׳ משה. דער בעל־הבית פון דער ברענעריי איז רייכער געווארן פון טאג צו טאג. פון דער גאנצער געגנד איז מען געקומען צום איהם קויפן משקה, ווייל איהר שארפקייט און געשמאק האט קיינער ניט געקענט נאכמאכן.

האט דער ארענדאר פערשטאנען, אז דער נייער ״ברענער״ איז א גרויסער מומחה אין מאכן די משקה און נאר צוליב איהם האט ער אזוי מצליח געווען. האט ער די גאנצע ברענעריי איבערגעלאזט אין די הענד פון דעם אויפזעהער ר׳ משה, און זיך גאר נישט מעהר געקימערט וועגן איהר. נאר די פארקויף פונ׳ם יי״ש האט ער אליין געפיהרט ביי זיך אין הויז. אין דער ברענעריי, וועלכע איז געשטאנען זייער ווייט פון זיין הויז איז ער זייער זעלטן געקומען. צו וואס פערברייינגען צייט, וויבאלד ער האט דארטן אזא גוטן און געטרייען אויפזעהער.

דער רבי ר׳ משה פשעווארסקער האט זיך געפירט זיין עבודת הקודש

באהאלטן און בהצנע לכת. דארט אין דער בראנפן ברענעריי האט ער געקענט דינען דעם באשעפער אומגעשטערט און מענטשן זאלן אפילו נישט וויסן פון זיין התנהגות. דארט האט ער געגעסן און געשלאפן און פארבראכט א גאנצן טאג. דארט זיינען אויך געווען זיינע אלע חפצים און זאכן.

ר׳ משה האט דא געפונען די בעסטע געלעגנהייט צו טהאן פערבארגענערהייט זיין הימלישע עבודה. ביינאכט, אזוי ווי די ארבייטער זיינען אוועק פון דער ארבייט, האט ער מכלומר׳שט פערלאשן דאס ליכט און זיך געלייגט שלאפן אין דער ברענעריי. כדי זי צו היטן פון גנבים, האט ער ניט געוואלט נעכטיגןביים בעל־הבית אין הויז נאר דוקא אין דער ברענעריי. קוים איז געווארן האלבע נאכט, האט זיך ר׳ משה גענומען צו זיין הימלישע ארבייט, צו תורה און תפלה.

שבת פלעגט ער עסן מיט זיין בעל הבית צוזאמען. דער בעל־הבית, וועלכער האט איהם געהאלטן פאר א עם־הארץ, פלעגט איהם ביים טיש דערציילן מעשה׳לעך פון דער וואכעדיגער סדרה און ר׳ משה האט זיך מיט תמימות צו זיי צוגעהערט, מיט גרויס כוונה.

ר׳ משה איז זעהר געווארנט געווען אין דער סעודה פון מלוה־מלכה. וויסנדיג אז דער ארענדאר איז א איידעלער מענטש און א שטיק תלמיד חכם, האט ר׳ משה איהם דערציילט, אז ער האט אמאל געהערט א מגיד זאגן פאר׳ן עולם, דאס עס איז א גרויסע מצוה צו עסן מוצאי שבת א סעודה וואס הייסט ״מלוה־מלכה״ און דעריבער איהם געבעטן איינצופיהרן אין זיין הויז אזא שטענדיגע סעודה יעדן שבת.

אזוי ווי דער ארענדאר האט געהאלטן ר׳ משה׳ן פאר א אומוויסנדן אבער פרומען מענטשן האט ער איהם אויך דאס צוליב געטהאן. יעדן מוצאי שבת פלעגט ער פראווען א מלוה־מלכה־סעודה צוזאמען מיט׳ן אויפזעהער. ר׳ משה פלעגט אבער קיין מאל ניט פארבלייבן ביי איהם אין הויז לענגער ווי ביז עלף א זייגער. ער האט געוואוסט, אז דארטן אין דער ברענעריי, ווארט שוין איימיצער אויף איהם פונקט זייגער צוועלף, דער

דאזיגער איימיצער, איז געווען טאקע אליהו הנביא, וואס פלעגט צו איהם קומען יעדן מוצאי שבת, נאך דער מלוה מלכה, און מיט איהם לערנען.

איינמאל א מוצאי שבת, ווען דער רבי ר׳ משה איז געקומען צום בעל הבית, איז ר׳ חיים געווען פארנומען מיט מאכן חשבונות מיט די סוחרים און ערלים וואס פלעגן ביי אים קויפן בראנפן אויף בארג. דער רבי ר׳ משה האט געווארט, אבער דאס פאררעכענען האט געדויערט זייער לאנג. ר׳ חיים האט נישט געקענט איבערלאזן אין מיטן און פראווען די סעודת מלוה מלכה. דער רבי ר׳ משה האט געווארט און געווארט און ווען ער האט געזען אז עס נעמט נישט קיין עק, האט ער זיך אויפגעהויבן און צוריקגעגאנגען אין דער בראנפן ברענעריי און זיך דארט אליין גענומען צוגרייטן צו דער סעודה.

דערווייל איז ר׳ חיים פארטיג געווארן מיט׳ן רעכענען מיט די גוים. ער האט זיך געוואלט זעצן צו דער סעודה, אבער דא האט ער דערזען אז דער פארוואלטער איז נישטא. ער האט געפרעגט זיינע בני בית צו זיי ווייסן נישט וואו ער איז, האבן זיי איהם דערציילט אז ער האט לאנג געווארט און ווען ער האט געזען אז דאס חשבונ׳ען דויערט אזוי לאנג, האט ער זיך אויפגעהויבן און אוועקגעגאנגען. מסתמא איז ער געגאנגען אין דער בראנפן ברענעריי.

האט ר׳ חיים געטראכט ביי זיך: דער איד פלעגט קומען יעדן מוצאי שבת עסן מלוה מלכה. עס קען זיין אז ער איז אויסן בלויז צו עסן א גוטע סעודה, און אפילו דאן דארף מען אים דאך אויך מהנה זיין מיט דער סעודה. עס קען אבער אויך זיין אז דער איד איז געוואוינט צו עסן מלוה מלכה לשם מצוה, כאטש ער איז א פשוט׳ער מענטש, נאר מסתמא האט ער אזוי געזען ביי זיין טאטן. דארף מען דאך אים אוודאי רופן און זאל ער קומען פראווען די סעודה.

ר׳ חיים האט באשלאסן ביי זיך, אז ער וועט זיך מטריח זיין ביז דער בראנפן ברענעריי, כאטש עס איז א לאנגע וועג און ס׳איז שוין שפעט אין דער נאכט, און רופן דעם פארוואלטער ער זאל קומען עסן צוזאמען מיט אים די סעודה מלוה מלכה.

ווען ער איז שוין געווען נישט ווייט פון דער בראנפן ברענעריי, האט ער באמערקט פונדערווייטנס אז עס לייכט זיך דארט ארויס פון די פענסטער. דער גוטהאלטער און אייגנטימער ר׳ חיים האט ביי זיך געטראכט, אז נישט אנדערש נאר גנבים האבן זיך ארייגעכאפט אין דער בראנפן ברענעריי, און זיי מאכן דארט איצט א גניבה, ווארום עס קען דאך נישט זיין אז די ארבעטער זאלן דארט איצט ארבעטן, ווייל ביינאכט ארבעט מען נישט.

ר׳ חיים איז צוגעקומען נענטער, און ער האט זיך צוגעבויגן צו א פענסטער צו זעהן ווער זיינען די גנבים וואס האבן זיך ארייגעכאפט אין דער ברענעריי. ווי ערשטוינט איז ער געווארן פון דעם בילד וואס ער האט דערזען פאר זיך. נישט קיין גנבים זענען דארט געווען, נאר דער "פארוואלטער" (דער רבי ר׳ משה פון פשעווארסק) איז דארט געזעסן מיט נאך א אידן מיט א וואונדערבארן הדרת פנים און פראכטפול געשטאלט, מיט א ווייסער בארד און מלכות׳דיג אויסזען ווי א מלאך אלקים.ביידע זענען זיי געזעסן ביי א געגרייטן טיש מיט א בלישטשענדיג ווייסן טישטאך.

ר׳ חיים האט באלד באגריפן אז דאס איז נישט קיין פשוט׳ע זאך. ער איז געשטאנען הינטערן פענסטער דערשטוינט און פארוואונדערט. נישט נאר וואס ער איז נייגעריג געווען צו ווייסן ווער עס איז דער וואונדערבארער מענטש מיט דער ג־טליכער צורה, נאר ער איז שוין איצט נייגעריג געווען צו ווייסן ווער עס איז אין דער אמת׳ן זיין פארוואלטער, ווייל ער האט באלד פארשטאנען אז ער איז נישט קיין פשוט׳ער מענטש.

שטייענדיג הינטער׳ן פענסטער האט ר׳ חיים געהערט ווי די ביידע פירן א שטילן שמועס צווישן זיך. ער האט אנגעשפיצט זיינע אויערן און ער האט אויפגעכאפט עטליכע ווערטער פונעם שמועס.

ער האט געהערט ווי דער פארוואלטער פרעגט דעם זקן מיט דער ג־טליכער צורה ער זאל אים געבן צו פארשטיין א מאמר אין מדרש. דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק "מצאתי דוד עבדי בשמן קדשי משחתיו" — היכן מצאתיו? בסדום! (איך האב געפונען מיין קנעכט דוד, און איך האב

אים געזאלבט מיט דער הייליגער בוימל, וואו האב איך אים געפונען? אין סדום!). דער מאמר איז אייגנטליך נישט פארשטענדליך, און דער פארוואלטער האט געבעטן דעם זקן ער זאל אים זאגן דעם פשט דערפון.

האט דער זקן געזאגט: אזוי האבן מיר געלערנט אין דער מתיבתא דרקיעא (אין דער ישיבה אויפ'ן הימל), בסד"ם איז די ראשי תיבות פון די ווערטער "בסעודתא דדוד מלכא" -- דאס מיינט, אז דערמיט וואס דוד המלך ע"ה האט מתקן געווען די סעודה פון מלוה מלכה, דערמיט האט השם יתברך אים אויסגעפרובט און אויסגעקליבן צו זאלבן אים אלס קעניג.

ר' חיים האט שוין מער נישט געדארפט. ער האט שוין פארשטאנען אז זיין "פארוואלטער" איז נישט קיין אדם פשוט, אז ער איז א באהאלטענער צדיק. ער איז נאר נייגעריג געווען צו דערגיין ווער איז עס דער זקן מיט דער ווייסער בארד און ג־טליכע צורה? ווער איז דאס דער הייליגער מאן וועלכער ווייסט געוני וואס עס ווערט געלערנט אין הימל אין דער מתיבתא דרקיע?

ר' חיים איז געווען שטארק דערשראקן. ער האט זיך נישט געוואגט אריינצוגיין אינווייניג. ער האט אויך נישט געוואלט זיי זאלן וויסן אז ער האט זיך אונטערגעהערט צו זייער שמועס. האט ער זיך אויפגעהויבן און צוריקגעגאנגען אהיים.

עס איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט. ער האט זיך געלייגט אין בעט, אבער ער האט נישט געקענט איינשלאפן. ביז אין דער פרי האט ער נישט צוגעמאכט קיין אויג. דאס בילד וואס ער האט געזען פאר זיך איז אים געשטאנען פאר די אויגן און עס האט אים נישט געגעבן קיין רוה.

אין דער פרי איז דער פארוואלטער געקומען נאך זיין טלית און תפילין אזוי ווי שטענדיג. באלד ווי ער איז אריינגעקומען צום בעל הבית, האט זיך דער בעל הבית ר' חיים אויפגעשטעלט פאר זיין פארוואלטער מיט דעם גרעסטן יראת הכבוד, אזוי ווי מ'שטעלט זיך אויף פאר א אדם גדול. דער פארוואלטער האט זיך געוואונדערט, אבער ר' חיים האט אים באלד געזאגט:

— ״איך בעט אייך, רבי, איר זאלט מיר מוחל זיין וואס איך האב זיך באדינט מיט אייך, איך האב נישט געמיינט פוגם צו זיין אין אייער כבוד התורה און אייך האלטן אלס מיין אנגעשטעלטן. איך בין נישט ווערד אפילו אז איך זאל אייך באדינען, און מכל שכן אז איר זאלט גאר באדינען מיך. בעט איך אייך איר זאלט מיר מוחל זיין״...

דער רבי ר׳ משה פון פשעווארסק האט זיך אלץ נישט געוואלט אויסגעבן ווער ער איז, האט ער געפרובט אוועקמאכן די זאך און געזאגט: ״ווי פאלט איר עפעס אויס צו רעדן צו מיר אזעלכע ווערטער. וואס מאכט איר שפאס פון מיר. איך בין א פשוט׳ער איד״.

ר׳ חיים האט אים אבער געזאגט, אז ער קען זיך מער נישט באהאלטן פון אים. ער האט אים דערציילט וואס ער האט געזען מיט א נאכט פריער.

״אז איר זיינט א צדיק נסתר, דאס איז ביי מיר קיין שום ספק נישט. איך בעט אייך נאר איר זאלט מיר מגלה זיין, ווער איז דאס געווען דער זקן וואס ער איז געזעסן צוזאמען מיט אייך און געפראוועט די סעודת מלוה מלכה?״

דער רבי ר׳ משה האט געזען אז מער אויסבאהאלטן איז נישט שייך, ובפרט אז דער איד האט אליין געזען, האט ער אים מגלה געווען אז דער זקן איז געווען נישט קיין אנדערער ווי אליהו הנביא. ער איז אים געקומען אנזאגן אז מען האט אין הימל באשטימט אז ער דארף ווערן רב און מגיד אין דער שטעטל פשעווארסק. דער רבי ר׳ משה האט ווייטער דערציילט אז ער האט געטענה׳ט צו אליהו הנביא: ווי וועט מען מיך אויפנעמען אלס רב און מגיד, אז מען ווייסט אז איך בין נישט קיין תלמיד חכם. אין דער היים אין פשעווארסק קען מיך יעדער איינער פאר א פשוט׳ן איד, ווי אזוי זשע וועלן זיי מיך אויפנעמען אלס רב? האט אליהו הנביא געזאגט: דו פאר אהיים קיין פשעווארסק, און ווען דו וועסט אנקומען אין דיין שטעטל וועלן דיר די קינדער און חדר אינגלאך נאכלויפן און זאגן איינער צום צווייטן: ״אט גייט דער רב! אט גייט דער שטאט׳ס מגיד!״ דערנאך וועט די גאנצע קהילה מסכים זיין און זיי וועלן דיך אויפנעמען אלס רב און מנהיג.

ערשט דעמאלט האט זיך ר׳ חיים געכאפט וואס פאר א גרויסע זכיה ער האט געהאט. ער האט זוכה געווען צו זעהן אליהו הנביא און ער האט זוכה געווען צו זיין דער גאסט־געבער פון אזא הייליגן צדיק.

ר׳ חיים וואלט געוויס געווען צופרידן און גליקליך ווען דער געהויבענער גאסט זאל נאך בלייבן ביי אים אין יאנאווצע, אבער ער האט פארשטאנען אז דאס איז אוממעגליך. ווייבאלד מ׳האט אזוי באשטימט אין הימל איז דאך אנדערש נישט שייך. האט ער אים באגלייט ביז קיין פשעווארסק.

אנקומענדיג אין שטעטל, איז דער רבי ר׳ משה געגאנגען מיט זיין זעקל אויף די פלייצעס, ווי א געוויינליכער ארעמאן. די חדר אינגלאך האבן אים דערזען, זיינען זיי אים נאכגעלאפן און געטייטלט מיט די פינגער: ״אט גייט דער נייער רב, דער מגיד״!...

און אזוי איז רבי משה געווארן מגיד אין פשעווארסק און דערנאך נתפרסם געווארן אלס איינער פון די גרעסטע צדיקים.

נעים זמירות ישראל

מוצאי שבת זאגט מען זמירות מעהר ווי דעם גאנצן שבת, ווייל די ערשטע דריי סעודות זיינען קעגן אברהם יצחק יעקב, און די סעודה פון מוצאי שבת קודש איז קעגן דוד המלך וועלכער איז געווען דער נעים זמירות ישראל.

(צמח דוד)

ליכט מוצאי שבת

די מצוה פון כבוד שבת איז נישט נאר ערב שבת און שבת גופא נאר אויך מוצאי שבת, דעריבער פונקט ווי מען צינדט אן ליכט ביים אריינגעהן פון שבת דארף מען אנצינדן ליכט ביים ארויסגעהן פון שבת, די ליכט זאל זיין שענער ווי אין די וואכנדיגע נעכט.

(אריז״ל)

די ביטע פון דוד המלך

אויף זיינע עלטערע יאהרן, ווען דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק זצ״ל איז שוין געווען אלט און שוואך, פלעגט אפט טרעפן, אז ער איז נישט געזעסן מוצאי שבת צו דער סעודת מלוה מלכה, ווי ער האט זיך שטענדיג געפיהרט אין זיינע פריהעריגע יאהרן.

ווערט דערציילט וועגן דעם פאלגענדע מעשה:

איינמאל אין א פרייטאג נאכמיטאג, איז צו איהם אריינגעקומען א איד, אנגעטהון אין גראבע, דארפישע מלבושים, מיט א קויש אין האנד, און איהם געזאגט, אז ער האט דא צו פארקויפן זעהר שיינע פיש לכבוד שבת.

דער רבי ר׳ אלימלך איז אבער איצט געווען פארנומען אין זיינע הכנות לכבוד שבת און ער האט דעם דארפס איד אפגע׳פטר׳ט מיט עטליכע קורצע ווערטער, אז ער זאל וועגן דעם רעדן מיט דער רביצין.

זי האט אבער שוין פון פריהער געהאט געקויפט גענוג פיש און דערפאר וועגן דעם גאר נישט געוואלט האנדלען. דער דארפס־מאן האט אבער נישט געוואלט נאכלאזן און ער איז נאך אמאל געגאנגען מיט די פיש צום רבי׳ן ר׳ אלימלך. ווען ער האט איהם ווידער געשיקט צו דער רביצין, און זי האט זיך געהאלטן ביי דאס איהריגע, אז זי האט שוין גענוג פיש פאר׳ן הייליגן שבת — איז דער דארפס איד, איצט צום דריטן מאל, געגאנגען צום רבי׳ן ר׳ אלימלך. ער האט אויפגעדעקט דעם קויש וואו די פיש זיינען געלעגן און זיך געווארפן און צו איהם א זאג געטהון:

— זעהט וואס פאר א שיינע פיש דאס זיינען! איהר מעגט זיי קויפן און זיי עסן צו דער סעודת מלוה מלכה!

איצט איז שוין דער רבי ר׳ אלימלך אויפמערקזאם געווארן. ער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן, ער האט דעם דארפס איד, א היבשע ווײלע גוט אנגעקוקט און געוואלט זעהן ווער איז עס און דערנאך האט ער געזאגט:

— איך בין שוין אלט און שוואך, און איך האב מעהר קיין כח נישט אייער סעודה צו פראווען ווי אין מיינע פריהעריגע יאהרן. איך וועל אבער מיינע קינדער אנזאגן, אז זיי זאלן שטענדיג מהדר זיין אבצוהיטן מלוה מלכה.

און אלע, דעם רבין ר׳ אלימלך׳ס אייניקלאך זיינען ביז היינטיגן טאג זיך נוהג, גאר שטארק נזהר צו זיין אבצוהאלטן יעדן שבת־צו־נאכטס, זייערע מלוה מלכה׳ס, מיט שירים ותשבחות, מיט תורה זאגן, ווי עס פאסט פאר׳ן גרויסן אידישן קעניג דוד המלך עליו השלום.

טיי מיט צוקער

דער מונקאטשער רבי, הגה״צ רבי חיים אלעזר שפירא זצ״ל, האט דערציילט, אז דער שטייגער פון רבין ר׳ אלימלך זצ״ל, איז געווען יעדן מוצאי שבת קודש צו טרינקען טיי מיט צוקער, און דוד המלך ע״ה פלעגט צו איהם קומען יעדן מוצאי שבת מיט א גאלדענעם קרוין אויפן קאפ.

איינמאל איז נישט געווען קיין צוקער ביי איהם אין הויז און ער האט געטרונקען די טיי אן צוקער. ווען דוד המלך איז דערנאך געקומען צו איהם, האט ער נישט געהאט דעם קרוין אויפן קאפ. האט איהם דער רבי ר׳ אלימלך געפרעגט: א וואו איז דער קרוין.

— און וואו איז די צוקער?... — איז געווען דער ענטפער פון דוד המלך.

(דרכי חיים ושלום, אות תסט)

דער אנדענק אליין

מיר זאגן אין די זמירות פון שבת ״זכרו כריח הניחח״. טייטשט ר׳ אהרן קארלינער זצ״ל, אז דער אנדענק פון שבת אליין איז אויך שוין ווי א ריח נחוח.

אנשטאט צו ברעכן אייז

ביי די אייניקלאך פון דעם הייליגן רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק זי״ע איז אנגענומען חשוב צו האלטן און זיין געווארנט אין סעודת מלוה מלכה, לויט דער אנווייזונג פון זייער גרויסן און הייליגן זיידן, דער בעל נועם אלימלך זי״ע.

פארשידענע דערציילונגען ווערן דערציילט וועגן דער אורזאך, פארוואס דער רבי ר׳ אלימלך האט עס אזוי אנגעזאגט פאר זיינע קינדער, אבער יעדנפאלס, איז עס אזוי פארבליבן. די סעודה ווערט שטארק אפגעהיט, מיט גרויס איבערגעגעבנקייט.

אמאל איז צום רב פון ליזענסק וועלכער איז געווען א גרויסער צדיק און עובד ה׳, געקומען א איד מיט א געוויין, און אים געבעטן מתפלל צו זיין, וועגן א מקשה לילד, וועלכע דארף האבן א גרויסע ישועה.

דער רב האט נישט געקוקט אויפן שווערן וועטער, אויפן שניי און פראסט און שטארקן ווינט אין דרויסן, און גלייך האט ער זיך ארויסגעלאזט אין אזא קעלט, גיין צום טייך, אויפברעכן דאס אייז, זיך טובל׳ען און מתפלל זיין פאר די פרוי זי זאל געהאלפן ווערן.

יענעם זונטאג פארטאגס. ד. ה. מוצאי שבת, ווען דער רב פון שטאט, שוין געקליידעט אין זיינע וואכעדיגע מלבושים, האט מיט א ציטער, איבער דעם מצב פון יענע פרוי, אין איילעניש זיך געשלייכט, איבער די פארלאזטע גאסן, וואס זיינען נאך געווען איינגעהילט אין שלאף איז נאך געווען שטארק טונקל אינדרויסן. מיטאמאל האט דער רב, פארבייגייענדיג די וואוינונג פון דעם רבי׳ן ר׳ אלעזר ליפא זי״ע, א אייניקל פון דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך, דערזען ווי עס איז נאך העל באלויכטן און א עולם אין שבת׳דיגע מלבושים, זיצן צוזאמען און פארברייגגען געמיטליך מיט

געזאנג, לוסטיג און פריילאך, טאנצנדיג, האט עס אים שטארק געוואונדערט — וואס איז עס פאר אזא פרייליכקייט אין מיטן דער נאכט?

דער רב איז שטארק נייגעריג געוועזן צו זען וואס עס קומט דארטן פאר, איז ער אריינגעגאנגען אין שטוב, און געטראפן די חסידים פארברייינגענדיג ביי מלוה מלכה.

— "וואו גייט דער רב?" — האבן זיי אים געפרעגט דערשטוינט.

דער רב, מיט זיין גרויס צדקות און עניוות האט זיי דערציילט גאנץ איינפאך, אז א איד איז צו אים געקומען מיט א בקשה ער זאל מתפלל זיין וועגן א מקשה לילד, דערפאר גייט ער יעצט אין טייך זיך טובל'ען, איידער ער וועט מתפלל זיין.

— "וואס דארף זיך דער רב מטריח זיין אין אזא שלעכטן וועטער, אין אזא קאלטע נאכט צו גיין אויפברעכן דאס אייז?" — האט זיך דער רבי ר' אלעזר ליפא אנגערופן, — "זאל נאר יענער שטעלן דא צו מלוה מלכה צוויי פלעשער מעד, וועט ער גלייך געהאלפן ווערן".

דער רב איז צוריקגעגאנגען און איבערגעגעבן דעם מאן פון די פרוי די ווערטער.

יענער איז געלאפן און גלייך צוגעטראגן די געפאדערטע צוויי פלעשער מעד, צו מלוה מלכה.

עס איז איבריג צו דערציילן, אז יענער איז גלייך געהאלפן געווארן, און מען איז גלייך געקומען מיט א בשורה, אז עס איז געבוירן געווארן א אינגל. מזל טוב!

אליהו שרייבט זכותים

יעדן מוצאי שבת גייט אריין אליהו הנביא אין גן עדן און שרייבט אויף די זכותים פון די וואס היטן שבת.

(של"ה בשם תוספתא)

נישט צושטערן די שמחה

צום רבי'ן ר' יחיאל פון אלכסנדר זי"ע איז אמאל געקומען א חשוב'ער רב אויף א שבת. מוצאי שבת נאך הבדלה ווען דער רב האט שוין געוואלט אוועק גיין, האט ער געזעהן ווי דער רבי הייסט פאר א חסיד זינגען "המבדיל", און יעדערער האט מיטגעהאלפן, אזוי ווי עס איז געווען איינגעפיהרט.

נאכדעם ווי מען האט פארענדיגט דאס זינגען, האט דער רבי געפרעגט דעם גאסט ווי אזוי ער איז זיך נוהג מיט די סעודת מלוה מלכה, צו ער איז שטענדיג מקפיד צו מאכן א סעודה פאר מלוה מלכה יעדן מוצאי שבת.

האט דער רב דערויף געענטפערט:

— איך מוז אויסזאגן דעם אמת אז איך בין נישט געוואוינט צו עסן קיין געהעריגע סעודה ביי מלוה מלכה.

האט זיך דער רבי אנגערופן צו אים:

— "איר זאלט וויסן אז איהר טוט נישט ריכטיג מיט דעם וואס איר פיהרט זיך נישט צו עסן קיין סעודה ביי מלוה מלכה. ערשטנס, איז עס א דין און א בפירוש'ע הלכה, און צווייטנס איז דער ענין פון מלוה מלכה זייער גרויס אין עולם העליון".

און דערביי — האט דער רבי צוגעגעבן — וויל איך אייך דערציילן א וואונדערליכע מעשה וואס האט פאסירט ביים הייליגן אוהב ישראל, דער אפטער רב זצ"ל ביי א מלוה מלכה.

ווען דער אוהב ישראל איז געווען רב אין די שטאט מעזשבוזש,

האבן אים זיינע חסידים אויפגעבויט א דירה נעבן דעם בית המדרש כדי זיי זאלן קענען מיט אים שטענדיג דאוונען.

ביי זיינע חסידים, וועלכע זיינען געווען חשוב׳ע און געהויבענע אידן, איז געווען איינגעפירט אז יעדן מוצאי שבת פלעגן זיי זיך צוזאמענקומען אין דעם גרויסן בית המדרש און דארט פראווען א שיינע מלוה מלכה.

האט זיך איינמאל געטראפן, און א מוצאי שבת, ווען די חסידים זיינען געווען פארזאמלט ביי די סעודה אין בית המדרש, האבן זיי זיך זייער שטארק צופייערט און גענומען זינגען און טאנצן מיט גרויס התלהבות, אזוי אז עס האט ארויסגעבריינגט א אויסערגעוויינליכער גערויש.

ווען דער רבי האט דערהערט די קולות, האט ער געטראכט ביי זיך אז מ׳דארף גיין זען וואס עס טוט זיך עפעס היינט אין בית המדרש, עפעס מער ווי א אנדער מאל.

דער אפטער רב איז שוין יענע צייט געווען אין די עלטערע יארן, אזוי אז עס איז אים זייער שווער אנגעקומען דאס גיין, פונדעסטוועגן האט ער זיך אויפגעהויבן און גענומען גיין צום ריכטונג פון בית המדרש.

ווען די חסידים האבן זיך דערוואוסט דערפון האבן זיי זיך זייער דערשראקן, מורא האבנדיג אז דער רבי וועט אויף זיי האבן הקפדה און ער וועט זיי שטראפן, ווייל זיי האבן אים געשטערט פון זיין רוה און פון זיינע הייליגע מחשבות. זענען זיי אלע בליץ שנעל צולאפן פון בית המדרש נאך איידער דער רבי איז אנגעקומען.

ווען דער רבי איז אנגעקומען אין בית המדרש און האט געזען אז קיינער איז נישטא, האט ער זיך באלד צוריקגעקערט צו זיין וואוינונג.

ווי נאר ער איז אנגעקומען צוריק צו זיין שטוב, האט זיך צו אים באוויזן דוד המלך ע״ה און האט אים געפרעגט:

— ״פארוואס האסטו צושטערט מיין שמחה וואס איך האב זיך ביי איהר זייער שטארק געפרייט?

דער רבי איז דערפון שטארק נתפעל געווארן און ער האט גלייך געשיקט א שליח צום משמש פון שטאט און אים אנגעזאגט:

— "לויף געשווינד און רוף צוריק דעם גאנצן עולם און זאג זיי, אז זיי זאלן שוין צוריקקומען אין בית המדרש און ענדיגן די סעודה מיט שירות ותשבחות פאר השי"ת, אזוי ווי זיי האבן אנגעפאנגען.

ווען די חסידים האבן זיך צוריק פארזאמלט אין בית המדרש איז אויך דער רבי אליין אריינגעקומען אין בית המדרש און ער האט מיט זיי מיטגעזונגען מיט גרויס התלהבות.

אין מיטן דער סעודה האט ער זיך אנגערופן צו די חסידים און געזאגט:

— איר זאלט וויסן אז דוד המלך ע"ה איז יעצט ביי מיר געווען און האט מיר געזאגט אז די גאנצע פמליא של מעלה האבן זיך געפריידט צוזאמען מיט אייך.

"פון די מעשה" — האט דער אלעכסאנדער'ער רבי אויסגעפירט צו זיין חשוב'ן גאסט — קענט איר פארשטיין ווי גרויס עס איז דאס ענין פון סעודת מלוה דמלכה.

נאך איין מצוה

די חז"ל זאגן (פסחים קיג.) דריי ירשנען עולם הבא, איינער פון זיי איז דער וואס איז "משייר מקידושא לאבדלתא", דער וואס לאזט איבער וויין פון קידוש פאר הבדלה וועגן, דאס מיינט אז בשעת מען מאכט שבת בייטאג קידוש זאל מען איבערלאזן אין בעכער אביסל וויין (אדער אריינגיסן פון פלאש אין בעכער און דערנאך צוריק גיסן די וויין אין פלאש כדי עס זאל נישט בלייבן פגום), ווייל דאס איז דער עיקר מצוה, אז אויף די וויין וואס איז געטאן געווארן איין מצוה דורכן מקדש זיין שבת זאל יעצט געטאן ווערן אויף איהם די מצוה פון הבדלה וואס האט אויך שייכות צו קדושת השבת.

(פרישה סי' רצו)

ווער איז דער פריץ?!

אין בית המדרש פון דעם צדיק רבי דוד משה זצ״ל פון טשארטקאב, דער זון פון דעם צדיק פון ריזשין זצ״ל, זענען געזעסן די חסידים ביי די סעודת מלוה־מלכה. מ׳האט פארברייינגט מיט זמירות פון מוצאי שבת און מיט דברי תורה און חסידות. ארעם איז געווען די סעודת מלוה מלכה אבער ווער קוקט אויף אזעלכע זאכן, ביי ״מלוה מלכה״ איז געווען דער ״כזית״ וואס מען עסט בשמחה, שפירנדיג אז מ׳באגלייט די קעניגין־שבת, מיט אמתע יראת שמים־בייבקשאפט, מיט א ניגון וואס רייסט זיך ארויס פון טיפן הארצן, מיט א געפיהל פון ״סעודתא דדוד מלכא משיחא״.

פלוצים עפנט זיך אויף די טהיר וואס פירט פון דעם טשארטקאווער צדיק׳ס הויז, און ער אליין האט ערשיינט פאר די חסידים אין מיטן פראווען די מלוה־מלכה סעודה. מיט גרויס יראת־הכבוד האבן זיך אלע אויפגעשטעלט און א שטילקייט האט געהערשט אין בית המדרש.

דער טשארטקאווער רבי האט געהייסן אלעמען זיצן און ער האט צו זיי געזאגט:

— מאכט איהר זיך אמאל א חשבון ווי גרויס איז די חשיבות פון א מלוה מלכה סעודה. וואויל איז דעם וואס איז מדקדק שטענדיג איהר אויסצופירן. דער זכות פון אונזער קעניג דוד וועט איהם ביישטיין. אבער וויסן זאלט איהר אויך ווי גרויס איז די ווערדע פון הכנה צו די סעודת מצוה.

— יעצט וועל איך אייך דערציילן א מעשה, — זאגט ווייטער דער רבי — פון וועלכן איהר וועט קענען פארשטיין ווי גרויס איז דער שכר פון די וואס זיינען מדקדק אין די מצוה.

אין א געוויסע שטאט זיינען געווען צוויי שותפים, אידן יראים ושלמים, אבער מער פון אלעס האבן זיי זייער מקפיד געווען אויף "מלוה מלכה". נישט איינמאל האט פאסירט און זיי האבן געמוזט פארלאזן די שטוב צוליבן האנדל באלד מוצאי שבת קודש, אבער די מצוה פון מלוה מלכה האבן זיי נישט אפגעלאזט.

ויהי היום, און די צוויי שותפים האבן געמוזט זיך איילן דעם מוצאי שבת אין וועג אריין, צוליב א יריד וואס דארף זיין מארגן זונטאג. זיי האבן זיך נישט געקענט וואשן צו די סעודת מלוה מלכה אין שטוב. האבן זיי מיטגענומען שפייז כדי זיי זאלן קענען אונטערוועגנס פראווען די "מלוה מלכה".

געווען איז דאן אין מיטן ווינטער, קאלט איז געווען און א שניי האט פארדעקט די ערד. אבער דאס האט נישט פארמיטן די צוויי סוחרים פון זייער פאהרן, דאס איז זייער חיונה און זיי האבן קיין ברירה נישט געהאט.

זיי זיינען נישט ארויס ווייט פון שטאט, און א שווערער שניי האט זיך אראפגעלאזט. אלע וועג־צייכנונגען זיינען פארשוואונדן געווארן אונטערן גרויסן שניי. די צוויי שותפים האבן זיך געוואלט אומקערן מורא האבנדיג אז זיי זאלן נישט פארבלאנדזשען ערגעץ וואו, אבער כל־זמן די פערד האבן געשלעפט דעם וואגן, האבן זיי נישט אריינגעטראכט צופיהל און זיך געלאזט פאהרן ווייטער.

פלוצים האט זיך דער וואגן אפגעשטעלט מיט גרויס רעש. זיינען די צוויי אידן אראפ פון וואגן צו באקוקן וואס דארטן איז געשעהן. אזוי ווי זיי זיינען שוין אראפ דערמאנען זיי זיך אז זיי האבן נאך נישט מקיים געווען די סעודה פון "מלוה־מלכה", האבן זיי ארויסגענומען פון טאש חלה, זאלץ און אנדערע שפייז, און זיי ווילן זיך נעמען צו די סעודה — זיי גיבן זיך אבער א באטראכט אז זיי האבן נישט קיין וואסער זיך צו וואשן "נטילת ידים". האבן זיי גענומען ווארפן בליקן אין אלע זייטן. ענדליך באמערקן זיי פון ווייטן א שיין. זיינען זיי געגאנגען אינ'ם ריכטונג פונעם שיין ביז זיי זיינען געשטאנען נעבן א קליין הייזקע וואס

איז אויסגעהאקט אין א זייט פון בארג. זיי קלאפן אן אין דער טהיר, האט זי זיך גלייך געעפנט, און א מענטש ערשיינט פאר זיי.

— "וואס ווילט איהר?" — פרעגט זיי דער מענטש.

ענטפערן זיי: "מיר זיינען דורכגייער און מיר האבן פארבלאנדזשעט דעם וועג צוליבן שניי וואס האט פארדעקט אלע וועג־וויזונגען.

— וואס זשע ווילט איהר יעצט" — פרעגט ער זיי ווידער.

— נישט מער ווי אביסל וואסער זיך צו וואשן" — ענטפערן זיי.

דער מענטש האט זיי ביידן אריינגעפירט אין שטוב, געברייינגט פאר זיי א קרוג מיט וואסער. ביידע האבן זיך געוואשן און האבן גענומען פראוועו די מלוה־מלכה סעודה, באגלייט מיט די מוצאי שבת זמירות. זיי האבן געענדיגט די סעודה, געבענטשט "ברכת המזון" און ווענדן זיך צום ארויסגאנג פון שטוב.

אבער דא רופט זיך אן דער בעל הבית:

— איהר מיינט געוויס אז איהר וועט קענען ארויסגיין פון דאנען בשלום? — האט איהר א גרויסן טעות. זינט מיר עקזיסטירן דא איז נאך קיין מענטש נישט ארויס לעבעדיג פון דאנען.

די צוויי אידן האבן איינגעזעהן אז עס איז נישטא וואס צו מאכן און יעדן ווארט איז אומזיסט. זיי זיינען אריינגעפאלן צווישן א באנדע גזלנים רוצחים וועלכע האבן נישט קיין רחמנות אויף קיינעם. האב זיי געזאגט צום רויבער:

— "טהו מיט אונז א גענאד און לאז אונז זיך מתוודה זיין פארן טויט".

האט זיי דער רויבער דאס נאכגעגעבן.

זיי נעמען זאגן ווידוי מיט גרויס כוונה, דערווייל קלאפט מען אין טהיר, ווען די טהיר עפנט זיך אויף ערשיינט א פריץ וועלכער איז אראפ פון א וואגן און זאגט:

— אפשר וועט איהר מיר ווייזן די וועג וואס איך דארף גיין? דער שניי האט פארדעקט אלע וועג־אנווייזונגען און מ׳קען נישט זעהן ווי אזוי ארויסצוגיין פון דאנען.

רופט זיך אן דער רויבער און חזר׳ט איבער מיט שפאט די רייד פון פריץ:

— ווי אזוי ארויסגיין פון דאנען? — מ׳גייט נישט ארויס פון דאנען! יעצט גיב אונז דיין געלד בעפאר מיר גייען דיר הרגענען.

דער פריץ האט גענומען שרייען, אבער ענדליך האט ער דערזעהן אז ס׳וועט איהם נישט העלפן. האט ער זיך אנגערופן צום רויבער נאכדעם וואס ער האט געגעבן זיין גאנצע געלד:

— סיי ווי בין איך דאך אין דיינע הענט, בעט איך דיר זאלסט מיר געבן א פלאש משקה פארן טויט!

— "דו ווילסט משקה" — זאגט דער רויבער — באצאל דערפאר!

— וואס הייסט באצאלן? איהר האט דאך ביי מיר צוגענומען מיין גאנצע געלד. קיין איין פרוטה האט איהר מיר נישט איבער געלאזט. פון וואנען זאל איך יעצט נעמען צו באצאלן פאר די משקה?

— דאס גייט אונז נישט אן — ענטפערט דער רויבער — אויב דו וועסט אונז באצאלן וועסטו באקומען משקה, אויב נישט וועסטו גארנישט באקומען!

אין דעם מאמענט, האט זיך איינער פון די צוויי אידן דערמאנט אז ער האט ביי זיך עפעס א מטבע וואס ער האט עס געהאלטן אלס סגולה־קמיע, האט ער עס גענומען און געגעבן דעם פריץ.

מ׳האט גלייך געברייגנט א פלאש משקה און אלע האבן גענומען טרינקען.

בעפאר די רויבערס נעמען דעם כוס משקה צו טרינקען — איז

עפעס וואונדערליכעס געשעהן. זיי זיינען געבליבן ווי פארשטיינערט. זיי קענען נישט ריהרן מיט קיין אבר — — —

"קומט גיכער מיט מיר" — רופט זיך אן דער פריץ צו די צוויי אידן, זיי האבן זיך גענומען איילן, איינגעפאקט זייערע זאכן און אוועק פון דארטן.

אזוי געהענדיג ווערט אלעס פארשוואונדן — נישטא קיין שטוב, נישטא קיין פריץ, נישטא קיין וואגן, אלעס איז פארשוואונדן — — —

דער טשארטקאווער צדיק האט געענדיגט די ערציילונג און נאכער געזאגט:

— ווער מיינט איהר איז געווען אט דער פריץ וואס האט געראטעוועט די צוויי אידן פון טויט? — דאס איז געווען דוד המלך אליין! אין זכות וואס זיי האבן שטענדיג אפגעהיט די סעודת מלוה מלכה איז ער געקומען זיי ראטעווען!

אויף מארגן אין דערפרי איז געווארן א רעש צווישן די חסידים.

צוויי מענטשן זיינען אריין אין טשארטקאווער קלויז און האבן דערציילט מיט גרויס התרגשות, וועגן דאס וואס האט מיט זיי פאסירט די נאכט וואס איז אריבער אין מוצאי שבת.

זיי זיינען געפארן אונטערוועגנס, האבן זיי פארבלאנדזשעט און אריינגעפאלן צווישן א באנדע רויבערס וועלכע האבן זיי שוין געבונדן און געוואלט ערמארדן. פלוצים איז דערהערט געווארן דאס קלאפן פון לויפנדיגע פערד. זיינען די רויבערס דערשראקן געווארן און זיינען אנטלאפן איבערלאזנדיג זייער גאנצער פארמעגן.

יעצט האבן די חסידים פארשטאנען אז נישט צופעליג האט דער רבי באזוכט ביי די מלוה מלכה סעודה אין קלויז. אט מיט דער ערציילונג האט דער צדיק געוואלט ערוועקן א זכות אויף די צוויי אידן וועלכע האבן זיך געפונען אין א געפאהר צווישן די גזלנים. אין דעם זכות זענען זיי געראטעוועט געווארן.

דערלאנגט א זכות אין הימל

געוועז איז ער א וואלד סוחר, וועלכער האט שטענדיג געהאנדלט מיט פריצים, אבער א טייערער און עהרליכער איד.

שטענדיג, ווען ער פלעגט דארפן ארויספארן מוצאי שבת צום געשעפט, האט ער נישט פארפעהלט קיין מלוה מלכה, עס האט געמעגט זיין די דרינגענדע צייט צום פאהרן, ער האט זיך אבער געמוזט וואשן צו א סעודה, זינגען די אלע זמירות, און ערשט דאן ווען ער איז פערטיג געווארן איז ער ארויס צום וואגן.

אזוי האט ער זיך געפיהרט אלע יאהרן און קיין זאך האט איהם נישט געקענט שטערן צו מבטל זיין די סעודה פון מלוה מלכה.

מאכט זיך אמאל, אז דער וואלד סוחר איז געפארן אויף א יריד, און דארט באגעגנט ער א פריינד, וועמען ער האט שוין נישט געזען א לאנגע צייט. דערציילט ער איהם, דער פריינד — אז נישט ווייט פון דאנען איז דא א פריץ, וועלכער וויל פארקויפן זיין וואלד "בחצי חנם". ער וואלט עס אליין געקויפט, נאר ער האט נישט די גאנצע מזומנים, ווייל דער וואלד איז זייער גרויס, אבער אויב ער, דער וואלד סוחר, וויל מיט איהם מאכן שותפות, וועלן זיי קויפן דעם וואלד צוזאמען. ווערט דער וואלד סוחר מרוצה, און באלד נאכן יריד, שפאנט מען די פערד און מען פארט צום פריץ.

געקומען אין דארף וואו דער פריץ וואוינט, זיינען זיי פארפארן צום אידישן קרעטשמער, און מ'רעדט זיך צונויף. זאגן זיי אז זיי זיינען געקומען רעדן מיט דעם פריץ מכוח זיין וואלד. זאגט זיי דער קרעטשמער, אז אייגנטליך איז דער וואלד שוין א פארקויפטער. א איד, א סוחר פון שטעטל האט שוין פון לאנג אפגעקויפט דעם וואלד, נאר

מחמת די גרויס פונ'ם וואלד, האט ער איהם געקויפט "לסירוגין", ד.ה. יעדעס מאל, ווען מען האט אויסגעהאקט איין חלק, האט ער באצאלט געלד פאר א צווייטן חלק און אנגעהויבן האקן דעם באטרעפנדן חלק. איצט איז דער סוחר ר"ל געשטארבן, און די אלמנה קען נישט אנגיין מיט די עסקים, האט דער פריץ געוואלט פארקויפן דעם וואלד צו די שטאטישע אידן, אבער זיי טרייסלען זיך אפ פון דער קניה, ווייל עס איז א "חזקה" און קיינער וויל זיך נישט אנהויבן מיט א אלמנה און יתומים, און איבער דעם גיט דער פריץ אפ דעם וואלד בחצי חנם.

דערהערט אזא געשיכטע, האט דער וואלד־סוחר זיך באלד געוואלט אפטרייסלען פון דעם געשעפט און פארן צוריק, אבער דא האט אנגעהויבן איינ'טענה'ן מיט אים זיין פריינד, אז אייגנטליך איז א וואלד "לסירוגין", נישט קיין "חזקה" וואלד, ווייל נאכ'ן אויסהאקן יעדן חלק, האט יעדער "צד", הן דער פריץ, און הן דער סוחר רעכט חרטה צו האבן, און עס איז גאר נישט קיין פראגע דא פון "מסיג גבול" זיין... היינט די ווילדע מציאה, א מציאה וועלכע עס טרעפט זיך נישט אפט, און בנוגע דער אלמנה, איז ג־ט א "שומר יתום ואלמנה", און ער, וועלכער שפייזט א ווערימל, וועט אויך געפינען שפייז פאר זיי...

אט די אלע ראיות און אויך זיין אייגענע תאוה — איינצוהאנדלען אזא ווילדע מציאה, האבן געווירקט, אזוי, אז אלץ איז ביי איהם אויסגעקומען כשורה. זיי זיינען אוועק צום פריץ און אפגעקויפט דעם וואלד פאר א "שבוש". די גאנצע געלט דארף מען געבן דינסטאג פון דער קומענדיגער וואך.

דער גוטער פריינד איז זיך אוועקגעפארן אויף שבת אין זיין שטעטל, און דער וואלד־סוחר איז געפארן צו זיך אהיים פרייליך און אויפגעלייגט, וואס ער האט איינגעהאנדלט אזא מציאה וועלכע וועט איהם פארזארגן מיט עשירות אויף דורי דורות.

ארויסגעפארן איז ער פון דער קרעטשמע פרייטאג פארטאג, און מיט זיינע גוטע פערד, האט ער אויסגערעכנט צו זיין אין דערהיים נאך ווייט פאר מיטאג.

פאַרט ער זיך אַזוי מיט פריילעכע געדאַנקען און דער שליטן גליטשט זיך אויף דעם גלאַטן אויסגעריבענעם שניי. עס גייט אַוועק אַ שעה, צוויי, לויט דעם וואַלד־סוחר׳ס חשבון, וואָלט שוין געדאַרפט זיין רעכט ליכטיג, און דאָ איז נאָך גאָר שטאַרק פינסטער, קוקט ער זיך אַרום, זעט ער אַז דער הימל איז בעדעקט מיט שוואַרצע שווערע וואָלקענעס ווי בליי און שנייעלאַך פאַלן זיך ווי ווייסע פעדערלאַך, באַלד האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ געדיכטער שניי. אַביסל שפּעטער האָט אַביסל ליכט אַראָפּגעשיינט פון הימל און דער וואַלד־סוחר האָט דערזען — אַז די גאַנצע שטרעקע איז באַדעקט מיט שניי און מען קען גאָרנישט זעהן, אפילו עטליכע טריט פאַר זיך, דער שניי האָלט אין איין פאַלן אין גרויסע שטיקער, אין געדיכטע רייען. אַלץ איז באַדעקט מיט שניי, דער שליטן און די פערד, ווען נישט דאָס אָפּטע כראָפּען פון די פערד, וואָלט מען זיי געקענט אָננעמען פאַר ווייסע "דוממים". אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך די פערד אָפּגעשטעלט, נישט געהאַט מער קיין כח צו שלעפּן דעם שליטן, דער וואַלד־סוחר האָט זיי געלאָזט זיך אָפּסאַפּן, און דערנאָך האָבן זיי זיך גערירט און ווייטער געבראַדזשעט פון איין בערגל שניי צום צווייטן.

ווען עס איז געוואָרן ליכטיג, האָט אַ קאַלטער שטאַרקער ווינט אָנגעהויבן בלאָזן, דער שניי האָט אויפגעהערט און אַ שטאַרקער פראָסט האָט אָנגעהויבן אַרומנעמען אַלץ אַרום. אין דער ליכטיגקייט פון טאָג האָט דער וואַלד־סוחר דערזעהן אַ זייער טרויעריגע בילד: אַרום און אַרום האָבן זיך געצויגן ענדלאָזע, אומבאַקאַנטע וויסטענישן אָן אַ סימן פון אַ ישוב. דער פראָסט איז געוואָרן שטאַרקער פון שעה צו שעה. אַ גרויסע קעלט האָט אַדורכגענומען דעם וואַלד־סוחר דורך זיין פעלץ און איהם געמאַכט ציטערן. די פערד האָבן קוים געשלעפּט די פיס אין דעם האַרטן דורכגעפרוירענעם שניי. אַ שטאַרקע פאַרע האָט געשלאָגן פון זיי, און ווען דער שליטן איז אַריין אין אַ געדיכט פאַרפרוירענעם שניי, האָבן זיי זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, נישט האָבנדיג מער קיין כח אַ ריר צו טאָן דעם שליטן. די זון האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן צו מערב זייט, באַגיסנדיג די ווייסע וויסטענישן מיט אַ ים פון רויטן פייער.

— עס איז שוין נאהנט צו קבלת־שבת, — האט דער וואלד־סוחר געזאגט צו זיך אליין אין גרויסע יסורים — און איך בין ווייט פון א ישוב.

פלוצים דערזעט ער אין דער רויטער שיין פון די לעצטע שטראלן, אז עפעס טונקלט זיך אין דער זייט פון מערב, האט ער אנגעהויבן טרייבן די פערד, אבער וויפל ער האט זיי געטריבן האבן זיי זיך נישט געקענט רירן פון דעם בארג פארפרוירענעם שניי. האט ער גענומען זיין טלית און תפילין מיט דעם זעקל עסנווארג און זיך געלאזט גיין צו מערב זייט איבערלאזנדיג דעם שליטן מיט די פערד וואו זיי זיינען געבליבן שטיין.

גייט ער איבער דעם פארפרוירענעם שניי ווי איבער א שטיינערנעם דיל, און אין א שעה ארום האט ער דערגרייכט א וואלד, גייט ער אזוי אין דער פינסטערניש פון וואלד צו געפינען א פלאץ צווישן געדיכטע בוימער ער זאל זיך בעסער קענען באשיצן פון דער קעלט. דערזעט ער פלוצים א שיין. גייט ער צו נעהנטער און דערזעט איין איינציגע פויערשע כאטקע. שטייט ער אזוי און טראכט: — זאל ער אריינגיין, ווער ווייסט? אפשר, איז דאס א נעסט פון גזלנים. זאל ער פארבלייבן דא א גאנצע נאכט, איז דאס דאך א "מיתה משונה" דורך פארפרוירן ווערן. איז שוין גלייכער אריינגיין און זיך פארלאזן אויף השי"ת.

גייט ער אריין אין דער כאטקע און דערזעט דארט א פויער א ריז זיצן נעבן טיש, א ליכט איז אריינגעשטעקט אין א פלעשל, און אין א ווינקל איז געלעגן צוגעבונדן א גרויסער הונט ווי א קאלב.

ווי נאר דער פויער האט דערזען דעם וואלד סוחר, האט ער זיך צולאכט מיט א שרעקליכן געלעכטער און געזאגט:

— נישט אומזיסט זאגט מען, אז ג־ט שפייזט אפילו א ווערימל. אט, מיין הונט לעבט נאר אויף פלייש און איצט צוליב דעם גרויסן שניי שטורם איז נישטא קיין מעגליכקייט פאר אים צו קריגן פלייש, און דו

האסט געטראפן גלייך צו מיר. איצט וועט ער שוין האבן שפייז פאר א לאנגע צייט. מיין הונט עסט אויך מענטשן פלייש.

דער וואלד סוחר, פארשטייט שוין אז ער איז דא גוט ארייגעפאלן און ער זאגט צום ערל:

— הער נאר, איך בין דאך שוין סיי ווי אין דיינע הענט און אנטלויפן קען איך דאך נישט, טהו זשע מיר די איינציגע טובה און גיב מיר א מעגליכקייט צו פראוועץ שבת, און מארגן אין אוונט וועסטו טאן מיט מיר, וואס דו ווילסט.

זאגט דער ערל:

— דאבזשע, זאל זיין ווי דו זאגסט, איך גלויב טאקע, אז יעדער מענטש דארף זיך צוגרייטן פאר זיין סוף... און דער הונט וועט טאקע ווערן גוט הונגעריג ביז מארגן אוונט...

נעמט דער וואלד סוחר און שטעלט זיך מקבל שבת זיין מיט א צובראכן הארץ. אבער וויינען, וויינט ער ניט. "שבת היום מלזעוק"... קלינגען אין זיינע אויערן די ווערטער פון ערל: — אז ג־ט שיקט צו זיינע מזונות אפילו פאר א ווערימל... דערמאנט ער זיך, אז די זעלבע ווערטער האט געזאגט זיין שותף בנוגע דער אלמנה און אירע יתומים... פארשטייט ער יעצט, אז דאס איז א עונש פאר מסיג גבול זיין... אבער פארוואס אזא מיתה משונה?...

נאכדעם ווי ער האט געענדיגט דאוונען, האט ער ארויסגענומען זיין שפייז, געמאכט קידוש איבער דעם ברויט, און נאכדעם ווי ער האט געמאכט די ברכה "המוציא לחם", האט ער דעם הונט אווארף געטאן א כזית ברויט. יענער האט עס א כאפ געטאן און מיט "דאנקבארקייט" געקוקט אויף דעם וואלד סוחר.

זאגט דער ערל:

— פלאי פלאים, אט דער הונט איז פון זינט איך קען אים, האט נאך

קיין שטיקל ברויט נישט פארזוכט, און איצט עסט ער דיין שטיקל ברויט מיט אזא הנאה...

נאך זמירות און בענטשן האט זיך דער ערל אנידערגעלייגט נעבן דער שוועל מיט א מעסער נעבן זיך און איז אנטשלאפן געווארן.

אויף מארגן נאכ׳ן דאוונען, האט זיך דער וואלד סוחר געזעצט צו דער צווייטער סעודה, און נאכדעם ווי ער האט געמאכט "המוציא" האט ער ווייטער געגעבן דעם הונט א שטיקל ברויט, און ער האט עס ווייטער אויפגעגעסן מיט גרויס הנאה. צו קיין פלייש האט דער הונט זיך יענעם טאג ניט צוגערירט.

— בעסער אזוי, — טראכט זיך דער ערל, — וועט ער מיט מער לוסט און רציחה זיךווארפן אויף זיין קרבן.

צו שלוש סעודות האט דער וואלד סוחר ווייטער געגעבן דעם הונט א כזית ברויט. ווען די זון איז אונטערגעגאנגען, זאגט דער ערל:

— איצט וועל איך דיר טאן דיין רעכט...

בעט זיך דער וואלד סוחר ווייטער און זאגט:

— נאך איין סעודה אין פארהאן, און זי איז ביי מיר זייער טייער. אלזא, לאז מיך אפדאוונען און אפעסן די סעודה, און דאן טהו וואס דו ווילסט.

האט דער ערל ווייטער מסכים געווען.

דאוונט אפ דער וואלד סוחר מעריב, זאגט אפ אלע פזמונים, זעצט זיך צו דער מלוה מלכה, און זינגט אלע זמירות. ביי "אליהו הנביא" האט ער פארגאסן א ים מיט טרערן.

ווען ער האט געענדיגט, נעמט דער ערל און בינדט אפ דעם הונט פון דעם שטריק און שרייט אויס:

— צורייס אים!

אבער דער הונט, אנשטאט זיך ווארפן אויף דעם איד, האט זיך א ווארף געטאן אויף דעם ערל, און אים אנגעכאפט פאר דעם גארגל. א שרעקליכער געראנגל האט אויסגעבראכן צווישן זייביידע. דער ערל האט געהאלטן אין שטעכן דעם הונט מיט דעם מעסער און דער הונט האט נישט ארויסגעלאזט דעם ערל׳ס גארגל פון זיינע שרעקליכע ציינער... אין עטליכע מינוט ארום זיינען זיי ביידע געלעגן טויטע אויף דער ערד. א פאר׳חלשט׳ער, א דערציטערטער און דערשראקענער ביז טויט, איז דער איד געשטאנען און זיך צוגעקוקט צו דעם שרעקליכן געראנגל. מיטאמאל עפנט זיך די טיר, און א מאן אין א פעלץ מיט א ״אזור עור במתניו״ איז אריין. ער גיט דעם נבהל ונשתומם׳דיגן וואלד־סוחר זיין טלית און תפילין, פירט אים ארויס פון דעם הויז און ברייגנט אים וואו זיינע פערד מיט דעם שליטן זיינען געשטאנען.

— זעץ זיך אריין און פאר גלייך. די פערד וועלן דיך שוין ברייגנען צו א ישוב.

כאפט דער וואלד סוחר אן דעם מאן אין פעלץ פאר דעם ארבל און זאגט:

— ווי ג־ט איז הייליג און גרויס, וועל איך נישט אפלאזן דיין ארעם, ביז דו וועסט מיר זאגן ווער דו ביזט? און פארוואס קומט מיר אזא נס?

זאגט צו אים דער מאן אין פעלץ:

— ווען דו האסט געקויפט דעם וואלד איז דער אלמנה׳ס מאן געקומען טענה׳ן פאר דער פמליא של מעלה אז דו האסט געבראכן די חזקה און האסט צוגענומען דעם ביסן פון זיין אלמנה און יתומים. האט מען געזען, אז ער איז גערעכט אין זיינע טענות, און כדי אידן זאלן וויסן און מורא האבן פאר ״הסגת גבול״, איז נגזר געווארן אויף דיר אוועקצוגיין פון דער וועלט מיט א מיתה משונה, ״למען ידעו ויראו״, און קיינער וועט מעהר נישט האבן די העזה צו ברעכן א חזקה, און אויך דורך דיין טויט האט מען געוואלט געבן א נשמה א תיקון, א נשמה פון א ״מומר לשבת״, וועלכער פלעגט מבזה זיין שבת און די דריי סעודות, און

ער איז מגולגל געווארן אין א הונט, ביז ער וועט פארזוכן פון די דריי שבת׳דיגע סעודות און קריגן זיין ״תיקון״. אזוי האט עס געדארפט זיין. אבער אז עס איז געקומען צו דער מלוה מלכה און דו האסט אזוי שטארק געוויינט ביי די אליהו הנביא׳ס, האב איך זיך דערמאנט דיינע מלוה מלכה׳ס, וועלכע דו האסט אזוי אפגעהיט און די פזמונים און זמירות, וועלכע דו פלעגסט זינגען, האב איך אנגעהויבן טענה׳ן פארן בית דין של מעלה, אז ווען מען וואלט דיר געוועזן געגעבן נאך עטליכע טעג וואלסטו אפשר חרטה געהאט אויף דעם געשעפט און וואלסט זיך געוועזן צוריקגעצויגן פון קויפן דעם וואלד. האט מען איינגעזעהן אז מיין טענה איז א ריכטיגע.

און זאגנדיג דאס, האט ער אים געגעבן די האנט און איז נעלם געווארן...

★

דער וואלד סוחר איז אריין אין שליטן; די פערד, פרישע און אויסגערוהטע זיינען אוועק אויף א גוטן אויסגעשליפענעם וועג, און נאך פאר חצות האט ער זיך געפונען נעבן די קרעטשמע פון דעם פריץ פון וואלד.

מען האט אינמיטן דער נאכט אוועקגעשיקט א שליח ״רץ כצבי״ נאך זיין שותף. זונטאג, כאור הבוקר, איז דער שותף געקומען און דער וואלד סוחר האט צו אים געזאגט:

— איך זאג זיך אפ פון דער גאנצער געשעפט, סיידן מ׳וועט אריינעמען די אלמנה אלס א דריטן, גלייכן שותף.

האט דער שותף מסכים געווען און נאך אין יענעם טאג זיינען זיי ביידע אוועק אין שטעטל, וואו די אלמנה האט געוואוינט און דינסטאג, ווען עס שטייט צוויי מאל ״כי טוב״ האבן זיי ביים רב און במעמד פון עדות זיך פערשריבן אלס דריי גלייכע שותפים.

אין דעם וואלד האבן זיי פארדינט א הון רב פון וועלכן זיי זיינען אלע רייך געווארן אויף לאנגע יאהרן.

באשיצט פון אלע צרות

מיין עלטער זיידע ר׳ שמעון׳קע פון׳ם קליינעם שטעטל פאלין, וואהלינער גובערניע, זשיטאמירער קרייז, האט פיהל יאהרן געפראוועט מוצאי שבת קדש גאר שיינע ״סעודות מלוה מלכה״.

אנגעהויבן האט זיך עס פון פאלגענדער פאסירונג:

ביים עלטער זיידן האט זיך אויפגעצויגן א יתומה, א ארימע פלימעניצע מיט׳ן נאמען ״מלכה״. אזוי ווי ער האט נישט פארמאגט קיין טעכטער בלויז איין זוהן א בן יחיד, מיין זיידן ר׳ אלטער, האט ער באשטימט זי צו חתונה מאכן אויף זיינע הוצאות פונקט ווי א אייגענע טאכטער. זיינען געקומען שדכנים און האבן דעם זיידן ע״ה פארגעשלאגן א שדוך פון טשערניקאוו, אויך א קליין שטעטל נעבן אונזער׳ס, אין גאנצן 20 וויארסט פון פאלין. און אפגערעדט, אז אויף מוצאי שבת נאך שבועות זאל אראפקומען דער חתן מיט זיינע עלטערן צום זיידן אין הויז און מען וועט שרייבן ״תנאים״.

מען האט זיך געגרייט ביים זיידן אין הויז פונקט ווי צו א חתונה. עס איז שוין נאך האלבע נאכט און די מחותנים זיינען נאך נישט געקומען, ווייזט אויס עפעס האט מיט זיי געטראפן. דער זיידע איז געווען אומגעדולדיג, די כלה האט געוויינט מיט ביטערע טרערן אויף דעם אומגליק און ווען עס איז שוין געווען גאר שפעט נאך האלבע נאכט, האט מען געמוזט אויפעסן די ״וועטשערע״ וואס מען האט אנגעגרייט פאר׳ן קנס־מאל מיט א מנין אידן.

דער חתן איז טאקע אנגעקומען זונטאג, ווייל זיי האבן זיך פארהאלטן אויפן וועג.

ווען דער זיידע ר׳ שמעונ׳קע האט געהאלטן פאר׳ן שטארבן, זייענדיג א זקן פון 75 יאהר, האט ער צוגערופן צו זיין בעט דעם בן־יחיד ר׳ אלטער ע״ה, און ביי איהם גענומען די האנט, אז ווי לאנג ער וועט לעבן זאל ער אפהיטן די מצוה פון ״מלוה מלכה״, באגלייטן דעם שבת קדש מיט א שיינע סעודה און זינגען די זמירות.

מיין זיידע איז געווען א איד א נגיד, א מטופל מיט צעהן קינדער. מיין פאטער איז געווען דער קלענסטער, שוין דאן א פערהייראטער. דער זיידע האט צוגעזאגט זיין פאטער אפצוהיטן די מצוה פון ״מלוה מלכה״ ווי ווייט עס איז נאר מעגליך און אזוי האט ער טאקע געטהון.

טרעפט זיך אין א פאר יאהר ארום, די באבע גאלדע איז געלעגן אין קינדבעט און איז געווארן זייער שטארק קראנק. עס האט אפגעקאסט דעם זיידן א סך געלד, דאקטוירים און רפואות און עס האט נישט געהאלפן. וואס ווייטער איז די קראנקהייט געווארן אלץ ערגער און צום ענדע איז זי אריינגעפאלן אין א ״הינער־פלעט״ (אן באוואוסטזין). זי איז אפגעלעגן א פאר מאנאטן און מען זעהט נישט קיין בעסערקייט. מען האט שוין אויסגעפרובט פארשידענע סגולות פון די שטעטלדיגע זקנים וזקנות און עס האט נישט געהאלפן, דער זיידע איז פארנומען מיט די פרנסה און די פיצלאך קינדער בלאנקען ארום ווי בידנע שעפסעלעך אויף וועלכע עס פאסט אויף די אלטע באבע ״מרים״, דער באבע גאלדעס מוטער, א אלטע פרוי, א אלמנה. נישט איינמאל האט די אלטע מאמע געבעטן אויף זיך דעם טויט אנשטאט איהר טאכטער, די מוטער פון צעהן קינדער און ביי יעדער תפלה האט זי געבעטן ביי ג־ט אז ער זאל מאכן א אויסטויש!

ענדליך איז געבליבן ביים זיידן אז מיין פאטער, דער קלענסטער זוהן, זאל פאהרן קיין מאקאראוו צום אלטן צדיק ר׳ יעקב יצחק זצ״ל, מיט א ספעציעלע שליחות וועגן דעם דאזיגן ענין.

★

עס איז געווען סליחות־צייט. די שרעק פון די ימים־נוראים האט זיך געפיהלט אומעטום! אחינו בני ישראל טהוען תשובה. די פראסטע אידן

פאנגען אן צו האנדלען עהרליך, מען פאהרט אויף קבר־אבות, מען טיילט צדקה און מען פראוועט תעניתים, די תלמידי חכמים מעהרן צו לערנען זייערע שיעורים אין דער הייליגער תורה. ווער עס האט געלערנט יעדן טאג איין בלאט גמרא, לערנט צוויי בלעטער און ווער צוויי, לערנט היינט דריי בלעטער, מען שטייט אויף פארטאג צו סליחות, מען דאוונט, מען לערנט און מען לייטערט די מידות. מיין פאטער האט געדונגען א פוהר צוזאמען מיט נאך מאקאראווער חסידים און מען איז אוועקגעפארן צום רבי׳ן אויף ראש השנה. מיין זיידע האט געהייסן פאר ר׳ יצחק כהן, א בארימטער מלמד ביי אונז אין שטעטל און א ״כתבא רבא״, ער זאל אנשרייבן א קוויטל צום רבי׳ן און באשרייבן די גאנצע פאסירונג און אויך שרייבן די בקשה פון דער באבע מרים. דער טאטע איז אוועק קיין מאקאראוו מיט דעם בריף אין קעשענע.

דער טאטע איז אנגעקומען צום רבי׳ן ערב ראש השנה פונקט צו ״זכור ברית״... ביים רבי׳ן אין הויף איז דאן געווען א גרויסער טומל! דער צדיק נעמט נישט אן היינט קיין קוויטלאך. יעדעס יאהר נעמט דער רבי ביי זיינע חסידים טויזנטער קוויטלאך, יעדער איינציגער גיסט אויס פאר׳ן צדיק זיין ביטער הארץ, זיינע צרות און דער רבי איז מתפלל צו השי״ת פאר זיי, און היינט איז פארשלאסן אלע טויערן — אזוי האט דער צדיק גוזר געווען...

איז דעם טאטן געווארן זויער אויפ׳ן הארצן, אבער ווי נאר דער טאטע איז אריינגעקומען צום רבי׳ן אין הויף, האט דער גבאי אויסגערופן: ״רופט אריין אברהם אלטער׳ס פון פאלין! אזוי האט דער רבי באפוילן!״ די חסידים האבן געטאן גרויס וויל דער רבי האט זיי געהייסן. דער טאטע האט איבערגעגעבן מיט ציטערדיגע הענט דעם בריף צום רבי׳ן.

דער רבי האט ארויסגענומען דאס קוויטל, האט עס איבערגעלייענט עטליכע מאל מיט גרויס אינטערעס, ער האט דערביי פארוויכערט זיין לולקע ציבעך און געלאזט קנוילן רויך איבער זיין חדר. דערנאך האט ער אנגעטאן זיין זיידענע זשופיצע און איז געגאנגען זיך טובל זיין אין

מקוה... די חסידים זיינען איהם נאכגעגאנגען, אלע זיינען געווען נייגעריג צו זעהן און וויסן וואס וועט זיין דער סוף. איינער וואס האט זיך דערנענטערט אונבאמערקטערהייט האט געזעהן ווי דער רבי טובל׳ט זיך אין מקוה מיט׳ן קוויטל אין האנט, פארזאמט זיך לאנג אונטערן וואסער און שרייט אויס נאכער אויף א הויכן קול: זאל די טאכטער בלייבן לעבן!

נאך דער טבילה האט זיך דער רבי אומגעקערט אין בית המדרש און געדאוונט מיט גרויס התלהבות.

נאך ראש השנה איז דער טאטע געפאהרן שנעל אהיים. קומענדיג אהיים האט ער געטראפן זיין מוטער געזונד. זי האט דערציילט פאלגענדע פאסירונג:

— ״זי איז שוין געלעגן אויף דער ערד, ארומגערינגלט צוקאפנס מיט ליכט, עס איז געווען א פולע הויז מיט מענטשן, וועלכע האבן געדיינקט אז זי איז געשטארבן. די חברה נושאי המטה האבן זיך שוין געגרייט אויף דער לוי׳ — האט זיך איהר גע׳חלום׳ט:

״זי איז געקומען אויף דעם ״עולם האמת״ אפגעבן דין וחשבון, זי בלאנדזשעט אין א ״מדבר״, דער הימל איז שווארץ אן קיין שטערנדל, די ערד איז טרוקן אן קיין גרעזעלע, עס וואקסן שטעכעדיגע דערנער און א גרויסער פחד פאלט אויף איהר, מעכטיגע היילן זיינען דא פון אלע זייטן און עס קוקן פון זיי ארויס ״מחבלים״ מיט טויזנטער אויגן. א שטארקע ציטערניש איז איהר באפאלן. מיט אמאל — און פון מזרח זייט איז אויפגעגאנגען א גרויסע ליכטיגקייט, זי נעמט לויפן אנטקעגן דער ליכטיגקייט. די שטיינער צושטעכן איהרע פיס, די דערנער צורייסן איהרע קליידער און זי לויפט אזוי ביז זי קומט צו א טייך, נעבן דעם טייך געפינט זיך א בארג, וואס איז באדעקט מיט שמעקעדיגע בלומען. זי האט אויפגעהויבן איהרע אויגן צום בארג און האט דערזעהן אז אויפ׳ן שפיץ פון הויכן בארג איז געשטאנען א אלטער מאן, זיין בארד און פאות זיינען געווען ווייס ווי זילבער, און ער איז געווען באדעקט פון קאפ ביז די פיס מיט לויטער בלומען; זיינע אויגן האבן געברענט ווי

צוויי פאקעלן, ער האט געזונגען א ליד וואס איהר מעלאדיע איז געווען זיס ווי האניג. אין האנט האט ער געהאלטן א וואגשאל און האט באפוילן אויף די "מחבלים" זיי זאלן זיך צולויפן. ער האט זי ארויפגעלייגט אויף איין זייט וואגשאל און אויף דער צווייטער זייט — א סך בלומען און האט צו איהר געזאגט מיט א צארטער שטימע:

— "מיין טאכטער, זאלסט אפהיטן די מצוה פון מיין סעודה "מלוה מלכה" וועסטו שטענדיג זיין באשיצט פון כל־ערליי צרות!"

אפלאזנדיג די וואגשאל, ווייל זי האט איבערגעוואויגן מיט דער שווערער משא, איז זי אראפגעפאלן פונ'ם הויכן בארג און פון דעם גרויסן שרעקליכן פאל אויף דער ערד, איז זי אויפגעטרייסלט געווארן און איז אויפגעשטאנען פונ'ם "הינער־פלעט".

ווען דער פאטער האט זי געפרעגט ווען דאס אלעס איז געשעהן, האט זיך ארויס געוויזן אז דאס איז פארגעקומען פונקט אין דער צייט ווען דער מאקאראווער צדיק זצ"ל האט זיך געפונען אין מקוה און מיט זיין הייליגע עבודה האט ער פאר איהר אויסגעפועלט א ישועה.

א ווארעמע רפואה...

עס ווערט געברייננגט אין גמרא: "חמין במוצאי שבת מלוגמא", אז מוצאי שבת איז א רפואה צו טרינקען ווארעמס. אין גמרא ווערט אבער נישט אויסגערעכנט אויף וואס די רפואה איז.

אויף דעם זאגט דער "אריה דבי עילאה", אז די רפואה איז קעגן עצבות. א רמז דערויף ברייננגט ער פון פסוק: "הרופא לשבורי לב ומחבש לעצבותם", וואס די ר"ת פונ'ם ווארט "מחבש" איז: חמין במוצאי שבת מלוגמא.

נאר איין כזית

אין דער שטאט פוסטע נעבן קאלעוו האט געוואוינט א גדול בתורה און א גרויסער גביר מיט'ן נאמען רבי ברוך פרענקל. ער פלעגט עוסק זיין יומם ולילה אין לערנען און ער איז געווען א גרויסער בעל צדקה און מכניס אורחים. אזוי ווי ער האט געוואוינט אליין אויף זיין גוט, פלעגט ער יעדן פרייטאג שיקן זיין וואגן קיין קאלעוו כדי צו ברייגנען אורחים אויף שבת, ער זאל האבן א מנין צום דאווענען. זונטאג נאך שבת פלעגט ער זיי צוריקשיקן מיט זיין וואגן. אויך פלעגט ער זיי מיטגעבן צדה לדרך און שיינע נדבות.

מאכט זיך אמאל א מעשה, ס'איז געווען א שרעקליכער וועטער, א מורא'דיגער פראסט און שניי־האגל האט געהערשט א גאנצע וואך. רבי ברוך האט אבער טראץ דעם געשיקט זיין שליטן קיין קאלעוו ווי זיין מנהג איז געווען, צו ברייגנען אורחים אויף שבת. אבער קיינער פון די ארימעלייט האט נישט געוואלט פארן אין אזא צייט. דער בעל עגלה מיט'ן שליטן האבן זיך צוריקגעקערט ליידיג.

ר' ברוך איז געזעסןביים פענסטער און אויסגעקוקט אז די אורחים זאלן קומען אויף שבת, ווען ער האט דערזען אז דער שליטן איז געקומען א ליידיגער, האט ער געהאט גרויס צער און עגמת נפש.

אין יענעם געגנט האבן זיך געפונען א באנדע פארדארבענע הפקר יונגען. האבן זיי באשלאסן אבצוטהון א שפיצל דעם גביר און צורויבן ביי אים דאס גאנצע פארמעגן זיי האבן אפגעשמועסט זיך צו פארקליידן אלס אנשטענדיגע מענטשן און זיי האבן זיך ארויסגעלאזט מיט א שליטן פארבייפארנדיג דאס ארט וואו ר' ברוך האט געוואוינט.

ווען ר' ברוך האט געזען אז עס פארן דורך עטליכע מענטשן איז ער

באלד ארויסגעלאפן צו זיי און געפרעגט אויב זיי זיינען אידן. ווען זיי האבן אים געענטפערט אז יא, האט ער זיי געבעטן זיי זאלן בלייבן ביי אים אויף שבת. די פארשוינען האבן זיך געמאכט גלייך ווי זיי ווילן נישט. ערשט נאך לאנגע דינגענישן האבן זיי ענדליך מסכים געווען צו בלייבן ביי אים אויף שבת.

רבי ברוך האט געהאט גרויס שמחה וואס עס איז אים געלונגען צו האבן א מנין אויף שבת. ער האט די אורחים גאר שטארק מקרב געווען און זיי געגעבן פון כל טוב.

שפעט מוצאי שבת, ווען דאס בני בית איז שוין געגאנגען שלאפן, זיינען די רויבער־יונגען צוגעגאנגען צו זייער בעל מכניס אורח און באפוילן אים ער זאל תיכף ארויסגעבן זיין גאנצן פארמעגן, אויב ער וויל בלייבן לעבן.

רבי ברוך איז דערשראקן געווארן. ער האט נישט געהאט קיין אנדער ברירה, ער האט געעפנט אלע קאסעס און די רויבער האבן פון דארט ארויסגענומען אלץ וואס זיי האבן געפונען. ערשט דערנאך האבן זיי געבונדן אים מיט זיין ווייב און געוואלט זיי דער׳הרגענען, כדי מען זאל נישט קומען אויף זייערע טריט.

ר׳ ברוך מיט זיין ווייב האבן זיך גענומען בעטן מיט געוויין און טרערן די רויבער זאלן אויף זיי רחמנות האבן און לאזן לעבן. זיי זיינען אבער געבליבן קאלטבלוטיג און אכזריות׳דיג. ווען ר׳ ברוך האט געזען וואו עס האלט, האט ער געבעטן זיי זאלן אים לאזן לכל הפחות נאך עטליכע מינוט, ביז ער וועט זיך וואשן און עסן א כזית ברויט צו די סעודת מלוה מלכה. דערנאך קענען זיי מיט אים טאן וואס זיי ווילן. די רויבער האבן מסכים געווען.

ר׳ ברוך האט מיט א ציטערדיג הארץ געוואשן זיך צו א כזית. פלוצים האט זיך געהערט פון דרויסן א מורא׳דיגער רעש, גלייך ווי א מחנה סאלדאטן זאלן גיין. באלד האט זיך דערהערט א שטארקער קלאפן אויפ׳ן פענסטער. די קולות פון דרויסן האבן געשריגן אז אויב מען מאכט נישט אויף תיכף די טיר, וועלן זיי אויפברעכן די טירן.

די רויבער האבן זיך דערשראקן און זיינען אנטלאפן דורך די פענסטער וואס האבן געפירט צום גארטן.

ר׳ ברוך האט זיך אין גרויס שרעק צוגעשארט צו דער טיר און זי געעפנט — ער קוקט ארויס און זעט קיינעם נישט. עס איז נישט געווען קיין שום צייכן פון סאלדאטן אדער איימיצער אנדערש.

דאן האט ער פארשטאנען אז מען האט אים מן השמים מציל געווען, און ער האט געגעבן שבח והודיה פאר הקדוש ברוך הוא פאר דעם גרויסן נס וואס ער האט מיט אים געטאן.

די ערד פארריכט איהר חילול שבת

ושבתה הארץ שבת לה׳. דער טעם פון דער מצוה שמיטה איז, כדי די ערד זאל זיך אברוהען פאר די שבתים אין וועלכע זי גיט ארויס געוואוקסן און טהוט א מלאכה.

אין יעדן יאהר (לויט די ימות החמה) אין פערהאן דריי הונדערט פינף און זעכטיג טעג צווישן וועלכע ס׳זענען פערהאן צוויי און פופציג שבתים. אין זיבן יאהר זענען לויט דעם חשבון פערהאן דריי הונדער פיהר און זעכטיג שבתים. ווייל די ערד טהוט איהר ארבייט אויך אין די שבתים מוז זי דעריבער זיך אויסרוהען א גאנץ שמיטה־יאהר פון דריי הונדערט פינף און זעכציג טעג, א קעגן די שבתים וואס זי האט נישט אבגעהיטן...

אינ׳ם שמיטה־יאהר אליין זענען דאך אבער אויך פערהאן צוויי און פופציג שבתים אין וועלכע די ערד גיט אויך ארויס די ספיחים, איז דאך ווייטער פערהאן א שטיקל חילול שבת — האט דעריבער די תורה באפוילן אז ווען עס גייען אריבער זיבן שמיטה יאהרן און ס׳האבן זיך ווידער אנגעזאמלט דריי הונדער פינף און זעכציג, נישט ווי געהעריג דורך דער ערד געררוהטע שבתים, זאל זיין איין יאהר יובל, וועט דער ערד ווידער זיך אברוהען א יאהר, און מקיים זיין די שבתים וואס זי האט נישט מקיים געווען אין די זיבן שמיטה יאהרן וואז זענען א דורך געגאנגען אין די ניין און פערציג יאהר...

(מטה משה סי׳ תעג)

נאך איין "מלוה מלכה"

אין א געוויסע שטעטל אין וואהלין האט מען אויפגענומען א ראש־הקהל איינעם פון די תלמידי הבעש"ט.

שוין אין די ערשטע צייט פון זיין הנהגה האט ער אנגעהויבן איינצופירן נייע ארדענונגען אין שטאט־זאכן, איבערהויפט וועגן די צדקה־ענינים.

אין שטאט איז געוועזן איינער א פיינער יונגער מאן א תלמיד חכם אבער א גרויסער ארימאן. פלעגן גוטע מענטשן צוזאמענקלייבן פאר דעם ארימען תלמיד חכם א סומע געלד יעדן וואך. געוועזן איז דארטן א געוויסער מענטש וואס ער האט געפירט די געלד־זאמלונג און ער האט עס איהם איבערגעגעבן אין א בכבוד'יגן שטייגער. אזוי פלעגט זיך פירן א לאנגע צייט.

ווען יענער נייער ראש הקהל איז אויסגעקליבן געווארן האט עס איהם עפעס נישט אזוי געפעלן. ער האט געטענה'ט אז פון די פריוואטע צדקה־זאמלונג קען ליידן די גרעסערע צדקה־קאסעס פון שטאט. האט דער ראש הקהל משפיע געוועזן אז מ'זאל געבן ווייניגער צו די פריוואטע צדקה און מערער געבן פאר די אלגעמיינע צדקה'ס. געוויינליך האבן זיינע ווערטער צו געבן ווייניגער פאר יענעם תלמיד חכם גיכער געווירקט, ווי זיינע ווערטער מ'זאל געבן מערער צו די אלגעמיינע צדקות. לאנגזאם האט יענער גבאי־צדקה געזעהן אז די שטאט לייט מינדערן יעדעס מאל פארן יונגערמאן זייער וואכנטליכע קיצבה, און ער האט אויפגעהערט צו גיין פאר איהם.

די פרוי פון יענעם ארימאן איז געקומען צו איהר מאן אין שוהל ערב שבת, אבער ער האט גארנישט געהאט ביי זיך, האט זי זיך

אומגעקערט אין שטוב מיט ליידיגע הענט און א פוהלע הארץ. דער יונגערמאן האט פון גרויס צער וואס ער האט נישט געקענט צוקוקן זיין ווייב׳ס דערשלאגנקייט, אנגעהויבן שטארק צו וויינען.

״שערי דמעות לא ננעלו״. די טויערן פון טרערן אין הימל זיינען נישט צוגעמאכט, זאגן די חז״ל. און די טרערן פון יענעם שטילן באשיידענעם יונגערמאן האבן געשפאלטן הימלען. עס איז געווארן א גרויסער קיטרוג אויף דעם ראש הקהל — ווי עס איז שפעטער אנטפלעקט געווארן — ווייל ער האט גורם געווען אפצושטעלן פאר א אידן זיין איינציגע פרנסה. ווידער איז געווען א מעשה וואס דער זעלבער ראש הקהל האט צוגעהאלפן אונדירעקט, א געוויסן משיג גבול. דאס האט שוין פארפוהלט זיין מאס שלעכטקייט און דער שטן אליין האט זיך פארלייגט אויף איהם אראפצופירן פון וועג ביז צום שמד ח״ו.

דער מנהג פון דעם ראש הקהל איז געווען, אז יעדן שבת נאך מוסף פלעגן קומען צו איהם די מתפללים פון שוהל. ער האט זיי געגעבן בראנפן, וויין און מזונות אויף קידוש. דער ראש הקהל אליין פלעגט נאר טועם זיין עטוואס פון די בראנפן.

יענעם שבת אינדערפרי ווען ער איז שוין געשטאנען אנגעטהון אין טלית, האט איהם באהערשט א שלעכטער גייסט און א פייער פון שמד האט זיך צוברענט אין איהם. ער האט געכאפט נישט ווי זיין שטייגער, און אויסגעטרונקען א היפשע פארציע בראנפן ביז ער איז שטארק שיכור געווארן. און אזוי שיכור׳ערהייט איז ער געלאפן מיט זיינע שבת מלבושים צום גלח. דער גלח האט געוואוינט אין דרויסן פון שטאט.

ווען דער גלח האט איהם געזעהן האט ער איהם אויפגענומען זייער פרייליך און געפרעגט וואס איז זיין באגעהר. האט דער ראש הקהל געענטפערט אז ער וויל זיך טויפן. האט זיך דער גלח זייער געוואונדערט און זיך דערפרייט: אזא פיש זאל זיין נעץ אריינכאפן... זאגט צו איהם דער גלח:

— יעצט זיצן ביי מיר חשובע געסט, גיי אריין אין א זייטיגן

צימער, ווען איך וועל פארטיג ווערן מיט זיי וועל איך דיר קענען באהאנדלען.

האט דער גלח גערופן איינעם פון זיינע משרתים און געהייסן דערלאנגען דעם "אידישן רב" עסן און טרינקען.

דער משרת האט אזוי געטהון, דער "רב" האט גענומען דאס ערשטע א גרויסן בעכער בראנפן, איז שיכור געווארן און אנגעהויבן צו ברעכן. ער איז נישט געוועזן געוואוינט מיט אזא טרינקעריי. נאכער איז ער געפאלן אויף דער ערד און איינגעזונקען אין א טיפן שלאף, ער איז אזוי געשלאפן א שיינע פאר שעה און דער גלח איז נאך אלס געוועזן פארנומען מיט זיינע געסט, האט ער ווידער געטרונקען א היפשע פארציע בראנפן. דער פייער פון שמד האט זיך אין איהם ווידער צופלאקערט, ער איז שיכור געווארן און געלעגן אויף דער ערד...

די מתפללים וועלכע זיינען נאכן דאוונען געקומען צו איהם און נישט געטראפן, האבן זיך דערוואוסט וואס דא איז געשעהן, און א גרויסע מהומה איז ענטשטאנען ביי די אידן!

★

דער הייליגער בעל שם טוב, פלעגט ביי שלש סעודות, בעטראכטן זיינע תלמידים וואו זיי געפינען זיך. ווען ער האט זיך פארטראכט אין יענעם תלמיד — האט ער דערשפירט א גרויסע פינסטערניש. האט ער זיך זייער געוואונדערט ווי האט זיין תלמיד געקענט אראפפאלן אזוי טיף אין תהום ח"ו. דער בעש"ט האט געפרובט אנווענדן זיינע גרויסע רוחניות'דיגע כוחות ארויסצושלעפן דעם תלמיד פון זיין זינקען, אבער עס איז איהם נישט געלונגען. נאכער האט ער זיך דערמאנט אז דער תלמיד איז זייער נזהר אין די סעודת "מלוה־מלכה" יעדן מוצאי־שבת. האט ער אוועקגעלייגט א הייסע תפילה אז אין זכות פון זיין "מלוה מלכה" זאל ער געראטעוועט ווערן פון שטן'ס נעגל. האט דער בעש"ט געזעהן ברוח הקודש אז דער זכות פון זיין מלוה מלכה איז טאקע גרויס, אבער נאר בתנאי אויב ער זאל עסן אויך יעצט די סעודת מלוה מלכה, וועט ער געהאלפן ווערן.

האט דער בעש״ט גענומען א שטיק פון די חלה וואס ער האט אנגעהויבן צו ״המוציא״ ביי ״שלש סעודות״ און נאך א חלה פון זיינע ״י״ב חלות״, עס איבערגעגעבן פאר איינעם פון זיינע תלמידים און צו איהם געזאגט: נעם און גיי און השי״ת וועט העלפן!

דער תלמיד פרעגט נישט קיין פראגעס און גייט באלד אויספיהרן זיין שליחות.

דער בעש״ט זיצט נאך אלץ ביים טיש און זינגט זמירות מיט די חבריא קדישא. ער האט איבער׳געחזר׳ט א פאר מאל די ווערטער ״לבטלא בכל קליפין״. די תלמידים האבן נישט געוואוסט וואס דאס מיינט, אבער זיי האבן פארשטאנען אז דא מוז עפעס געשעהן.

דער שליח געהט זיך אזוי אין דער פינסטערניש, פלוצים זעהט ער ווי אויפן וועג איז אויסגעשפרייט שטיינער און ס׳איז שווער צו גיין. האט דער שליח פארשטאנען אז ס׳איז מעשה־שטן איהם אפצוהאלטן פון זיין גאנג, האט ער זיך געשטארקט און געגאנגען ווייטער א צוויי מייל איבער די שטיינער. נאכער איז געווען די וועג פוהל מיט זאמד און עס איז זייער שווער געווען דער גאנג, אבער ער האט זיך אנגעשטריינגט מיט מסירות נפש צו גיין ווייטער און זיך נישט אפשטעלן, און ווידער איז איהם פארגעקומען פארשידענע שטרויכלונגען וואס ער האט זיך נישט געקענט מתגבר זיין אויף זיי. האט ער זיך אוועקגעשטעלט און מתפלל געווען צו השי״ת ער זאל קענען אויספירן די שליחות פון זיין רבין דער בעש״ט און ענדיגן די מצוה. נאך די תפילה האט דער שליח געפיהלט אז זיינע פיס זיינען געווארן גרינג און פלינק צום גיין.

עס איז נישט אריבער קיין סאך צייט און דער שליח האט דערזעהן פון ווייטן א שטוב פון וועלכן עס שיינט ארויס פון דארטן — דאס איז געווען די שטוב פון יענעם גלח אין דרויסן פון שטאט, — האט דער שליח געוואלט דארטן אריינגיין און זיך אפרוהען פון שווערן וועג, ווען ער איז דארטן אריין דערזעהט ער צו זיין וואונדער, א איד מיט א קאפאטע ליגט אויף דער ערד איינגעריכט אין דעם וואס ער האט אויסגעבראכן, פרעגט דער שליח דעם שומר וואס איז דא געשעהן,

ענטפערט ער איהם, אז דאס איז דער "אידישער רב" וואס ווארט אויפן שמד־צערעמאניע.

דאן האט דער שליח פארשטאנען אז דאס איז דער צוועק פון זיין שליחות און אז מ'דארף ראטעווען דעם אידן פון שמד. האט ער זיך דארטן אוועקגעזעצט אפרוהען. דערווייל איז דער איד אויפגעשטאנען פון שיכור'ן שלאף און גענומען שרייען אז ער וויל נאך טרינקען, איז צו איהם דער שליח צוגעלאפן, איהם אנגעכאפט ביי די הענט און געזאגט:

— מיין טייערער! וואס ס'וועט זיין זאל זיין, אבער דערווייל וואש זיך די הענט צום עסן און נאכער וועסטו טרינקען.

האט דער איד איהם געפאלגט און זיך געוואשן די הענט און געוואלט נעמען טרינקען, זאגט איהם ווידער דער שליח:

— מיין טייערער! וואס ס'וועט זיין זאל זיין, אבער פריער דארפסטו עפעס עסן נאכער וועסטו טרינקען!

האט דער איד זיך נישט געגנגעשטעלט און גענומען די חלה וואס יענער האט איהם דערלאנגט. האט יענער געבעטן ער זאל שוין מאכן א ברכה, האט ער איהם אויך דאס נאכגעגעבן. ער האט אנגעהויבן צו עסן די שיריים פון בעש"ט'ס חלה.

צוביסלאכווייז האט זיך דער איד אומגעקערט צו זיין באוואוסטזיין און פארשטאנד ביז ער האט אנגעהויבן צו שרייען יאמערליך:

— הוי! וואס גיי איך דא טהון?! אומבייטן א לעבעדיגן ג־ט בין איך געגאנגען?! וויי צו מיר און צו מיין נשמה.

ער האט זיך גענומען רייסן די האר פון קאפ, קלאגן מיט ביטערע טרערן און שרייען: עס איז נישטא פאר מיר קיין תיקון, נאר איך זאל קומען צום בעש"ט, אפשר וועט ער מיר ראטעווען.

ווען דער שליח האט דערשפירט אז יענער האט חרטה פון טיפן

הארץ, האט ער איהם געזאגט: קום מיין פריינד, לאמיר גיין צום בעש"ט! האלט זיך אן אין מיין גארטל און מיר וועלן גיין.

זיי האבן גענומען גיין אין די פינסטערניש פון די נאכט אבער זייער גאנג איז געווען גאר גרינג און שנעל. זיי האבן געשפירט אז זיי האבן "קפיצת הדרך". זיי זיינען געקומען צום בעש"ט וועלכער האט נאך געפראוועט זיין טיש. יענער האט באלד גע'חלשט און דער בעש"ט האט באפוילן מ'זאל איהם לייגן אין בעט, ער זאל זיך אפרוהען פון די שווערע געשעהענישן. ער האט גענומען קלאגן און וויינען אויף די שלעכטע מחשבות און דער בעש"ט האט איהם ארויסגעגעבן א תיקון. יענער איז שפעטער געווארן א אמתער בעל תשובה.

א זמן פון תשובה

מוצאי שבת איז א צייט פון תשובה, ווייל דאן ווערן געעפנט די טויערן פון גיהנם און די רשעים קערן זיך דארט אום, און דעריבער איז עס א צייט א מענטש זאל ווערן ערוועקט ער זאל נישט זיין צווישן די וואס גייען אריין אין גיהנם.

(בני יששכר)

דער היפוך פון נגע צרעת

והיה בעור בשרו לנגע צרעת. די ספרים זאגן אז די אותיות "נגע", אין א פארקערטער צוזאמענשטעל מאכן — "ענג" — וואס דערמאנט אין שבת (וקראת לשבת ענג), און די אותיות "עצרת" — וואס דערמאנט אין יום־טוב (עצרת תהיה לכם).

שבת און יום־טוב זענען אלזא דער היפוך פון נגע־צרעת. ווייל אויב נגע צרעת סימבאליזירט דעם שטארקן הסתר פון דער ג־טליכקייט, די פערגרעבטקייט פון די נאטור־וועלט און די פארשטעלונג פון צו זעהן דאס פנימיות אין דער בריאה — זענען שבת און יום־טוב די צייטן, וואס, פונקט להיפוך, עפענען די מענטשליכע אויגן און דאס מענטשליכע הארץ אז זיי זאלן דערזעהן און דערפיהלן דעם יוצר־בראשית אין דער יצירה, רייסן אראפ דעם "עור" וואס פארשטעלט די פנימיות און מאכן ארויסשניידן דער אור־הגנוז פון דער טבע.

באגנבעט די פיש

געווען איז עס אין די צייטן ווען איך האב געטהון אין עסקנות צוזאמען מיט מיין חבר פלעגן מיר ארומפארן און משפיע געווע־ ארויסצונעמען אידישע קינדער פון די פרייע קבוצים און זיי איבערשיקן אין דער ישיבה.

געפירט האבן מיר זיך מיטצונעמען פארטיגע עסן אויף די גאנצע צייט פון אונזער פארבלייבן אין דער פרעמד. מיין פרוי, פלעגט אכטונג געבן עס זאל אונז נישט פעלן קיין זאך, פיש, פלייש, זופ, לאקשן, פערפל, קוגל און אלע צרכי שבת. איינגעשטאנען זיינען מיר אלע מאל ביי די חשוב׳סטע און נגידישסטע משפחה, דאס האט געפאדערט צו די הצלחה פון אונזער ארבעט, ווייל מען קוקט מיט מער רעספעקט אויף איינעם וואס איז מקורב צום נגיד.

אין איינע פון אונזערע שליחות׳ן איז אונז אויסגעקומען צו זיין אין אשקלון. מיר האבן זיך איינקווארטירט ביי איינעם א חשוב׳ן רייכן ספרדישן איד, וועלכער האט אונז אויפגענומען בסבר פנים יפות, ער האט אונז איבערגעגעבן א באזונדער צימער און דאס עסנווארג אונזערע באהאלטן ווי געהעריג, נאך אונזער אויסנעמען, אז מיר ווילן נישט עסן ביי אים, ווייל אזוי פירן מיר זיך אלעמאל און איבעראל.

דאס צימער, וועלכעס מיר האבן באקומען איז געווען נעבן א באדע־ צימער, נעבן וועלכן מען האט געדארפט דורכגיין אריינקומענדיק אין צימער.

מיר האבן דארטן געהאט א אנגענעמען שבת ווייל די ספרדים גרייטן אן די טישן שבת זייער שיין מיט עפעס א ספעציעלן חן און מיט גרויס הידור.

איין זאך האט דער בעל הבית געבעטן פון אונז, אז אפילו מיר עסן נאר די אייגענע מאכלים, זאלן מיר אבער זיצן צוזאמען ביי זיין טיש. מיר האבן דערצו מסכים געווען.

עס איז מיר געווען זייער אינטרעסאנט, אז אין די וואנע זיינען א גאנצן שבת ארומגעשוואומען אין וואסער פישלאך. נאך מער האט מיך געוואונדערט אז מוצאי שבת, האב איך עס שוין נישט געזען.

ביי דער סעודה פון מלוה דמלכה האט ער אונז ווידער פארבעטן צו זיצן ביי זיין טיש, וועלכער איז געווען אנגעגרייט מיטן שענסטן און בעסטן, ממש א סעודת מלך.

זעצנדיג זיך צום טיש, גיב איך א זאג פארן בעל הבית:

"איך מיין אז מען האט אייך בע'גנב'עט.

— מיר בע'גנב'עט?" — גיט ער א פרעג — "וואס פאלט אייך איין?"

— "א גאנצן שבת האב איך געזען פישלאך ארומשווימען אין וואסער און איצט זענען זיי שוין דארט נישטא". — האב איך אים געענטפערט.

— "אה, דאס מיינט איר"!! — האט ער זיך צושמייכלט — ניין, מען האט מיך נישט בע'גנב'עט. הערט זיך צו וואס איך וועל אייך דערציילן, וועט איר פארשטיין, וואו די פישלאך זיינען פארשוואונדן:

געהאט האב איך א זיידן ז"ל א ערליכער איד, וועלכער האט געצויגן זיין חיונה פון האנדלען מיט דימאנטן, און ער האט געזען השי"ת הילף און געהאט גרויס הצלחה אין זיינע געשעפטן.

עס האט זיך אים געמאכט א גוטער געשעפט, א גוי פלעגט יעדן פרייטיק ברייגען פאר אים עטליכע שטיינער, וועלכע האבן געהאט א גרויסן ווערט און עבעטן דערפאר האט ער נישט צופיל, אזוי אז דער זיידע ע"ה האט שטענדיג פון אים אפגעקויפט זיין סחורה, ער פלעגט קומען נאר פרייטיק.

א לאנגע צייט איז אזוי אריבער מיט דעם זעלבן סדר. איינמאל איז געקומען דער גוי און געזאגט: הער זיך צו, איך האב ביי מיר אין דער היים זייער א גרויסן קוואנטום פון די שטיינער, פארוואס זאל איך יעדן פרייטיג דארפן קומען צו דיר מיט א ביסל סחורה, קום דו צו מיר אהיים און דו וועסט קענען אפקויפן א גרעסערן קוואנטום אויף איין מאל, דאס פארשטייט זיך דארף זיין א סוד.

דער זיידע האט מסכים געווען און איז מיט אים געגאנגען צום באשטימטן אדרעס. נאר פריער האט ער גענומען מיט זיך אויסער א גרויסע סומע געלט אויך א ברויט. ער האט זיך שטענדיג אזוי געפירט, וואו ער איז נאר געגאנגען האט ער מיט זיך גענומען א גאנצן ברויט.

אזוי זיינען זיי געגאנגען ביז מען איז צוגעקומען צום הויז פון דעם גוי, וואס איז געווען נאהנט צום עק שטאט ביים וואלד.

ווען זיי זיינען שוין געווען אינווייניג האט דער גוי גוט צוגעמאכט די טיר און א זאג געגעבן:

— איך האב דיך דא גערופן נישט צו פארקויפן שטיינער, נאר צוצונעמען די גרויסע סומע געלד וואס דו האסט איצט ביי דיר און דערנאך קומט דיין סוף!

דער זיידע ע״ה האט דערזען אין וואס פאר א לאגע ער געפינט זיך, האט ער זיך אנגעהויבן צו בעטן ביי אים, ער וועט אים געבן דאס גאנצע געלט, נאר ער זאל אים באפרייען און לאזן לעבן. עס האט אבער גארנישט געהאלפן.

דער גוי האט מיט א געלעכטער געענטפערט:

— מיינסטו טאקע איך בין אזא נאר דיך צו באפרייען, כדי דו זאלסט מיך דערנאך איבערגעבן פאר די פאליציי? ניין, אזא שוטה בין איך נאך ניט!

דער זיידע האט אים דערקלערט אז א ווארט ביי אונז אידן איז זייער

א הארבע עבירה דאס עובר צו זיין, און ער זאגט אים צו נישט צו מסר׳ן, אדער דערציילן פאר איינעם פון די גאנצע זאך.

דער גוי האלט זיך אבער ביי זיינס, ער זאל זיך ריכטן צום טויט און אפזאגן זיינע לעצטע תפילות.

דעם יידן איז איינגעפאלן א געדאנק. צו ראטעווען זיך, האט ער שוין קיין אויסזיכטן נישט געזען, האט ער זיך געבעטן ביי דעם גוי ער זאל כאטש ווארטן ביז נאך שבת.

נאך א שטיקל איבערטראכטן זיך האט דער גוי מסכים געווען, ער האט אים פארשפארט אין א צוגעמאכטן צימער אן פענצטער און געזאגט אז ביז נאך שבת, וועט ער דא פארבלייבן.

דער זיידע איז געווארן מלא שמחה, כאטש נאך איין שבת וועט ער זיין אויף דער וועלט. און וואס פאר א שבת דאס איז געווען! ער האט אינגאנצן פארגעסן אין וועלכן מצב ער געפינט זיך, ער האט נאר געהאט אין זינען אויסצונוצן דעם לעצטן שבת פון זיין לעבן אויפן בעסטן און שענסטן אופן וואס איז נאר מעגליך.

ער האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה מיט גרויס כוונה וואס א מענטש איז דערצו נאר זוכה, ווען ער ווייסט אז דאס איז זיין לעצטער טאג. ער האט צוטיילט דעם ברויט וואס ער האט ביי זיך געהאט אויף פיר חלקים, פאר די דריי שבת סעודות און איינס אויף מלוה מלכה, ער האט מקבל שבת געווען און געדאוונט מעריב מיט כוונה און התלהבות מיט די זעלבע נגונים און נוסח ווי זיין געוואוינהייט איז שטענדיק געווען.

דערנאך האט ער געמאכט קידוש און זיך געוואשן צום ברויט מיט גרויס שמחה, געזונגען זמירות ביז שפעט אין דער נאכט אריין, אפגעגעסן, געבענטשט, קריאת שמע געלייענט, אלעס מיט אזא מין אויסערגעוויינליכן ברען און באגייסטערונג. געשלאפן איז ער דארט אויפן בלויזן ערד עטליכע שעה, דערנאך האט ער זיך שוין גאר פרי אויפגעשטעלט אויסצוזאגן גאנץ תהלים, דאווענען שחרית, עסן די סעודה און א.וו.

א גאנצן שבת האט ער געפראוועט מיט דעם גרעסטן ישוב הדעת אן קיין זארג און טרויערקייט, נאר פונקט דאס פארקערטע. אויב ער האט זיך נאך געקענט אויסבעטן איין שבת, זאל עס זיך לוינען.

דער גוי האט אלעמאל א בליק געטאן און נישט געגלויבט וואס זיינע אויגן זעהען. ער האט זיך פארגעשטעלט אז דער איד וועט דעם גאנצן שבת פארברייינגען מיט וויינען און שרייען און דא זעט ער פונקט פארקערט, ער זינגט און טאנצט און פרייד זיך, איז ער אפשר פון זינען אראפ?

דער שלש סעודות איז שוין אויך אריבער, מען האלט שוין ביי מעריב. ער מאכט הבדלה און נעמט זיך שנעל צום מלוה מלכה, צו די לעצטע סעודה פון זיין לעבן. ער וואשט זיך מיט גרויס כוונה און עסט זיין לעצטן פערטן ברויט און זינגט די זמירות פון מוצאי שבת מיט אזא ברען און התלהבות און שמחה עד אין לשער, ער האט זיך כמעט ווי פארגעסן וואו ער געפינט זיך.

פלוצלונג דערשיינט פאר אים א אלטער איד מיט א אויסערגעוויינליכן הדרת פנים. ער גיט אים א כאפ אן זאגנדיק: — ״וויל דו האסט אזוי שיין מקיים געווען מיין סעודה, פיר איך דיך איצט אהיים״. און עס נעמט נישט קיין מינוט און ער דערזעט זיך ביי איהם אין הויז.

איר קענט זיך פארשטעלן די שמחה פון די גאנצע פאמיליע, — וועלכע האבן אים געהאט איבעראל געזוכט און ניט געוואוסט אויף וואס צו קלערן, — דערזעהענדיק דעם טאטן און מאן געזונט און שטארק אין זיין הויז. מען האט אים באווארפן מיט פראגן פון אלע זייטן, אבער דער זיידע גיט א זאג: נעמט די גאנצע געלט און קויפט איין א גרויסע סעודה, מיר וועלן פראווען איצט א מלוה מלכה פארן גאנצן שטעטל און רופט יעדן איינעם בעזונדער און דאן וועל איך פאר אלעמען דערציילן דעם נס וואס איז מיט מיר געשען.

זייט דעמאלט איז איינגעפירט ביי אונזער משפחה צו פראווען די סעודה פון מלוה מלכה מיטן גרעסטן פראכט און פאראד און לכבוד די

סעודה פון דוד המלך קויפן מיר איין פיש, וועלכע מיר לאזן שווימען אין וואסער ביז מוצאי שבת, עס זאל זיין פרישע פיש לכבוד די סעודת "מלוה מלכה". יעצט פארשטייט איר שוין אז מען האט מיך נישט בעגנבעט, נאר מיר האבן די פיש ערשט איצט אפגעקאכט, פאר די חשוב'ע סעודה וואס איז ביי אונז אויך אלס זכר לנס.

א סגולה קעגן עצבות

די חז"ל זאגן "חמין במוצאי שבת מלוגמא" — דער וואס עסט הייסע עסן מוצאי שבת איז עס פאר איהם א רפואה.

זאגט דער רבי ר' זושע, אז דאס איז א רפואה קעגן עצבות, ווייל דער פסוק זאגט: "הרופא לשבורי לב ומחבש לעצבותם" — און "מחבש" איז ראשי תיבות "חמין במוצאי שבת מלוגמא" און דער פסוק פיהרט אויס "לעצבותם" — אז דאס איז קעגן עצבות.

אויפשטיין תחיית המתים

די סגולה פון מלוה מלכה איז, ווייל ביים מענטש איז דא א קלייןביינדל נעבן זיין אקן וועלכע געניסט נישט פון קיין שום סעודה אויסער פון מלוה מלכה. דער ביינדל ווערט אנגערופן "נסכוי".

די חז"ל זאגן אויך אז תחיית המתים וועט זיך אנהויבן פון אט דעם ביינדל, דער איינציגער גליד פון מענטש וואס ווערט נישט פארפוילט נאך זיין שטארבן.

— עס איז איינס פארבונדן אין אנדערן — זאגט דער רבי ר' העשל — אט דער ביינדל "נסכוי" האט נישט קיין חיות נאר פון די סעודה פון מלוה מלכה, האט ער דאך נישט גענאסן פון דעם עסן פון "עץ הדעת" וואס איז געווען פרייטאג צוליב וועלכן עס איז נגזר געווארן דער טויט אויף דער וועלט, און דעריבער וועט תחיית המתים זיך אנהויבן מיטן ביינדל "נסכוי".

בעקומען זיין תקון

די מעשה האט פאסירט אין יאהר ה׳ אלפים ס״ז. אין א שטאט אין איינע פון די אייראפייאישע לענדער האט געוואוינט א איד מיטן נאמען ר׳ יואל. ער איז געווען א רייכער סוחר וואס זיין מסחר איז געווען צושפרייט אין די גאנצע לאנד. ער איז געווען א תלמיד חכם, א ג־ט־ס־פארכטיגער מענטש און מדקדק געווען אויף יעדן מצוה. טראץ דעם וואס ער פלעגט אפט רייזן אין ווייטע ערטער צוליב זיינע מסחר־ענינים, האט ער נישט פארבויגן קיין שום מצוה. אויך איז ער געווען א בעל־צדקה און פיהל ארימע לייט האבן געגאסן פון איהם.

דער סוחר איז געווען פארבונדן מיטן רב פון שטאט און זיך נישט געריהרט אן איהם. דער רב איז געווען פון די גרויסע תורה־אויטאריטעטן אין זיין דור, און א באוואוסטער צדיק וואס זיין השפעה איז געווען אויף גאנץ ברייטע שיכטן אין לאנד און אפילו אויסער די גרעניצן פון לאנד.

מאכט זיך אמאל, אין א דאנערשטאג, און ר׳ יואל האט א געלעגנהייט צו מאכן א ווייטע רייזע. דאס איז געווען זייער א גוטער געשעפט מיט גלענצענדע אויסזיכטן, וואס איהם האט זיך געמאכט אויסצופירן אין א ווייטן געגנט. אבער ר׳ יואל האט גרויס עגמת־נפש דערפון, ער האט נישט קיין חשק זיך צו געפינען אונטערוועגנס אויף שבת; זאל ער פארן נאך שבת, וועט ער אנווערן דעם געשעפט. ער ווייסט נישט וואס צו טהון. איין געדאנק זאגט איהם ער זאל נישט קלערן קיין סך און פארן וואס גיכער און נישט אפלאזן אזא גאלדן געשעפט וואס מאכט זיך נישט יעדן טאג און א צווייטער געדאנק דריקט, אז דעם הייליגן שבת דארף מען נישט צושטערן צוליב געלד.

ענדליך איז ער אריין צום רב און דערציילט ביי וועלכן פראבלעם ער שטייט יעצט. דער רב האט איהם אויסגעהערט און געזאגט:

— מיין קינד, לויטן דיין מעגסטו פארן, נאר דו זאלסט זיך באזארגן מיט מאכלי שבת און משתדל זיין צו געפינען זיך אום שבת אין א אידישן געגנט וואו דו וועסט קענען אפהיטן שבת ווי עס באדארף צו זיין. נעם מיט דיר דריי חלות און השי״ת וועט דיר העלפן, פאר און זיי מצליח!

דער סוחר איז ארויס צופרידן און זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע. ער האט מיטגענומען אלע נויטיגע זאכן וואס ער דארף האבן אונטערוועגנס ווי אויך אלעס וואס מען דארף אויפן שבת־קודש, גענומען האט ער גרויסע גוט־געבאקענע חלות ווי דער רב האט איהם אנגעזאגט, כאטש ער האט נישט פארשטאנען וועגן וואס האט איהם דער רב בעזונדער דערמאנט די חלות. ער האט זיך געזעגנט מיט זיין הויז־געזינד, ער האט איינגעשפאנט זיין פערד־און־וואגן און געפארן צו זיין ציהל.

פארנדיג האט ער זיך גענומען שילדערן ווי דער שבת קוקט אויס ביי איהם אין דער היים, וואו ער שפירט זיך אין א געהויבענע שטימונג און די קדושה שוועבט אין אלע ווינקאלאך, און ווי דער שבת וועט איהם אויסקוקן אין דער פרעמד און ווער ווייסט וואו עס וועט איהם אויסקומען צו האלטן. א אומעט האט איהם באפאלן און טרויעריגע מחשבות האבן איהם גענומען נאגן אויפן הארץ.

★

אזוי פארטראכטערהייט האט ער פארלארן דעם ריכטיגן וועג, און דער פערד איז געווען זיין איינציגער וועג־ווייזער, ביז ער האט איהם פארפירט אין א געדיכטן וואלד, וואו ער איז איינגעזונקען אין א שלאף די גאנצע נאכט.

אין דער פרי ווען ר׳ עזריאל האט זיך אויפגעכאפט, האט ער גלייך געזעהן זיין שלעכטע לאגע, אז ער געפינט זיך אין א טיפן וואלד און ער ווייסט נישט ווי זיך ארויסצודרייען פון דארט. ער פרובט זיך לאזן געהן אין וואלד, אבער ער שפירט אז ער פארפלאנטערט זיך וואס מער, דער טאג שטעהט נישט, עס איז פרייטאג און עס דערנענטערט זיך צום שבת. עס ווערט איהם ביטער אויפן הארץ.

— "צו וואס האט עס מיר אין גאנצן אויסגעפעהלט? אט האב איך שוין א שטראף פארן ארויספארן פאר שבת אין דער פרעמד" — רעדט צו זיך אליין ר׳ עזריאל באטראכטנדיג זיין לאגע.

אבער די זוהן וואס ווארפט אריין איהרע שטראלן דורך די צווייגן פון די פארצווייגטע בוימער, ווערט שוואכער און שוואכער, מען מוז זיך אפשטעלן ווי עס איז און זיך איינארדענען עפעס א ארט וואו צו האלטן שבת. גייט ער אראפ פון וואגן און זוכט א ברייטן בוים, א שטיין אדער עפעס א בערגל וואו ער זאל באשטימען דעם קאפ צו לייגן. אבער דא דערהערט ער א ווייטן חיות־ברום און עס נעמט איהם ארום א שוידער, דערזעהענדיג ווי די נאכט רוקט זיך מיט שנעלע טריט.

אזוי ארומזוכנדיג דערזעט פלוצלונג ר׳ יואל פונדערווייטנס עפעס אזוי ווי א קליין שטיבעלע, ער קלערט נישט קיין סך און טרייבט אהינצו זיינע פערד מיטן וואגן.

ווען ער קומט נענטער זעט ער אז דאס איז טאקע א הויז וואו מען וואוינט דערין, ער גייט גלייך אראפ פונעם וואגן און קלאפט אן אין טיר, א אלטע פרוי עפנט אים אויף די טיר.

— קען איך אפשר פארבלייבן דא ביז איבער שבת? — פרעגט ר׳ יואל — איך האב דא פארבלאנדזשעט אין וואלד, און איך קען נישט ווייטער פארזעצן מיין רייזע ווייל עס איז שוין באלד שבת, איך דארף ביי אייך נישט עסן ווייל איך האב מיט מיר אלעס מיטגענומען, אויך פארן נעכטיגן וועל איך אייך גוט באצאלן, נאר לאזט מיך אריין איך זאל האבן א דאך איבערן קאפ".

— יא, מיין ליבער הער, — ענטפערט אים די פרוי, — איר קענט דא פארבלייבן מיטן גרעסטן פארגעניגן, איך וועל אייך געבן א שיינעם צימער וואו איר וועט קענען פארברייינגען דעם גאנצן שבת, פונקט ווי אין אייער הויז, קיינער וועט אייך נישט שטערן — און אזוי רעדנדיג האט זי ברייט געעפנט די טיר, און איהם געבעטן אריין קומען.

ר׳ יואל האט זיך זייער דערפרייט הערנדיג דעם ענטפער, ער האט

איהר זייער באדאנקט און איז ארויס אין דרויסן אריינברייגנען זיינע זאכן, די פרוי האט אים אנגעוויזן אויפן צימער אין וועלכן ער וועט פארברייגנען די צייט וואס ער וועט דא זיין און אויך האט זי אים צוגעוויזן וואו ער זאל שטעלן זיינע פערד. די אלטע פרוי איז באלד דערנאך אוועק אין קאך כדי פארפארטיגן דאס עסן וועלכן זי האלט אינמיטן קאכן.

ר׳ יואל האט אלעס ערליידיגט, די פערד צוגעבונדן און זיי אנגעגרייט עסן אויף א גאנץ שבת, דערנאך איז ער צוריק אריין אין זיין צימער און אלעס צוגעגרייט, חלות, וויין מיט די אנדערע מאכלים, אויך די ליכט האט ער אנגעגרייט, און זיך אליין צוגעגרייט מקבל צו זיין דעם הייליגן גאסט, די שבת מלכתא.

ער צינדט אן די שבת׳דיגע ליכט, און דאנקט השי״ת פארן גרויסן חסד אז ער דארף נישט האלטן דעם שבת אונטער די בוימער, און דערנאך נעמט ער זיך גרייטן צו דאוונען מנחה און קבלת שבת.

אזוי ווי ער ענדיגט נאר דאוונען מנחה הערט ער עפעס א גערויש, מיט א אומנארמאלע זינגעריי און שפילעריי, מען זינגט מיט א הויכע שטימע וועלכע פארטויבט פשוט די אויערן, ער שטייט ווי א צוטומלטער און פארשטייט נישט וואס דא טוט זיך. ער ווארט מיט נייגעריגקייט צו זען דאס קומענדיגע.

עטליכע מינוט שפעטער דערהערט ער דעם ווילדן מוזיק ווי עס קומט אריין אין דעם הויז וואו ער געפינט זיך. אריינקומענדיג ווערט שטיל, און די אריינגעקומענע פרעגן:

״באבע, וואס איז דאס? וואס פאר א וואגן שטייט אינדרויסן?״

— עס איז שוין א וואונדערבארע זאך, קינדערלאך לעבן, — רופט זיך אן די אלטע פרוי — אונזער נעץ האט אריינגעכאפט א שיינעם פיש מיט שיינע און פיהל גלאנצעדיגע פלוס־פעדערן, דאס איז א רייכער אידישער סוחר וועלכער האט פארבלאנדזשעט, זעט אויס אז ער מוז מיט זיך פירן א היבש ביסל געלד, ער האט מיר געבעטן דא צו פארבלייבן ביז

איבער שבת, און אזוי ארום איז ער אריינגעפאלן אין אונזער נעץ. יעצט קינדערלאך נעמט זיך עסן אייער נאכטמאל, זאל דערווייל דאס אידעלע הויקען דארט, נאכדעם וועלן מיר אים שוין טאן זיין רעכט.

— „ניין, מיר וועלן קודם אים ערליידיגן נאך פארן עסן, אזוי וועט עס זיין אפעטיטליכער", — זאגן די באנדע פאר זייער מוטער.

ר' יואל הערט דאס גאנצע געשפרעך און ער דערזעט שוין וואו ער האלט און וואו ער איז אריינגעפאלן. די באנדע קומען אריין מיט א הילכיגן געלעכטער און פרעגן ר' יואל'ן:

— ווי קומסטו דא אהער? דו האסט דיר אליין אויסגעוויילט דיין טויט שטראף, זאג נאר קודם וויפל געלט האסטו מיט דיר?

ר' יואל הערט די ווערטער און זיצט פארשטיינערט, ער קען נישט ארויסרעדן א ווארט.

— רעד! וואס זיצסטו ווי א גולם? רעד! — רופט זיך אן דער הויפטמאן.

ר' יואל פאסט זיך מוט און זאגט:

— „וואס האב איך צו רעדן און צו זאגן, — איך זעה שוין אז איך בין א פארפאלענער, אריינפאלנדיג אין אייערע הענט, איר קענט טהון מיט מיר וואס איר ווילט, נאר איין זאך בעט איך ביי אייך, איר זאלט מיך לאזן לעבן נאך איין טאג, דעם שבת. דערנאך טוט מיט מיר וואס איר ווילט, לאזט מיך נאר איבערלעבן דעם איינעם טאג איך זאל מיך קענען מתוודה זיין איבער מיינע זינד וועלכע האבן מיך צוגעברייגגט דא אומצוקומען דורך אייערע הענד.

— ניין! ניין! — האבן די רויבער געענטפערט, — דאס וועלן מיר נישט מסכים זיין. אפילו איין שעה מעהר וועלן מיר דיך נישט לאזן לעבן, גיב נאר אהער וויפל געלט דו האסט.

ר' יואל ווייזט זיי אן אויף זיין בייטל וועלכער איז געווען

אוועקגעלייגט אין א ווינקל, זיי נעמען דאס און לייגן עס אריין אין זעלבן צימער אין א שופלאד.

יעצט נוצט אויס ר׳ יואל די געלעגנהייט און בעט זיך ווידער ביי די רויבער, זאגנדיג:

— מיין געלד האט איר דאך שוין, אייער באגער האט איר שוין אויסגעפירט, טוט מיט מיר נאר דעם וואונטש און לאזט מיך לעבן נאך פיר און צוואנציג שעה, דערנאך וועט איר טאן וואס איר ווילט, איך בין דאך ממילא דא ביי אייך, איר זיינט דאך זיכער דערמיט, וואס ארט עס אייך.

דער הויפטמאן האט איינגעוויליגט און באשטאנען, און האט געלאזט ר׳ יואל׳ן אין זיין צימער. אבער באלד קומט ער צוריק און ברענגט אריין אין צימער א שרעקליכן בער אלס וועכטער.

זיצט ר׳ יואל און קוקט אויפן בער, וועלכער ווארפט אן א שרעק נאר קוקנדיק אין זיין פנים אריין, און ער פאלט אוועק אן מאכט, ממש ווי פארחלשט.

אזוי איז ער געלעגן עטליכע מינוט ביז די ווילדע פויקערייען און זינגערייען פון די באנדע רויבערס האבן אים ווידער אויפגעוועקט פון זיין פארשלאפנקייט.

ווען ער האט זיך אביסל אויסגעניכטערט פון זיין געוואלדיקן שרעק האט ער אויסגעבראכן אין א יאמערליכן געוויין, נישט קענענדיג טראכטן אפילו וואס עס טוט זיך מיט אים.

ענדליך, ווען ער האט באמערקט, אז דער בער רירט זיך נישט פון ארט און שטייט ביי די טיר, האט ער זיך עטוואס בארואיקט. ער האט זיך אויך דערמאנט אז עס איז דאך איצט שבת קודש, האט ער זיך געגעבן א הויב אויף און געזאגט:

— השי״ת איז גערעכט! און זיין משפט איז גערעכט! ער האט אונז געגעבן דעם הייליקן שבת, דארף איך עס האלטן ווי עס דארף צו זיין,

השי״ת קען דאך שיקן זיינע שליחים מיך פון דא צו ראטעווען, און אויב איך בין עס נישט ווערד און דאס איז מיין לעצטער שבת אויף די וועלט, דארף מען דאך עס זיכער האלטן און עס אויסנוצן ווי א איד.

ער האט גענומען ארויסשלאגן פון קאפ די טרויעריקע געדאנקען און זיך געשטעלט דאווענען מיט א הויך קול.

מען קען זיך פארשטעלן וואס פאר א דאווענען ר׳ יואל האט אוועקגעלייגט, מיט גרויס התלהבות און צופלאמקייט, טרערן האבן פון זיינע אויגן געפלאסן אן קיין גרעניץ, יעדעסווארט האט ער געזאגט מיט געדולד און רואיקייט נישט איילנדיק. ביי די ווערטער: השכיבנו ה׳ אלוקינו לשלום, האט ער זיך צעכליפעט און פארגאסן טייכן טרערן ביי יעדעס ווארט.

נאכן דאווענען האט ער זיך געוואשן און קידוש געמאכט איבער די חלות, דער וויין האט ער שוין נישט געקענט נוצן ווייל די רויבערס זיינען געווען אין צימער און דער וויין איז געלעגן אויפן טיש. ער האט געגעסן א כזית חלה, מער האט ער נישט געקענט שלינגען. ער איז שוין געווען צו זאט פון די פארגאנגענע פאסירונג, דעריבער קען ער טאקע נישט עסן, אבער זמירות זינגט ער מיט ווארימקייט און מיט דביקות׳דיקע ניגונים, וועלכע דערהויבן אים ער זאל פילן די הייליקייט פונעם שבת.

ווען ער האט געענדיקט דאס ערשטע קאפיטל פון די זמירות, האט ער געעפנט די אויגן אויף א מינוט, און געזען ווי דער בער קוקט אויף אים און נעמט נישט אראפ די אויגן פון אים.

ר׳ יואל פארשטייט אז ער איז א געלערנטער און א פארשטאנדיקער בער. נעמט ר׳ יואל א שטיקל חלה מיט פלייש און דערלאנגט עס אים, אבער דער בער רירט עס נישט אן, ער רירט זיך נישט פון זיין פלאץ. ר׳ יואל איז צופרידן וואס דער בער לאזט אים אפ און טשעפעט אים נישט.

ער וואשט זיך מים אחרונים און בענטשט מיט גרויס כוונה, דערנאך קוקט ער אריין אין א ספר, פון וועלכן ער האט מיט זיך מיטגעבראנגט, ער זעט אבער נישט אויף די אויגן, די סיבה דערפון טראכט ער, איז צוליב

מידקייט, אדער פאר צומישטקייט, האט ער געלייענט קריאת שמע מיט גרויס כוונה און פרובירט כאפן א דרימל.

ליגט ער און וויל איינשלאפן, אבער עס גייט נישט, די געדאנקען לויפן און פליען דורך זיין מוח מיט א געוואלדיקע שנעלקייט. עס קומען ארויף אלטע זכרונות. ער דערזעט זיך ווי ער ווערט דערצויגן ביי זיינע טייערע אומפארגעסליכע עלטערן. ווי ער לערנט אין חדר, דערנאך אין די ישיבה. ער לערנט ביי זיין רבי'ן, און זיצט מיט גרויס פלייסיגייט און לערנט די הייליקע תורה.

דערנאך ווי ער האט חתונה און איז א איש מצליח, ער האט גוטע קינדער, וועלכע זיצן און לערנען פלייסיג און נאך זייער חתונה זיצן זיי און לערנען, און ער האלט זיי אויס מיט אלע געברויכן.

ער דערמאנט זיך אין די שיינע שבתים און ימים טובים, ווען ארום זיין טיש זיצן זיינע זין און איידעמס און נאך געסט, ער דערמאנט זיך ווי שיין און אנגענעם זיינען די שבתים אין שטוב, די געפילן בארירן אים, די שילדערונגען דערציטערן זיין קערפער, זיינע געדאנקען פליען ארום וועגן זיין הויז און זיינע געשעפטן. ער זעט זיך זיצן ביים שיעור יעדן טאג אינדערפרי און אין אוונט, זיין לעבן איז א גליקלעכער און ער פארמאגט ב"הביידע וועלטן, סיי תורה און סיי עשירות, זיין הויז איז א צענטער פאר יעדן ארעמאן, וועלכער ווערט באהאנדלט מיט הארץ און מיט געטריישאפט. ער דערמאנט זיך אויך אין די אנדערע מעשים טובים און די פיל צדקה וואס ווערט געטאן אין זיין הויז.

און איצט פליהט אים אדורך דער געדאנק ווי ער פרעגט ביים רב אויב ער זאל פארן, און דער רב הייסט אים פארן, נאר ער זאל מיטנעמען מיט זיך מאכלי שבת.

בליץ שנעל כאפט ער אויף דעם געדאנק, פארוואס האט דער רב געהייסן מיטנעמען עסן, שבת'דיקע מאכלים, וואס האט ער געמיינט דערמיט, האט דער רב געוואוסט וואס עס וועט מיט אים פאסירן? פארוואס האט ער אים געלאזט פארן?!

״און איצט ליג איך דא נעבן א שרעקליכן בער, וועלכער היט אויף מיר, אז איך זאל נישט קענען אנטלויפן. עס ווארט אויף מיר א ביטערן סוף...

אוי טאטע אין הימל. מיין בטחון איז נאר אין דיר, דיינע וועגן זיינען געררעכטע. אונז מיט אונזערע פליישיקע אויגן זעהען עס פאר שלעכט אבער דו השי״ת, ווייסט דאך וואס עס איז גוט פאר א מענטש, און פון דיר קומט נישט ארויס קיין שלעכט, ווי דער נביא זאגט: ״מאתו לא תצא הרעות״.

הייליגער באשעפער אין הימל, אונזערע הייליגע חכמים האבן אונז געלערנט ״הרבה דרכים למקום״, פיל וועגן האט השי״ת צו טאן גוטס פאר א מענטש, גלויב איך אז אויך מיט מיר וועט השי״ת טאן גוטס דורך עפעס א וועג, וועלכער איז פארהוילן פון מיינע אויגן. איך האב מיין בטחון נאר אין דיר אליין, גרויסער באשעפער!

דוד המלך, נעים זמירות ישראל, זאגט אין תהילים אין זיינע תפלות צו דיר: ״וישמחו כל חוסי בך לעולם ירננו״, די אלע וועלכע האפן צו דיר וועלן שטענדיק דיר לויבן פאר דעם גוטס וואס דו טהוסט מיט זיי, איך וויל אויך לויבן דיין נאמען דערציילנדיג די ניסים וואס דו וועסט מאכן מיט מיר, הייליגער פאטער! ראטעווע מיך ארויס פון די נעגל פון די רויבערס!...״

די זון גייט אויף, און די שטראלן דרינגען אויך אריין אין דעם צימער, וואו ר׳ יואל געפינט זיך. ער כאפט זיך אויף פון זיינע געדאנקען. ער זעט אז עס איז שוין טאג. ער באטראכט זיך אז ער האט נישט צוגעמאכט קיין אויג די גאנצע נאכט. ער שרייט אויס מיט א הויך קול, ״מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי״... און דא צוויינט ער זיך, און גיסט זיך שנעל אפ נעגל וואסער.

ער מאכט הכנות צום דאוונען, מען מוז אריינכאפן היינט וואס מער, ווייל ווער ווייס וואס עס וועט זיין שפעטער. ער פארלירט טאקע נישט זיין בטחון אין השי״ת, אבער ער טראכט, אפשר מוז ער עפעס אפקומען

און דאס איז זיין שטראף. ער שטעלט זיך דאוונען מיט א ברען און מיט א ווארימקייט, און טרערן פליסן פון זיינע אויגן אן אויפהער.

עס איז שוין מיטאג, ווען ער ענדיגט דאס דאוונען. ער מאכט קידוש אויף די חלות. און ווידער דערלאנגט ער דעם בער א שטיקל חלה מיט פלייש, אבער דער בער שטייט ווי א געטרייער שומר און רירט זיך נישט פון ארט. ר׳ יואל עסט קוים א כזית, וואשט זיך מים אחרונים און בענטשט.

נאכן בענטשן פארברייינגט ר׳ יואל די צייט מיט תורה ותפלה, ער איז פארטאן מיט תשובה און תפילה צו השי״ת.

אין זיינע געדאנקען לויפן יעצט דורך און דערמאנען אים פון זיין הויז־געזינט, דאס ווייב מיט די קינדער, וועלכע ווארטן אויף זיין אהיימקומען, און דא זיצט ער און עס ווארט אויף אים אין עטלעכע שעה ארום א שרעקליכער טויט ח״ו, ער וועט אפילו נישט קענען קומען צו קבר ישראל, אוי, גיט ער א קרעכץ און פאלט צו דער ערד, ווען א קוואל טרערן פליסט ארויס פון זיינע אויגן. ער האט אביסל איינגעדרימלט צוליב זיין מידקייט וואס ער האט נישט געקענט שלאפן ביינאכט.

ווען ער האט זיך אויפגעכאפט, האט ער דערזען אז די זון האלט שוין ביים אונטערגיין. ער שטארקט זיך און דאוונט מנחה. ער וואשט זיך צו שלש סעודות, מקיים זיין די דריטע סעודה פונעם הייליקן שבת.

ר׳ יואל נעמט די חלות אין די הענט און הויבט זיי אויף, מאכנדיק א ברכה מיט א געוואלדיקע כוונה און דערנאך עסט ער א כזית, ער טראכט נאכאמאל צו געבן פארן בער צו עסן, דער בער האט דאך נישט געגעסן פון נעכטן אן, אפשר וועט ער איצט שוין יא עסן. אבער אפשר זאל ער נישט פרובירן זיך צו טשעפען מיטן בער, ער וועט זיך נאך אויפרעגן.

וואס קען ער שוין דא דערלייגן, האט זיך ר׳ יואל מיישב געווען, ער וועט פרובירן.

ער האט דערלאנגט א שטיקל חלה מיט פלייש פארן בער, און קוקט

נאר א פלא, דער בער נעמט עס גערן און שלינגט עס אראפ מיט אפעטיט. ר׳ יואל גיט אים אלעס פון דעם טיש, אלע שיריים׳ס פון א גאנצן שבת און דער בער שלינגט אלעס, חלה, פיש, פלייש, וועלכע ליגן אויפן טיש.

ר׳ יואל קוקט אויפן בער מיט וואונדער, און באמערקט ווי דער בער איז עפעס פריינטליכער געווארן מיט אים, ער לאזט זיך אראפ אויף זיינע פיר פיס, און רוקט זיך אוועק אין א זייט, ער שטייט שוין נישט נעבן די טיר פעסט.

ר׳ יואל׳ס געדאנקען ארבעטן בליץ שנעל, ער פארשטייט אז דא מוז מען זען זיך צו ראטעווען באצייטנס, השי״ת האט צוגעהערט צו זיינע תפלות און האט געשיקט זיין שליח... דעם בער טאקע.

ר׳ יואל פרובירט און גייט ארויס פון צימער, און אינטרעסאנט דער בער טהוט אים גארנישט, ר׳ יואל גייט צו צו זיינע פערד און טרעפט זיי שטיין, אוואו ער האט זיי איבערגעלאזט. ער דערלאנגט זיי אביסל צו עסן, און קוקט צום הימל, וואו עס ווייזן זיך די ערשטע שטערנס. עס איז שוין נאכט.

א ציטער לויפט אדורך זיינע ביינער, טראכטנדיג אז די רויבער האבן אים געגעבן צייט צו לעבן ביז ביינאכט. ער פארלירט זיך אבער נישט, ער האט בטחון אין השי״ת, אז ער וועט געראטעוועט ווערן.

ער לויפט אריין אין צימער נעמען זיין טלית און תפילין, וועלכע זיינען געלעגן נעבן די שאפע, וואו די רויבערס האבן אריינגעלייגט זיין געלט, ער האט גענומען זיין טלית און אין איינוועגס אויך פרובירט צו עפענען דאס שיפלאד מיטן געלד, און טאקע געטראפן דארט זיין געלט.

ער האט אלעס גענומען און געלאפן, ער איז ארויס צו זיינע פערד און געגעבן א צי אין די לייטשעס. דער וואגן רירט זיך פון ארט און דער בער גייט אים נאך. ר׳ יואל ציטערט אביסל טראכטנדיג, וואס וויל דער בער פון מיר, וואס לאזט ער מיך נישט אפ?

ר׳ יואל האט נאכנישט גענוג געהאט קיין צייט צו טראכטן פונעם

בער, הערט ער ווידער דעם זעלבן גערויש פון יענע ווילדע זינגערייען וואס ער האט געהערט נעכטן ביי נאכט. זיין הארץ קלאפט ווי מיט א האמער, ער גייט כמעט אויס פון שרעק. די באנדע רויבערס יאגן אים נאך...

— אזוי גאר! — הערט ער א געשריי — ווארט נאר דו פארשאלטענער מענטש, גיי שוין צוריק אין צימער, דארט וועלן מיר דיר אין די מינוט טויטן. דו מיינסט אז דו וועסט זיך ארויסדרייען פון אונזערע הענט. ניין! האסט א ביטערן טעות. קום, קום, שוין צוריק צו דיין קבר, וואו דיינעביינער וועלן זיך וואלגערן...

די חברה שלעפן אים אראפ פונעם וואגן און פירן אים אין שטוב אריין. דער הויפט מאן רופט זיך אן, לאמיר זיך אביסל פריילאך מאכן מיט דעם איד, ער האט געוואלט אנטלויפן, זאל ער כאטש וויסן פון וועמען ער האט געוואלט אנטלויפן.

ר׳ יואל האט נאך נישט קיין צייט צו טראכטן און דער הויפט־מאן רופט זיך אן צו אים:

— דו איד, גיי טאנץ צוזאמען מיטן בער, לאמיר זען ווער עס קען בעסער דעם פאך. און צום בער רופט זיך אן דער רויבער: זאלסט ווייזן וואס דו קענסט, הערסט!

דער בער שטעלט זיך אויף זיינע צוויי אונטערשטע פיס און דערלאנגט דעם פאדערשטן פוס פאר ר׳ יואל, ער זאל מיט אים טאנצן, ר׳ יואל גייט נעבאך צום טאנצן, שעפטשענדיג ווידוי מיט זיינע ליפן, ער ווייסט אז דאס זיינען זיינע לעצטע מינוטן.

דער בער טאנצט גאנץ געמיטלאך מיט ר׳ יואל, צו די פרייד פון די רויבערס, וועלכע זיצן און קוקן זיך איין.

— נו, גענוג געטאנצט, — רופט זיך אן דער הויפט מאן צום בער, — איצט שוין צורייסן דעם מענטש!״.

ר׳ יואל שרייט ארויס ״שמע ישראל״ און ווארט דער בער זאל אים פארצוקן.

דער בער רירט זיך אבער נישט פון פלאץ, ער דערנענטערט זיך פאמעלאך צו ר׳ יואל׳ן און בלייבט שטיין נעבן אים נישט אנרירנדיק אים.

דער הויפט־מאן שרייט עטליכע מאל:

— נו, שוין צורייסן!

דער בער איילט זיך נישט. ער גיט עפעס א לעק מיט זיין צונג ר׳ יואל׳ן ווי א געטרייער הונט זיין בעל הבית.

ביי ר׳ יואל׳ן לויפט דורך א בליץ שנעל געדאנק, אפשר איז דער בער טאקע דער שליח אים צו ראטעווען, און דעריבער פאלגט ער נישט די רויבער.

— ״שוין צורייסן די רויבערס״, — רופט אויס ר׳ יואל, — און ווייזט אן אויף די באנדע.

און קוק נאר השי״ת׳ס וואונדער, דער בער גיט זיך א ווארף ארויף אויף די באנדע און ביז עטליכע מינוט ליגן זיי, די גאנצע באנדע צוריסן אויף שטיקער און צעשפרייט איבערן גאנצן צימער.

ר׳ יואל זעט, און ווערט פארוואונדערט פון וואס זיינע אויגן זעהען, ערווארפט זיך אויף דער ערד און פון זיינע אויגן עפנט זיך א קוואל פון פרייד טרערן, וועלכע לויבן און דאנקען השי״ת פאר זיינע וואונדערליכע וועגן, ווי אזוי ער איז געראטעוועט געווארן פון א זיכערן טויט.

דערנאך האט ער זיך שנעל אויפגעהויבן, און ארויס צו זיין פערד און וואגן, וואו ער איז ארויפגעשפרונגען און זיך גענומען יאגן, ווען דער גוטער בער גייט אים נאך די גאנצע נאכט, און לאזט אים נישט אפ.

איצט האט ער שוין נישט מורא געהאט פונעם בער, ער האט שוין פארשטאנען אז דער בער איז א שליח פון הימל, ער זאל אים היטן אויפן וועג פון פארשידענע געשעהענישן.

די פערד זענען שוין מיד, נישט וויסנדיג וואו אהין זיי דארפן גיין, און זיי שלעפן דעם וואגן לאנגזאם צווישן די וואלד־בוימער אין די פינצטערע נאכט.

ר׳ יואל האלט א גאנצע צייט אין איין דאנקען השי״ת פארן גרויסן חסד וואס ער האט געטאן מיט אים, ער האט אים געראטעוועט פון טויט צום לעבן, און דערצו אויך זיין פארמעגן, דאס געלט וועלכעס ער האט מיט זיך געהאט איז אים אויך צוריקגעקומען, און אינמיטן וואלד, אין די טיפע פינצטערניש האט זיך צושפרייט דאס הויכע געזאנג פון ר׳ יואל וועלכער האט זיך צוזונגען דאנקענדיג השי״ת: ״אודה ה׳ מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו, כי יעמוד לימין אביון להושיע משופטי נפשו״, אזוי האט ר׳ יואל געזונגען פארשידענע לויב־ווערטער צו השי״ת.

ווען דער מארגן שטערן איז ארויף, האט ר׳ יואל באמערקט, אז ער געפינט זיך שוין ביים עק פונעם וואלד, און דא דערזעט ער דעם ריכטיקן וועג, וועלכן ער דערקענט גוט, מיט פרייד זיינען אויך די פערד געלאפן צו די ריכטונג פונעם וועג.

ר׳ יואל וואונדערט זיך א גאנצע צייט און ער האט עטליכע מאל געטראכט, ביז וואו וועט דער בער אים נאכגיין, אויב ער וועט אנקומען ביז צו אים אהיים, וועט ער אים געבן א שיינעם פלאץ אין זיין הויף.

איצט, ווען ר׳ יואל האט דערזען דעם ריכטיגן וועג פאר זיינע אויגן, האט ער געטריבן די פערד צו דעם ריכטונג. ערשט ווען ער איז אפגעפארן עטליכע מייל האט ער זיך דערמאנט צו געבן א קוק וואס הערט זיך מיטן בער.

ער גיט א קוק אויף צוריק, אבער דער בער איז נישטא. ער קוקט נאכאמאל ארונטער, אין די זייטן, ניין, ער איז נישטא, וואו איז ער? איך מוז זען וואו ער איז געבליבן, איך האב דאך אים נאך געזען ביים ענדע וואלד. און ר׳ יואל דרייט צוריק דעם וואגן צו דעם ריכטונג פון וואלד.

אנקומענדיק צום אנפאנג וואלד, טרעפט ר׳ יואל צו זיין גרויס איבערראשונג אז דער בער ליגט אויף דער ערד, נעבן די ערשטע בוימער

פון וואלד א טויטער, ר׳ יואל האט געשפירט אז ער איז שולדיג עפעס פאר דעם בער, וועלכער איז געווען דער שליח אים צו ראטעווען, דעריבער האט ער באשלאסן נישט צו לאזן דעם בער ליגן אזוי, נאר ער האט אויפגעגראבן א גרוב, אריינגעשארט דעם טויטן בער און אים באשאטן מיט ערד.

דערנאך האט ר׳ יואל ערשט פארשטאנען, אז דער בער איז געווען א שליח אים צו ראטעווען, סיי פון די רויבערס, און סיי פון אנדערע געשעענישן פון וואלד. ער האט ווייטער פארגעזעצט זיין רייזע און דעם גאנצן וועג געלויבט און געדאנקט השי״ת פאר די גרויסע חסדים, וועלכע ער האט מיט אים געטאן.

ווען ר׳ יואל האט דערזען די שטאט אין וועלכע ער וואוינט, און זיך געזען נעבן זיין שטוב, האט ער געדאנקט השי״ת נאכמער פון טיפן הארץ אויף דעם וואס ער האט אים געהאלפן צו דערלעבן ווידער אמאל זיך צו טרעפן מיט זיינע בני בית, אין דער צייט וואס ער האט זיך שוין געהאט געזעגנט פון זיי אין יענעם מערדערישן צימער.

מיט פרייד האט ער דערציילט פאר זיינע בני בית די גרויסע ניסים וואס מיט אים איז געשען, און אויף וואס פאר א וואונדערליכן אופן האט השי״ת צוגעשיקט דעם ריכטיקן שליח אין די ריכטיקע מינוט.

ווען ער האט זיך עטוואס בארואיגט, איז ער געגאנגען צום רב פון שטאט און אים דערציילט די גאנצע פאסירונג. ער האט געפרעגט ביים רב, ער זאל אים קלאר מאכן זיין וואונדער אויף דעם וואס דער רב האט אים געהייסן מיטנעמען מיט זיך שבת־מאכלים, וואס דאס איז א באוויז אז דער רב האט געוואוסט וואס מיט אים וועט פאסירן. דעריבער פארשטייט ער נישט, ווי אזוי האט איהם דער רב געלאזט גיין און אריינפאלן צו אזעלכע רויבער־באנדעס?

דער רב האט אים בארואיגט, געבעטן זיצן, און צו אים געזאגט:

— "דיין וואונדער קען איך דיר פארענטפערן נאר דאן, אויב דו וועסט מיר צוזאגן אז ווי לאנג איך לעב וועסטו קיינעם נישט דערציילן דאס וואס איך וועל דיר זאגן.

ר' יואל האט צוגעזאגט, און דער רב האט געזאגט:

— "וויסן זאלסטו, מיין טייערער, אז ווען איך האב דיר געהייסן מיטנעמען די חלות מיט די שבת־מאכלים, האב איך געוואוסט, אז דו גייסט איצט אין א גרויסע שליחות וואס פון הימל האט מען דיך מזכה געווען דערצו.

דער בער וואס איז געווען א שליח צו זיין דיין רעטער, איז געווען א גלגול פון א איד, וועלכער האט גרינגגעשעצט דאס עסן שלש סעודות שבת. אט דער איד איז מגולגל געווארן אין דעם בער פון וואלד.

דערמאן דיך, אז ווען דו האסט געגעבן פארן בער חלה פון פרייטאג צונאכט און פון שבת מיטאג, האט ער זיך דערצו ניט געוואלט צורירן, אבער ווען דו האסט אים דערלאנגט מאכלים פון שלש סעודות האט ער עס צוגעכאפט, ווייל דורך דעם האט די נשמה פון דעם גלגול באקומען דעם תיקון, און דער בער האט געדארפט שוין אויפן פלאץ פאלן א טויטער.

נאר אזוי ווי דער בער האט געדארפט ראטעווען זיין נשמה־רעטער, איז ער געבליבן לעבן ביז ער האט פון דיר צוגענומען די סכנה, און ער האט אויסגעפירט ערליך זיין שליחות.

ווען דו ביזט שוין אבער געווען ביים עק פונעם וואלד האט דער בער שוין נישט געהאט וואס דיר צו העלפן און איז געקומען צו זיין סוף, גוט האסטו געטאן וואס דו האסט אים מקבר געווען. ער האט געהאט זיין תיקון, און דו ביזט געראטעוועט געווארן. איך האף אז דו פארשטייסט שוין איצט אלעס קלאר, און האסט נישט קיין פאראיבל איבער מיר.

— חלילה! חלילה! — רופט זיך אן ר' יואל — איך האב פריער אויך נישט געהאט, איך האב נאר געבעטן אז דער רב זאל מיר געבן צו

פארשטיין די אורזאך דערפון, פארוואס ער האט מיך געלאזט פארן, אבער איצט איז מיר שוין אלעס קלאר, און איך דאנק השי"ת נאכמער אויך דערפאר וואס איך בין געווען דער שליח א טובה צו טאן א איד, וועלכער איז שוין אויפן עולם האמת.

ר' יואל האט אנגעגרייט א סעודת הודאה, ער האט צוזאמענגערופן אלע ארעמעלייט פון שטאט און געטיילט גרויסע סומעס צדקה.

יעדעס יאר האט ער געמאכט א סעודה און דערציילט די גאנצע געשיכטע פון יענעם שבת.

דאס ערשטע יאר נאכדעם וואס דער באליבטער רב איז נפטר געווארן, האט ר' יואל דערציילט וואס דער רב האט אים געזאגט, און דער פאראייביקטער כבוד פון רב איז נאכמער געשטיגן, טראכטנדיק די הייליקע רייד פון די חכמים ז"ל "גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהן" וואס מען האט געטייטשט, אז די צדיקים נאכדעם וואס זיי ווערן נפטר ווערט מען געוואויר זייער גרויסקייט, מער פון דאן ווען זיי האבן געלעבט...

מיין סעודה וועט העלפן

דוד המלך זאגט אין תהלים: "סעדני ואושעה" — אויב דו וועסט עסן מיין סעודה, די סעודה פון מלוה מלכה, וועל איך דיר דאן העלפן.

(אבקת רוכלים)

אליהו הנביא

דעריבער דערמאנט מען אליהו הנביא מוצאי שבת, ווייל די חז"ל זאגן אז אליהו וועט אנזאגן די בשורה פון די גאולה, און די חז"ל זאגן אויך אז אליהו וועט נישט קומען ערב שבת און ערב יום טוב, איז גלייך ווי דער שבת גייט אוועק דערמאנען מיר אז אליהו קען שוין קומען אנזאגן די בשורה.

(טור סי' רצ"ה)